STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05691

1905

Moissaye J. Olgin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין

1905

•

ארויסגעגעבן פון
אָלגין אָנדענק קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1940.

•

פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמיטעט
פאַר מ. אָלגינס אויסגעוויילטע ווערק:
מאַקס שטיינבערג
פּ. נאָוויק
ר. זאַלצמאַן
אהרן קורץ
ס. פעלדמאַן

אינהאלט:

זייט

פאָרוואָרט — 5

געלעבט־געקעמפט:

געלעבט־געקעמפט — 21
אויפן קבר פון מיינע ברידער — 31
אין דאָרף — 33
ער וועט העלפן — 36
בילדער פון קאמפס־פעלד — 38
אינעם רויטן נעבל — 44
א שרעקנדער שאָטן — 47
פרילינג־געדאנקען — 49
אהין—אין דער הויך — 54
וואָס שאַפן מיר היינט? — 56
תפיסות — 58
מיט לעקערט'ס פריינט און חברים — 61

אין דער כמארע:

וואָס באווייזט דער מאָסקווער אויפשטאנד? — 69
אין דער כמארע... — 71
ס'איז רואיג — 73
צוריק „שיינעץ" זאָגט מען ניט — 75
זובאטאָווטשינע — 78
ניטאָ קיין ווערטער — 80
וואל־מאַטיוון — 82
וואל־פרייהייט — 85
ריין און כשר — 87
דער רוסישער ליבעראליזם — 90
יונגע זקנים — 94
צוויי וועגן — 97
פארצויגן דעם שטריק — 101
אין טאווּרישן פאלאץ — 104
אין טאווּרישן פאלאץ (שטריכן) — 108
די חתונה (גאסן־בילדער אין פעטערבורג דעם 27טן אפריל) — 111

אויף דער ערשטער זיצונג (אין גאָסודאַרסטווענע דומע) — — 117
לאַנגווייליג — — — — — — — — — — — — — — 120
א טויטע איינריכטונג (אין גאָסודאַרסטווענע דומע) — — — 123
ווי לאַנג? (אין גאָסודאַרסטווענע דומע) — — — — — — — 126
אין גאָסודאַרסטווענע דומע (13טן מאַי) — — — — — — — 130
אין גאָסודאַרסטווענע דומע (16טן מאַי) — — — — — — — 136
אַרום דומע — — — — — — — — — — — — — — 139
אַקאַדעמישע פרייהייט און פּאָליציי — — — — — — — — — 142
דווינסקער געזעצגעבונג — — — — — — — — — — — 145

פּאָגראָמען:

אויף האָמלער שלאַכטפעלד — — — — — — — — — — — 149
ביאַליסטאָק („אין וואַגאָן", „אין שפּיטאָל") — — — — — — — 152
די שרעקן אין ביאַליסטאָק („אין גאַס") — — — — — — — — 156
די שרעקן אין ביאַליסטאָק („יאָמער", „דעם טויט אין די אויגן", „זיי שווייגן", „עדות און פאַקטן", „דער חורבן") — — 159
די שרעקן אין ביאַליסטאָק („וואָס האָט געטאָן די זעלבסטשוץ?") 170
די שרעקן אין ביאַליסטאָק („פּאָליציי און סאָלדאַטן", „א שטראָף־עקספּעדיציע") — — — — — — — — — — — — — 173
די לינדן־ביימער בליען — — — — — — — — — — — 177
צום נייעם יאָר — — — — — — — — — — — — — 179

דאָס פאָלק וועט זיגן:

„ווען א הויז ברענט, ווער טראַכט וועגן צעבראָכענע שויבן?" — 183
היפּוכים — — — — — — — — — — — — — — — 185
פּאַפּירענע שווערדלעך — — — — — — — — — — — 190
א קליינער פעליעטאָן — — — — — — — — — — — 193
פייער־צונגען — — — — — — — — — — — — — — 194
„פּאָטיאָמקין" — — — — — — — — — — — — — 198
אין דער אַרמיי — — — — — — — — — — — — — 205
פון טאָג צו טאָג — — — — — — — — — — — — — 211
די קראַפט פון די מערדער און די קראַפט פון דעם פאָלק — — 212
„הערשער" און „אונטערטעניגע" — — — — — — — — — 213
הענקער־קאַטאָוועס — — — — — — — — — — — — 215
מיין פאָן — — — — — — — — — — — — — — — 216

גלאָסאַר (רוסישע ווערטער און פּאָליטישע טערמינען) — — — — — — — 219

„1905” און דער „בונד”

(פאָרוואָרט)

די רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד — די טעמע פון דעם פאָרליגנדיגן ערשטן בוך פון די געזאַמלטע ווערק פון מ. אָלגין — איז געווען איינע פון די גרעסטע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען פונעם היינטיגן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די „גרויסע רעפּעטיציע” צו דער זיגרייכער רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917. די געשעעניש פון 1905 האָבן געהאַט אַ טיפע ווירקונג סיי אויף רוסלאַנד, ניט געקוקט אויפן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, סיי אויף אַ ריי אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און אַזיע.

1905 אין רוסלאַנד. פון הינטן איז שוין געלעגן אַ געשיכטע פון העלדישן אונטערערדישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די אידישע ארבעטס־מענטשן האָבן מיטן בלוט פון די הירש לעקערטס שוין געהאַט אריינגעשריבן זייער אָנהויב. און אין מאַנדזשוריע פלאַקערט די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און ברענגט דעם צאַריזם איין מפּלה נאָך דער אַנדערער: פּאָרט־אַרטור געפאַלן, מוקדען פאַרלאָרן, דער פלאָט צעשמעטערט ביי צוסימע. דאָס גאַנצע לאַנד זעט ווי צעפוילט עס איז די צאַרישע הערשאַפט. נאָר פּיאַניג איז זי געווען צו מאַכן אַ בלוט־באָד פאַרן ווינטער־פּאַלאַץ דעם 9טן יאַנואַר. טראָגט זיך דער צאָרן איבערן לאַנד, וואַקסט די כוואַליע סטרייקס: אַרונטער מיט דער זעלבסט־הערשונג! הויבט אויף די פאָן פון רעוואָלוציע די פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין”. גייען אַוועק פּריצישע הויפן מיטן רויך. בונטעוועט זיך דאָס מיליטער. איז אומרואיג אין פלאָט. פלאַקערן דעמאָנסטראַציעס און סטרייקס אין פּעטערבורג, מאָסקווע, אָדעס, ראָסטאָוו, וואַרשע, לאָדז, ביאַליסטאָק, קאַטערינאָסלאַוו.

רוסלאַנד האָט זיך געטרייסלט, — אייראָפּע, די גאַנצע וועלט האָט דערפילט דעם סאָציאַלן שטורעם. הויך און העכער שטייגן די כוואַליעס! גיט דער צאַר אַרויס אַ מאַניפעסט און זאָגט צו פרייהייט. וואָרענען די רעוואָלוציאָנערע פירער. דאָס לאַנד ווערט פאַרגאָסן מיט אידיש בלוט: פּאָגראָמען. הויבט אויף די פאָן לייטענאַנט שמידט אויף דער קריגס־שיף „אָטשאַקאָוו”.

די ארבעטער־קווארטאַלן ווערן פאַרגאָסן מיט בלוט אינעם מאָסקווער אויפ־שטאַנד. עס קומט זיך צונויף די ערשטע דומע און ווערט פאַנאַנדערגעלאָזט — און פאַרביטן מיט דער צווייטער. די כוואַליעס גייען אָפּ — האַרבסט. די כוואַליעס זיינען אָפּגעלאָפן — ווינטער, בייזע ווינטן.

די כוואַליעס פון 1905 זיינען ניט געגאַנגען מיטן געהעריגן אימפּעט. ניט אַלע מאָל אין דער געהעריגער ריכטונג. ניט אַלע שטערונגען און צוימען זיינען אָפּגעראַמט געוואָרן, ווען דאָס אייז האָט גענומען גיין נאָכן 9טן יאַנואַר. די פאַרגאַנגענהייט איז נאָך געווען צו שטאַרק און די מיטלען זיינען געווען ניט גענוגנדיג, אַז די רעוואָלוציע זאָל זיגן. 1905 איז געווען — די גרויסע רעפּעטיציע פאַר דער קומענדיגער זיגרייכער רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917.

דער פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן איבער אַ האַלב־פעאָדאַלער לאַנד, וואו די פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג (אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס) האָט באַ־טראָפן 17 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער. אַ באַדייטנדיגער טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז געווען קאָנצענטרירט אויף גרויסע אונטער־נעמונגען — און דאָס איז געווען אַ גינסטיגער עלעמענט פאַר דער רעוואָ־לוציע: אין 1905 זיינען געווען אין רוסלאַנד 300 פאַבריקן מיט העכער טויזנט אַרבעטער אויף יעדערער, און דריי־פערטל פון דער צאָל פאַבריקן האָבן באַשעפטיגט צוזאַמען אַ מיליאָן מיט 640 טויזנט אַרבעטער. אָבער דאָס לאַנד איז געווען אַ פּויעריש, מיט אַ האַלב־פעאָדאַלער סיסטעם: פּריצים־הערשער און לאַנד־שקלאַפן. אין דער אידישער געטאָ (תחום) האָט דער אייז־גאַנג פון דער רעוואָלוציע לייכט געבראָכן די „פּאַטריאַרכאַלע” טראַדיציעס און די צוימען פון פאַנאַטיזם, אָבער איבער־נאַכט האָט דאָ ניט געקאָנט באַ־שאַפן ווערן קיין פּראָלעטאַריאַט. די באַזע פון דער באַוועגונג איז געווען די זייער קליינע אונטערנעמונג פון עטלעכע געזעלן, אָדער עטלעכע פּריקאַז־טשיקעס (אָנגעשטעלטע). די פּראָלעטאַריער פון די ווערקשטאַטן, געשעפטן און געציילטע פאַבריקן אין אידישן תחום זיינען אין גרויסע מאַסן געגאַנגען אין די וועגן פון הירש לעקערט, זיינען געווען באַזעלט מיט העלדישקייט און דורכגעדרונגען מיט קאַמפּס־מוט, האָבן פּולסירט מיטן גאַנג פון דער רעוואָ־לוציע, אָבער אין דער זעלביגער צייט זיינען גרויסע טיילן זייערע מיט טויזנטער פעדים געווען פאַרבונדן מיטן קליינבירגערטום און אָנגעשטעקט מיט זיינע שטימונגען.

אַנטשיידנדיג איז געווען די ראָל פון פּויערטום. די פאַרהעלטנישמעסיג־שוואַכע באַוועגונג צווישן די פּויערים, דער ניט־גלייכמעסיגער אימפּעט אין

אַט־דער באַוועגונג, ד'ער ניט־גענוג אָנגריפנדיגער כאַראַקטער אירער, די צעשאַטנקייט און ניט־האַרמאָניזירטקייט פון די אױיסטרעטונגען סיי פונעם פויערים־פאָלק, סיי פון דער אַרמיי, האָבן געבראַכט צום דורכפאַל. און דורכ־געפאַלן איז די רעוואָלוציע צוליב דעם, ווייל חוץ די באָלשעוויקעס האָבן אַנדערע ריכטונגען געהאַט אַן אָנהאַלט צווישן די אַרבעטנדיגע — מייסטנס פון די קלענערע אונטערנעמונגען — און דער עיקר צווישן די ניט־פּראָלע־טאַרישע עלעמענטן. די אַלע ריכטונגען, צווישן וועלכע עס איז געווען דער „בונד", דעקן זיך מיטן טערמין: מענשעוויזם.

צווישן דעם באָלשעוויזם און מענשעוויזם איז געווען אַ טיפע מיינונגס־פאַרשיידנקייט בנוגע דעם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע און דער ראָל, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אין איר שפּילן; בנוגע דער באַציאונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט צו די פויערים—פון איין זייט—און צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע פון דער אַנדערער. די דאָזיגע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן האָבן זיך קריסטאַליזירט אויף צוויי צוזאַמענקונפטן: אַ קאָנפערענץ פון די מענשע־וויקעס אין אָנהויב 1905 און — דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי אין לאָנדאָן, אין אַפּריל 1905, וואו די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט די מערהייט.

„צוויי צוזאַמענפאָרן — צוויי פּאַרטייען", האָט לענין דערקלערט.

די וועגן פון די באָלשעוויקעס (מערהייטלער, פון וואָרט „באָלשינסטוואָ", מערהייט און די מענשעוויקעס (מינדערהייטלער, פון וואָרט „מענשינסטוואָ", מינדערהייט) זיינען שוין געגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען זינט דעם היסטאָרישן דריטן צוזאַמענפאָר אין 1903, וואו לענין האָט געהאַט די מער־הייט און זיין ליניע איז אָנגענומען געוואָרן. איצט האָט זיך פּאַקטיש געהאַנדלט וועגן צוויי פּאַרטייען.

צוויי פּאַרטייען — צוויי קאַמפּאַסן.

עס איז געווען שוין נאָכן בלוטיגן זונטאָג פון 9טן יאַנואַר. עס האָבן זיך געטרייסלט די זיילן פון דער צאַרישער מאָנאַרכיע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ענדערן דאָס פּנים פון רוסלאַנד, — און דערמיט אויך דאָס פּנים פון אייראָפּע און אַזיע. פון פּאַסיפיק ביזן באַלטישן ים, פון אַרטיק ביז טערקיי און כינע האָט זיך געטראָגן אַן אויפגעשטורעמטע סטיכיע. וואוהין? וואָס פאַר אַ סאָרט רעוואָלוציע איז עס? אין וועלכער ריכטונג דאַרף מען זי טרייבן?

עס זיינען געשטאַנען פראַגן: וועגן אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן אויפ־שטאַנד, אַראָפּוואַרפן די צאַרישע רעגירונג, שאַפן אַ צייטווייליגע רעוואָלוציאָ־

נערע רעגירונג, אַנטיילנעמען — אָדער ניט — אין דער דאָזיגער רעגירונג; וועגן דער באַציאונג צום פּויערטום, צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, און דאָס גלייכן. „עס איז נויטיג געווען אויסצואַרבעטן אַן אייגנהייטלעכע און דורכגעטראַכטע טאַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע." („געשיכטע פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אידישע אויסגאַבע, ז. 76.) אָבער צוליב דעם אָ פּ אָ ר ט ו נ י ז ם און די ש פּ אַ ל ט ו נ ג ־ אַ ק צ י ע ס פון די מענשעוויקעס איז די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען צעשפּאָלטן אין צוויי פראַקציעס.

די באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, די מענשעוויקעס האָבן ניט געוואָלט. די באָלשעוויקעס האָבן צונויפגערופן דעם צוזאַמענפאָר — די מענשעוויקעס האָבן גערופן אַן אייגענעם, אָבער אַזוי ווי עס זיינען געווען וויניג דעלעגאַטן האָבן זיי עס אַ נאָמען געגעבן: קאָנפערענץ. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן איין ליניע — די קאָנפערענץ אַן אַנדערע.

לויט דער ליניע און די באַשלוסן פון דעם דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז אויסגעקומען: ס'איז רעוואָלוציע פון אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, אָבער דער פּראָלעטאַריאַט איז מער ווי אַנדערע עלעמענטן אין איר פאַראינטערעסירט. דער זיג פון דער רעוואָלוציע וואָלט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו אָרגאַניזירן און א ר י ב ע ר ג י י ן פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע צו דער סאָציאַליסטישער. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז דער אָנפירער פון דער רעוואָלוציע — דורך דעם פּאָליטישן מאַסן־סטרייק — מוז זיך פאַרבינדן מיט זיין נאַטירלעכן שותּף — דאָס פּויערטום, וועלכעס קאָן ניט באַקומען קיין ערד אָן אַ פולן זיג פון דער רעוואָלוציע. די ליבעראַלע בורזשואַזיע, וועלכע איז נ י ט פאַראינטערעסירט אין אַזאַ זיג, ווייל זי דאַרף האָבן די צאַרישע מאַכט ווי אַ בייטש געגן די אַרבעטער און פּויערים, קאָן קיין שותּף ניט זיין. אין פאַל פון אַ זיג פונעם פאָלקס־אויפשטאַנד געגן צאַריזם, ווען עס זאָל געשאַפן ווערן אַ צייטווייליגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וועט זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ביי גינסטיגע באַדינגונגען, ניט אָפּזאָגן פון באַטייליגן זיך אין איר.

די ליניע פון דער קאָנפערענץ פון די מענשעוויקעס איז געווען: אַזוי ווי די רעוואָלוציע איז אַ בורזשואַזע — קאָן נאָר די ליבעראַלע בורזשואַזיע שטיין בראש פון איר. דער פּראָלעטאַריאַט מוז גיין מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע און ניט מיטן פּויערטום. ווען די רעוואָלוציע וועט זיגן וועט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרפן אָפּטרעטן אַן אַ זייט כדי ניט אָפּצושרעקן

די בורזשואזיע; ניט אַנטייל נעמען אין אַ צייטווייליגער רעגירונג, ווייל זי וועט ניט זיין קיין סאָציאַליסטישע. (זע: „געשיכטע פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", זז. 75-79.)

אַ צענטראַלער פּונקט אין דער פּאָזיציע פון פּאַרטיי־צוזאַמענפּאַר איז געווען לענינ'ס טעאָריע וועגן דעם אַ ר י ב ע ר װ אַ ק ס ן פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער. „ניט אַריינלאָזנדיג זיך אין וועלכן עס איז אַוואַנטוריזם, ניט פאַרראַטנדיג אונזער וויסנשאַפטלעכן געוויסן און ניט יאָגנדיג זיך נאָך ביליגער פּאָפּולאַריטעט — האָט לענין געשריבן — קענען מיר זאָגן און זאָגן נ אָ ר אַ י י ן ז אַ ך: מיר מוזן מיט אַלע אונזערע כחות העלפן דעם פּויערטום מאַכן די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, כדי עס זאָל זיין ג ר י נ ג ע ר פאַר אונז, פאַר דער פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט, איבערצוגיין אַזוי שנעל ווי מעגלעך צו נייע און העכערע אויפגאַבן — די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע." („די באַציאונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער פּויערים־באַוועגונג", באַנד 8, צווייטע רוסישע אויסגאַבע, ז. 187.) ווען מען האָט אַ ז ו י נ ס אין זינען, האָט מען באמת אין זינען דעם פולן זיג פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע — דאָס וואָס די בורזשואזיע אַליין וויל ניט — און דעמאָלט קאָן מען זיך מיט דער ליבעראַלער בורזשואזיע ניט פאַרבינדן. דעמאָלט מוז מען גיין פאַראויס מיטן גרעסטן אימפּעט. ווען מען האָט אָבער ניט אין זינען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, פאַרוואַנדלט מען דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַן אינסטרומענט פון דער בורזשואזיע, ער זאָל זי העלפן קומען צו דער מאַכט. אָט דאָס האָבן די מענשעוויקעס געוואָלט מאַכן פונעם פּראָלעטאַריאַט (אויך אין 1917). אָבער די בורזשואזיע איז גלייך פון אָנהויב גרייט געווען אויף פּשרות מיטן צאַר. די פּאַרטיי פון דער בורזשואזיע, די קאַ־דע'טן־פּאַרטיי (זע ווערטער־פּאַרטייטשונג צום סוף פון בוך) איז געווען אַ „קאָנסטיטוציאָנעל" מ אָ נ אַ ר כ י ס ט י ש ע פּאַרטיי.

דער סיכסוך צווישן באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס איז, ווי אַלע מאָל, ניט געווען אַן ענין פון אַבסטראַקטער טעאָריע, — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ז י ג אָדער ד ו ר כ פ אַ ל פון דער רעוואָלוציע. אין „די לעקציעס פונעם מאָסקווער אויפשטאַנד" האָט לענין אָנגעוויזן, אַז איינע פון די הויפּט־סיבות פאַר דעם דורכפאַל פון דעם מאָסקווער אויפשטאַנד איז געווען — די ניט־דרייסטקייט אין דער אָנפירונג. דער מאָסקווער אויפשטאַנד, אַרויסגערופן פון דעם אָרטיגן סאָוועט, וועלכער איז געווען אין דער מערהייט אַ באָלשעוויסטישער, איז ניט אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די סאָוועטן אין אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די מענשעוויקעס,

טראָצקיסטן. דער דעצעמבער גענעראַל־סטרייק האָט זיך ווייטער, אויסער מאָסקווע, כמעט ווי ניט פאַרשפּרייט. דאָס האָט געגעבן דעם צאַריזם אַ געלעגנהייט צו ברענגען מיטן באַן „זיכער" מיליטער פון אַנדערע ערטער. אין מאָסקווע גופא האָט מען ניט ענערגיש געהאַנדלט. כאָטש די באָלשעוויקעס זיינען געווען אין דער מערהייט אין סאָוועט, זיינען אָבער אויך געווען אַנדערע פּאַרטייען. מ'האָט דיסקוטירט, פאַרלאָרן צייט, מ'האָט ניט גענוג אָנגעגריפן. דאָס מיליטער האָט זיך געוואַקלט און איז שוין אפילו טיילווייז געווען אַרויסגעגאַנגען פון די קאַזאַרמעס מיט געווער אין די הענט, גרייט אָנצושליסן זיך אָן דער רעוואָלוציע, אָבער די צאַרישע מיליטער־אָנפירונג איז געווען פלינקער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און האָט די סאָלדאַטן צוריק אוועקגעפירט אין די קאַזאַרמעס.

די רעוואָלוציע איז פאַרשפּילט געוואָרן צום גרויסן טייל צוליב דער ראָל פון די מענשעוויקעס, עסערן.

וואָס פאַר אַ ראָל האָט דאָ געשפּילט דער „בונד"?

פון אָנהויב אָן האָט ער געפירט אַ פּאַר'עקשנ'טן און פאַרביטערטן קאַמף, אַ שפּאַלטנדיגן און דעמאָראַליזירנדיגן, פאַר סעפּאַראַטיזם, פאַר מאָנאָפּאָליע איבער דער אידישער אַרבעטערשאַפט („דער איינציגער פאָרשטייער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט"), פאַר האַלטן די אידישע אַרבעטער אָפּגעזונדערט פון אַנדערע, סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש, — אין אייגענע (בונדישע) פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס). ער האָט אינעם באַגינען פון דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד געשטיצט די פעלשער פון מאַרקסיזם, די „עקאָנאָמיסטן", וועלכע האָבן געפּרעדיגט, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף ניט אַריינגעצויגן ווערן אין פּאָליטישן קאַמף. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אויף דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר אין 1898 (אַ יאָר נאָך זיין אייגענער גרינדונג) מיטן רעכט אויף אויטאָנאָמיע אין פראַגן, וואָס רירן ספּעציעל אָן די אידישע אַרבעטער, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן פאַר אַ פעדעראַציע פון סעפּאַראַטע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן. ער האָט מאַנעווירט, געשפּאָלטן אין 1903, אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר, איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי. ער האָט געפירט אַ פאַרצערנדיגן קאַמף אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג גופא — אַ סעפּאַראַטיסטישן און נאַציאָנאַליסטישן קאַמף — אין משך פון אַלע יאָרן פון דער רעוואָלוציע.

כמעט די גאַנצע צייט פון דער רעוואָלוציע איז דער „בונד" געשטאַנען אין אַ מלחמה מיט דער פּאַרטיי. ווען ער האָט ווידער אָנגעקניפּט פאַר־

בינדונגען מיט דער פּאַרטיי, נאָכן פערטן צוזאַמענפאָר (אַפּריל 1906), זיינען שוין די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע געווען אין שנעלן אָפּגאַנג. פיל באָל־שעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען צעשטערט נאָכן מאָסקווער אויפשטאַנד און האָבן ניט געקאָנט שיקן קיין דעלעגאַטן צו דעם צוזאַמענפאָר. די מערהייט איז געווען אַ מענשעוויסטישע — און דער „בונד” האָט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען. באמת אריין אין דער פּאַרטיי איז ער ערשט אין אויגוסט 1906, נאָך אַ באַשלוס פון 7טן „בונד”־צוזאַמענפאָר (אין לעמבערג). דערביי האָט דער צוזאַמענפאָר אין אַ רעזאָלוציע דערקלערט, אַז כאָטש דער „בונד” טרעט אריין אין דער פּאַרטיי, איז ער ניט מסכים מיט איר צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע!... דער „אריינטריט” איז געווען ניט קיין אויפריכטיגער, ווי די ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען האָבן באַוויזן, אַז אָפּאָרטוניסטישער.

„דער לעניניזם איז געבאָרן געוואָרן, איז אויפגעוואַקסן און געקרעפטיגט געוואָרן אין דעם אומ׳ברחמנות׳דיגן קאַמף מיט די אָפּאָרטוניסטן פון אַלע קאָלירן”, האָט אָנגעוויזן סטאַלין אין זיין באַרימטן בריוו אין רעדאַקציע פון „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ” (אין 1931). דער דאָזיגער קאַמף לענינ׳ס האָט געהאָלפן אויסשמידן די פּאַרטיי, וואָס האָט ענדלעך געבראַכט צום זיג פון דער רעוואָלוציע. און געגן „בונד”, ווי געגן איינעם פון די „אָפּאָרטוניסטן פון אַלע קאָלירן”, האָט לענין געפירט אַ ביטערן און לאַנגיאָריגן קאַמף.

שוין אין זיין „טשטאָ דיעלאַט?” (וואָס דאַרף מען טאָן?), וואָס איז געווען אַ מייל־שטיין אויפן וועג פון אויסשמידן די כחות פון דער רעוואָלוציע, רעדט לענין וועגן דער „ניט־קאָנסעקווענטקייט אין דער נאַציאָנאַלער און אַנדערע פראַגן” מצד דעם „בונד” און וועגן דער „ניט־דערלויבטקייט פון פּרינציפּן־וואַקלענישן”. דאָס איז געווען סוף 1901. פון דעמאָלט ביז 1916 האָט לענין, אין זיין קאַמף געגן „אָפּאָרטוניזם פון אַלע קאָלירן”, אַ סך געשריבן וועגן (געגן) „בונד”.

דער סעפּאַראַטיזם פון „בונד” איז דערגאַנגען ביז דעזאָרגאַניזאַטאָרישע ווילדקייטן, וואָס זיינען אַזוי שאַרף אילוסטרירט געוואָרן מיט דער געשיכטע „קאַטערינאָסלאַווער פּראָקלאַמאַציע”, אין 1903. דער באָלשעוויסטישער קאָמיטעט פון קאַטערינאָסלאַוו, וואו עס איז ניט געווען אינגאַנצן קיין בונדישע אָרגאַניזאַציע, האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע צו די אָרטיגע אידישע אַרבעטער. דער „בונד” האָט פאַרפירט אַ סקאַנדאַל געגן אַזאַ ברוך אין „יוריס־דיקציע” און האָט דערקלערט, אַז „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַ זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער פּאַרטיי — „בונד”,

וועלכער איז, הייסט עס, דער „איינציגער פאָרשטייער". א זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע פּאָליטישע פּאַרטיי... די פּראָקלאַמאַציע האָט גערופן די אידישע ארבעטער פון קאַטערינאָסלאַוו אריינצוגיין אין דער פּאַרטיי „אפילו כדי איינ־צוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען אייער נאַציאָנאַלע קולטור". אָבער דער „בונד" האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק פון „אויסמישן" אידישע ארבעטער מיט ניט־אידישע אין איין פּאָליטישער, אָדער עקאָנאָמישער אָר־גאַניזאַציע. ער האָט אָפּגעלאָכט פון קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פאַר זיין אָפּשאַצונג פון אַנטיסעמיטיזם, ווי א פּראָדוקט פון דער בורזשואַזיע. דער „בונד" האָט זיך דעררעדט צו דעם, אַז דער אַנטיסעמיטיזם „האָט געלאָזן וואָרצלען אין דער ארבעטער־מאַסע" און עס האָט זיך באַקומען א מין „אייביג־קייט פון אַנטיסעמיטיזם", אויפן גוט־באַקאַנטן ציוניסטישן שטייגער.

דער „בונד" איז געווען פאַרזיכטיגער אין די ווייטערדיגע יאָרן (צוליב לענינ'ס וואַכזאַם אויג!). אָבער דער פאַר'עקשנ'טער סעפּאַראַטיזם האָט כסדר „געשמעקט" מיט דעם דאָזיגן צוגאַנג. מיט יאָרן שפּעטער, אין זיין „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" (אָנגעשריבן אין ווין אין 1913), האָט סטאַלין ציטירט פון א רעזאָלוציע פון דער 9טער קאָנפערענץ פון „בונד" (אין 1912), וואו עס איז געזאָגט געוואָרן: „מיר באַטראַכטן די פּוילישע ארבעטער, וואָס שטויסן אונז ארויס, ווי פּאָגראָמשטשיקעס, ווי געלע, מיר שטיצן ניט זייערע סטרייקס, מיר רייסן זיי ארונטער"... „מיר ענטפערן אויף ארויסשטויסן מיט ארויסשטויסן: ווי אַן ענטפער אויפן ניט דערלאָזן אידישע ארבעטער אויף די פאַבריקן, דערלאָזן מיר ניט קיין פּוילישע ארבעטער צו די האַנט־ווארשטאַטן"... „אויב מיר וועלן ניט נעמען אָט די זאַך אין די אייגענע הענט וועלן די ארבעטער גיין נאָך אַנדערע." דאָ זעען מיר באַ־קאַנטע שטריכן — פון דער באַציאונג פון דער היסטאַדרעס אין פּאַלעסטינע צו די אַראַבישע ארבעטער. אָנשטאָט צו באַגרייפן, אַז געוויסע טיילן פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט זיינען פאַרפירט געוואָרן און ווערן אונטערגעהעצט פון דער רעאַקציע, וועלכע איז די אמת'ע שולדיגע; אָנשטאָט צו שטאַרקן דעם קלאַסן־קאַמף און דערמיט שלאָגן איבערן קוואַל פון אַנטיסעמיטיזם — די רעאַקציע, איז דער „בונד" אַוועק אויפן וועג פון ראַסן־קאַמף: דיינע שלאָגן מיין ראַסע — וועל איך דיך שלאָגן, אַלץ איינס צי דו ביסט שולדיג צי ניט. און דער שפּיץ פון דער רעזאָלוציע: אימיצער (ווער? די פּועלי־ציון?) קאָן נאָך ביי אונז אויסכאַפּן די פירערשאַפט!

אויף יעדער שטופע פון דער אַנטוויקלונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער פּאַרטיי, אויף יעדער שטופע פון דער

רעוואָלוציע, ווי אין די יאָרן פון רעאַקציע, איז פאָרגעקומען אַ קאַמף מיטן „בונד", ווי מיט איינעם פון די „אָפּאָרטוניסטן פון אַלע קאָלירן" אין רוסלאַנד. אָפּגערעדט שוין אין דער צייט פון דער מלחמה. אָפּגערעדט שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אין קאַמף ג ע ג ן דער רעוואָלוציע איז דער „בונד" גראָד געווען זייער „אינטערנאַציאָנאַליסטיש": אין דער היסטאָרישער נאַכט פון 25טן אָקטאָבער, 1917, אין סמאָלני אינסטיטוט, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די ערשטע אַרבעטער־רעפּובליק, האָט ר. אַבראַמאָוויטש דערקלערט אין נאָמען פון „בונד", אַז „צוליב די אינטערעסן פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט טאָרן מיר ניט פאַרבלייבן אין זאַל און טראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס ווערט דאָ באַגאַנגען..."

דער „בונד" איז געגאַנגען — ניט מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט און בכלל ניט מיטן פּראָלעטאַריאַט. ער איז געגאַנגען מיט די מענשעוויקעס, אין 1917 ווי אין 1905, אָבער — אויף זיין אייגענעם כאַראַקטעריסטישן שטייגער. שרייבער און רעדנער האָבן דאָ און דאָרטן גערעדט און געשריבן אין דער ליניע פון די באָלשעוויקעס. אין זייגעם אַן אַרטיקל צום סוף 1906 אין פאַרבינדונג מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע („וועגן איינעם אַן אַרטיקל אינעם אָרגאַן פון „בונד") האָט לענין אָנגעוויזן אויף אַרטיקלען אין בונדישע אויסגאַבן וואָס קלינגען באָלשעוויסטיש. „דאָ זעען מיר נאָר די לינקע האַנט פונעם „בונד" — האָט לענין געשריבן — „די רעכטע באַהאַלט זיך אין אַרטיקלען, וועלכע פאַרטיידיקן די בלאָקן מיט די קאַ־דע'טן." דער „בונד" איז פון סאַמע אָנהויב געווען אַ מאַדים אויף באַנוצן זיך מיט דער „לינקער האַנט", מיט באָלשעוויסטישע רייד, רעוואָלוציאָנערע פראַזן. ווען עס איז געקומען צום האַנדלען האָט זיך באַקומען עפּעס אַנדערש. אַזוי ווייזט אָן לענין אין יענעם אַרטיקל וועגן וואַל־קאַמף צו דער צווייטער דומע: אין פּ ר אָ י ע ק ט שטימט איין דער „בונד" מיט די באָלשעוויקעס—פאַקטיש גייט ער מיט די מענשעוויקעס, שליסט בלאָקן מיט די קאַ־דע'טן, מיט „דער־גרייכער". אין די צייטן פון רעאַקציע, ווען עס האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ די ליקווידאַטאָרן (וואָס האָבן געוואָלט ליקווידירן די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס), איז דער „בונד" געגאַנגען מיט זיי, כאָטש ניט אַלע מאָל. „אין „בונד" — האָט לענין געשריבן — „האָבן גענומען די אויבערהאַנט אַמאָל די ליקווידאַטאָרישע און אַמאָל די אַנטי־ליקווידאַטאָרישע שטימונגען" (באַנד 15, ז. 452). אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע זיינען אַלע מאָל געווען אַ סך אָנהענגער פון באָלשעוויזם — און צוליב דעם זיינען נויטיג געווען די

„שטארקע" ווערטער און צוליב דעם האָט מען געדרוקט אַזעלכע אַרטיקלען ווי די, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם בוך.

עס קאָן — און מוז — אויסקומען אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי צוויי שאַרף־געגנזעצלעכע ריכטונגען, באָלשעוויזם און מענשעוויזם, האָבן געקאָנט הויזן אין איין אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז דערצו נאָך געווען שטאַרק דיס־ציפּלינירט, פעסט אונטערן קאָנטראָל פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט, דער צענטראַל־קאָמיטעט. אָבער די פּרינציפּנלאָזיגקייט האָט געקראָגן אַ נאָמען: בונדישע טראַדיציע. אומגעפער די זעלביגע טראַדיציע, וואָס האָט אין דייטש־לאַנד ניט געלאָזט אַפּשיידן דאָס געזונטע פונעם צעפּוילטן, נאָך לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס האָט געבראַכט צום אומגליק פון 1918: די פירערשאַפט איז געלעגן ביי די שיידעמאַנס. אין „בונד" איז די פירער־שאַפט געלעגן ביי די מענשעוויקעס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, כאָטש אין אַרטיקלען און רעדעס האָט מען אָפּגעשפּיגלט די באָלשעוויסטישע שטימונגען פון אַ טייל פון דער אָנהענגערשאַפט און די שטימונג פונעם לאַנד.

דער „בונד" איז געווען פאַר באָיקאָטירן די ערשטע גאָסודאַרסטווענע דומע. לויט דער שטימונג אין לאַנד איז שווער געווען צו האַנדלען אַנדערש. וויטע'ס פּראָיעקט פאַר צונויפרופן די דומע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו־זאַמען מיטן מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער, ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן כסדר געשטיגן. דער געשריי פונעם פאָלק איז געווען: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! דער דומע־פּראָיעקט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרפעסטיגן די מאַכט פונעם צאַר אין כלומרשט־פּאַרלאַמענטאַרישע ראַמען, איז באַגעגנט געוואָרן מיט פאַראַכטונג. אויפן מאָמענט האָבן זיך אפילו צווישן די מענשעוויקעס דורכגעריסן שטימען פאַר באָיקאָטירן די דומע. אפילו פּלעכאַנאָוו, דער פירער פון די מענשעוויקעס, ווייזט אָן לענין, האָט ניט געקאָנט רופן צו דער דומע. די מענשעוויקעס זיינען אין דומע יע געגאַנגען, אָבער ביים „בונד" און אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָט גענומען די אויבערהאַנט די באָלשעוויסטישע שטעלונג: באָיקאָט. אָט־די שטעלונג ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די דומע־אַרטיקלען, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך.

אָלגיין האָט די ראָל פון „בונד" און זיין אייגענע ראָל ווי געהעריג אָפּ־געשאַצט אין די קאַרגע צוואַנציג יאָר פון זיין פאַנאַנדערגעוויקלטער רייפער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין אַמעריקע. די ראָל פון „בונד" אין דער צייט פון מלחמה און נאָך דער מלחמה, באַזונדערס בשעת און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די ראָל פון „בונד" אין פּוילן, האָט אינגאַנצן אַנטפּלעקט דאָס געשטאַלט פון דער אָרגאַניזאַציע. ניט אומזיסט האָט לענין אָנגעפירט געגן

איר אזא ביטערן קאַמף פון סאַמע אָנהויב פון איר עקזיסטענץ. דער סעפּאַראַטיזם און נאַציאָנאַליזם פון דער אָרגאַניזאַציע שוין ביי אירע ערשטע טריט, דאָס באַנוצן זיך מיט „רעוואָלוציאָנערע" פראַזן צוצודעקן מענשעוויסטישע מעשים האָט זיך אין די יאָרן פון היסטאָרישע אַנטשיידונגען פאַרוואַנדלט אין אָפענער קאָנטער־רעוואָלוציע. דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טראָצקיזם, מיט וועלכן דער „בונד" איז אָנגעזאַפּט, פירט אונז צוריק צו אויגוסט 1912, ווען דער „בונד" האָט אונטער דער פירערשאַפט פון טראָצקי'ן געהאָלפן שאַפן דעם בלאָק געגן באָלשעוויזם („אויגוסט־בלאָק").

ווען זיינע ערשטע טריט אַלס רעוואָלוציאָנער, וואָס האָבן אים געפירט צו די עטלעכע יאָר אַקטיווע אַרבעט אין „בונד", האָט אָלגין געשריבן אין זיין בוך „צעבראָכענע גראַטעס" (אַרויסגעגעבן אין ניו יאָרק אין אַפּריל 1937):

„איך האָב פאַרלאָזט דעם אוניווערזיטעט און בין געשיקט געוואָרן אינעם ווילנער קאָמיטעט פונעם „בונד". עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו דערקלערן, פאַרוואָס איך בין דעמאָלט ניט געוואָרן קיין באָלשעוויק. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס צווישן די סטודענטן פון קיעווער אוניווערזיטעט איז ניט געווען קיין שטאַרקע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל מיך צוציען און דערציען פּאָליטיש. אפשר האָט דאָ צו טאָן דער פאַקט, וואָס איך בין אויסגעוואַקסן צווישן אָנגעשטעלטע, קליינע באַלמעלאָכעס און הענדלער און האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין דירעקטע באַרירונג מיטן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. די ערשטע רעוואָלוציאָנערע באַקאַנטשאַפטן אין אוניווערזיטעט, די ערשטע איינפלוסן שפּילן דאָ אויך אַ גרויסע ראָלע. קוים איז אַ מענטש אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען שוין האָבן גענוג קריטישן חוש און פעסטן ווילן, כדי צו באַפרייען זיך פון איר איינפלוס און איינזען, אַז די אַנדערע אָרגאַניזאַציע איז גערעכט.

„דער „בונד" איז געווען אַ קליינבירגערלעכע אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּראָלעטאַרישן נאָמען. ער האָט אָרגאַניזירט די אידישע אַרבעטער פון די קליינע אונטערנעמונגען און אַ טייל פון דער קליין-בורזשואַזיע געגן דעם צאַריזם. אָבער ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליזם. למשל, ער האָט געהאַלטן, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, צו וועלכער דער „בונד" האָט געהערט, קען ניט פאַרשטיין די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער און קען ניט אָנפירן מיט זייערע קאַמפן. ער האָט דעריבער געפאָדערט, אַז אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זאָל דער „בונד" זיין „דער איינציגער פאַרטרעטער פון די אידישע אַרבעטער". שפּעטער איז ער אינגאַנצן אַרויסגעטראָטן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

„דער „בונד" האָט אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון „נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע", וועגן וועלכער לענין האָט געשריבן, אַז „דאָס נאַרט אָפּ די אַרבעטער מיט דער פאַנטאַזיע פון דער קולטורעלער איינהייט פון דער נאַציע, בשעת אין אמת'ן

הערשט איצט אין יעדער נאַציע אַ פּריצישע, בורזשואַזע אָדער קליינבירגערלעכע „קולטור".

„דער „בונד" האָט ניט אָנערקענט קיין קלאַסן-צעטיילונג אויפן געביט פון קולטור. ער האָט ניט געקעמפט פאַר אַ פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר קולטור, פאַר די עלעמענטן פון דער קולטור. ער האָט דערמיט באַשאַפן פאַלשע פאָרשטעלונגען צווישן די מאַסן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער האָט זיך גערופן מאַרקסיסטיש, אָבער דאָס איז געווען אַ פאַרקריפּלונג פון מאַרקסיזם."

די שטעלונג פון „בונד" אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז באמת געווען די קרוינונג פון סעפּאַראַטיזם און אָפּאָרטוניזם. אָנגעהויבן זיין מלחמה מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט ער אין נאָמען פון זיין „אָרגאַניזיר־פּרינציפּ", אין נאָמען פון „איינציגער פאָרשטייערשאַפט" פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. דעמאָלט האָט ער געקעמפט פאַר דער גלייכ־באַרעכטיגונג פון די אידן. ערשט אין 1905 איז געקומען די טעאָריע: „נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע", וואָס דער „בונד" האָט איבערגענומען ביי די „עסטרייכער מארקסיסטן" אָטאָ באואר און קאַרל רענער, בשעת זיי אליין, אַסימילאַטאָרן, האָבן אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט פון אַזאַ אויטאָנאָמיע פאַר אידן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין עסטרייך איז געווען צעשפּאָלטן און צעריסן סיי צוליב דעם „אָרגאַניזיר־פּרינציפּ", און סיי צוליב דעם אָפּאָרטוניזם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכער האָט די פראַגע נ י ט געקאָנט לייזן, — און ניט אָנגעהויבן לייזן אפילו אין די צייטן ווען די באוערס זיינען געווען ביי דער מאַכט. די צעריסנקייט אויף סעפּאַראַטע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען איז געווען איינע פון די סיבות פון דער אינערלעכער שוואַכקייט פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין עסטרייך־אונגאַרן און פון דורכפאַל פון דער רעוואָ־לוציע (אַ רעשטל פון דער ירושה האָט מען געזען אין טשעכאָסלאָוואַקיע נאָך דער מלחמה, וואו עס זיינען געווען באַזונדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען ביי די טשעכן און ביי די דייטשן). די טעאָריע פון „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע", לויט וועלכער שול־פראַגן און בכלל קולטור־פראַגן וואָלטן געדאַרפט ארויסגענומען ווערן פון דער יוריסדיקציע פון דער מלוכה און איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון יעדער באַזונדערער נאַציע, איז געווען באמת „פאַרפיינערטער נאַציאָנאַליזם", ווי לענין האָט עס אָנ־גערופן, נאַציאָנאַליזם מיט אַ „גלאַנץ". דער ציוניסטישער כאַראַקטער פון די אידישע קהילות אין רוסלאַנד בשעת דעם „קערענסקי־פּעריאָד" האָט גע־געבן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער דער שול־וועזן און די קולטור וואָלטן געהאַט אונטער דער „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע".

די לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע נאָך אָקטאָבער 1917 איז געווען אַ רעזולטאַט פון לענינ'ס און סטאַלינ'ס לאַנגיאָריגן קאַמף געגן אָפּאָרטוניזם און נאַציאָנאַליזם אין דער פראַגע. זייער קאַמף געגן „בונד" האָט געהאָלפן אויסשמידן די גערעריגע פּראָגראַם, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע געבראַכט צו פעלקער־פריינטשאַפט אויף אַ זעקסטל פון דער ערד און צו אַבסאָלוטער נאַציאָנאַלער גלייכהייט.

דער „בונד" — ווי אָלגין ווייזט אָן — האָט באמת „באַשאַפן פאַלשע פאָרשטעלונגען צווישן די מאַסן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע", פאַלשע און שעדלעכע. דעם „בונד" האָט זיך אויף דעם געביט איינגעגעבן צו באַהערשן מיטן „פאַרפיינערטן נאַציאָנאַליזם" אויך יענע טיילן פון זיין אָנהענגערשאַפט, וואָס אין אַנדערע פראַגן זיינען זיי געווען, זאָל זיין מאָמענטנווייז, אונטערן איינפלוס פון די באמת־רעוואָלוציאָנערע — באָלשעוויסטישע — שטימונגען אין לאַנד.

:: :: ::

אַ לעבנס־באַשרייבונג פון דער גרויסער, רייכער און פילפאַרביגער פּערזענלעכקייט מ. אָלגין, לערער און פירער פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, טעאָרעטיקער, פּאָפּולאַריזאַטאָר, בעלעטריסט, קולטור־בויער, אָראַטאָר, קריטיקער, וועט געגעבן ווערן אין אַ קומענדיגן באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק. דאָרט וועט זיך ברייטער אָפּגעשטעלט ווערן אויפן לעבנס־וועג פון מ. אָלגין, אויף זיינע ערשטע טריט אַלס רעוואָלוציאָנער, טוער און שריפט־שטעלער. דאָרט וועט ברייטער באַהאַנדלט ווערן דער אומשטאַנד „פאַרוואָס איך בין דעמאָלט ניט געווען קיין באָלשעוויק", ווי אָלגין זאָגט וועגן זיינע ערשטע טריט, ווען ער איז אַרוים פון קיעווער אוניווערזיטעט.

די געקליבענע אַרטיקלען, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך, געהערן צו די באָלשעוויסטיש־אָנגעהויכטע אַרבעטן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן אינעם אָרגאַן פון „בונד" אין ווילנע אין די יאָרן 1906-1907 („וועקער", „פאָלקס־צייטונג", „האָפענונג"). אָט די פלאַמיגע אַרטיקלען, ווי זיינע פלאַמיגע פּראָקלאַמאַציעס, האָבן עם אָלגינ'ען אַזוי באַליבט געמאַכט ביי די אידישע מאַסן פון סאַמע אָנהויב, איינגעקריצט זיין נאָמען אין זייערע הערצער. דורך די אַרטיקלען לעבט אויף פאַר אונז די רעוואָלוציע פון 1905 — ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי באַציען זיך דירעקט אויפן פּעריאָד, ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע זיינען שוין געווען אין אָפּגאַנג (1906-1907).

געווען איז דעמאָלט: „אַ צווילינג — שחיטה און אַ פרילינג". געווען זיינען: פּאָגראָמען. געווען איז דאָס פינצטערע אידישע לעבן אונטערן

צאַריזם. פירער פון די בונדיסטן אין אַמעריקע, די אב. קאַהאַנס, האָבן זיך דערערדט ביז צאַריזם, האָבן זיך דערקייקלט ביז אַרבעטן מיט צאַריסטן. וועט דער קאַפּיטל „פּאָגראָמען" אין דעם בוך אויפלעבן פאַר אונז, ווייט ניט אין אַ גענייגנדיגער מאָס, די גרוילן פונעם דעמאָלטיגן אידישן לעבן, — און זאָל מען זען צו וואָס בונדיסטן־פירער אין אַמעריקע רופן היינט.

דאָס פאָרליגנדיגע בוך איז אין אַ גרויסער מאָס אַ דענקמאָל דעם יאָר 1905. דאָס איז אין דער זעלביגער צייט דער ערשטער שטאָפּל פון דעם הויכן דענקמאָל, וואָס דער אָלגין־אָנדענק־קאָמיטעט איז צוגעטראָטן בויען דעם אומפאַרגעסלעכן לערער און פירער פון די אידישע פאָלקס־מאַסן. עס וועלן נאָכפאָלגן ווייטערדיגע ביכער פון מ. אָלגינ׳ס געקליבענע שריפטן, און זיי וועלן אָפּשפּיגלען און פאַראייביגן די רייכע און פילפאַרביגע פערזענלעכ־קייט מ. אָ ל ג י ן — דער טעאָרעטיקער, דער קעמפער, דער קולטור־טוער, דער קריטיקער, דער בעלעטריסט, דער געזעלשאַפטלעכער טוער, דער פירער.

ניו יאָרק, נאָוועמבער 1940.

פּ. נ אָ ו ו י ק.

„געלעבט - געקעמפט“

געלעבט־געקעמפט

(שטריכן)

שטילע זומער־נאַכט. ווי אַ טונקל־בלויער סאַמעט ליגט דער טיפער הימל. זילבערנע שטראַלן גיסן זיך פון דער בלייכער לבנה. עס שלאָפט די ערד. ס׳איז רואיג אין די גאַסן. נאָר די ביימער אין גאָרטן סוד׳ען זיך שטיל מיט דעם פייכטן גראָז, און דאָס קליינע טייכל דערציילט מיט זיין ווייך קול עפּעס אַזאַ לאַנגע און טרויעריגע געשיכטע. צי קלאָגט עס זיך, וואָס ס׳איז נאָך אַזוי ווייט צום ברייטן ים, צי דערמאָנט עס מיט אַ שוידער די קאַלטע ווינטער־נעכט?

עס שלאָפט די ערד. אַ זיסע מרה־שחורה האָט אויסגעשפּרייט אירע פליגל, די וועלט ליגט ווי פאַר׳כישוף׳ט; חלומות — זילבערנע שטראַלן — שוועבן אַרום אין דער לופט; די שטערן — הייסע, קלאָרע טרערן — קוקן מיט אַזאַ רחמנות; שוואַרצע שאָטנס, טיפע ווי דער תהום, קריכן פון אַלע עקן.

עס שלאָפט די טורמע. די פייכטע דעכער גלאַנצן, ווי פּאָלירטער שטאָל. שוואַרצע פענצטער קוקן מיט אַ פּחד אויף דעם ברייטן הויף. די ווייסע וואַנט — זי ליגט זיך פעסט און וואַרפט אַ שאַרפן שאָטן. רואיג — אַ שטילער בית־עולם; די שוואַרצע פיגור פונעם וועכטער רירט זיך נישט; עס שימערט דער שפּיץ פון זיין ביקס.

אַלע שלאָפן. עס שלאָפט נישט חיים דער שוואַרצער. ער זיצט אויף זיין פענצטערל. די קילע לופט גלעט אים זיין פלאַמענדען פּנים. ער קוקט מיט גרויסע טונקעלע אויגן דורך די גראַטעס אין דער שטילער נאַכט אַריין; די טרויעריגע נאַכט־קולות קלינגען אין זיינע אויערן, ווי אַ וואונדערלעך ליד.

דער זייגער האָט 12 געשלאָגן. חיים זיצט אָן באַוועגונג. צי שלאָפט ער? זילבערנע שטראַלן — חלומות — שוועבן אין זיין ברענענדן מוח. געשטאַלטן גייען פאַרביי זיינע אויגן. בילדער שוועבן מיט גרויס מהירות.

ווינטער. אַ קליינינקע שטיבעלע אויפן עק שטעטל; שניי־תכריכים אויף

דער גאַנצער ערד; קאַלט און פינצטער. דאַרע דערנער שאָקלען זיך און קלאַפּן מיט די טויטע צווייגן אין דעם בלינדן פענצטער. דער ווינט — ער וויינט, און קרעכצט, און יאָמערט, און דרייט מיט כעס די שווערע וואָלקנס שניי.

קאַלט איז אין שטוב. קוים עס צאַנקט דאָס קליינע לעמפּעלע. שאָטנס ליגן אין די ווינקעלעך, שאָטנס קריכן אויף די בלאַסע פּנים׳לעך פון די שלאָפנדיקע קינדער. די מאַמע זיצט און וויגט דאָס וויגעלע; אויפן מאַטן פּנים אַ טיפע זאָרג; פון די קנייטשן אויף די בלייכע באַקן קוקט אַ האַרציקע ווייכקייט און אַ שטילער אומעט. האַלב פאַרמאַכט די מידע אויגן, איבערן אַלטן ספר, זיצט פאַרטיפט דער קליינער חיים; שוואַרצע גרויסע האַלב־פאַרטראַכטע, האַלב־פאַר׳חלום׳טע אויגן; אַ שטערן — ווייס ווי זילבער. דינע בלאַס־ווייכע פינגער בלעטערן שנעל דעם גראָבן ספר, אויפן פּנים שוועבן די געדאַנקען, אין די אויגן ליגט אַ טיפע שאלה:

— מאַמע! גאָט פאַרמאָגט פיל גאָלד און זילבער. וואָס־זשע גיט ער נישט דעם טאַטן כאָטש אַ טייל פון זיינע אוצרות?

— נישט אויף דער וועלט, קינד מיינס, איז דער עיקר לעבן.

— און די גבירים, און די פּריצים?

— זיי באַקומען זייער שכר אויף דער וועלט; זיי פאַרלירן דורך דעם וואוילטאָג אַ טייל פון זייער עולם הבא.

— הייסט עס, גאָט האָט בעסער ליב די אָרימע לייט?

— יאָ, מיין קינד.

— פאַר וואָס־זשע, מאַמע, לאָזט ער זיי אַזוי פיל ליידן? פאַר וואָס האָט ער באַשטראָפט דעם טאַטן מיט שווערער אַרבעט?

— וועמען גאָט האָט ליב, דעם שטראָפט ער, ווי אַ טאַטע שטראָפט זיין זון; אַזוי שטייט אין די הייליגע ספרים.

— פאַר וואָס־זשע קומט די שטראָף? האָט דער טאַטע דען אַזוי פיל זינד?

— שאַ, מיין קינד, מען טאָר נישט פרעגן, מען טאָר נישט חקירה׳ן. גאָט׳ס מעשים זיינען גערעכט און נישט מיט אונזער שוואַכן שכל קאָנען מיר זיי משיג זיין.

ווייטער אַ טיפע שטילקייט. ס׳רוישט דער ווינט. ס׳צאַנקט דאָס קליינע לעמפּל. ס׳גייט אַ טיפע שווערע אַרבעט אין דעם יונגן מוח; רייך און אָרעם, שכר און עונש, צדיקים און רשעים, די וועלט און יענע וועלט — געדאַנקען

וויגן זיך, פאַר די אויגן שוועבן בילדער. ס'קרעכצט אין שלאָף דאָס קראַנקע שוועסטערל. ווי אַ פידל, פון אַ זאַנפטן ווינט באַרירט — קלינגט אַ זיפץ.

:: :: ::

— ביסט שוין זעכצן יאָר אַלט, חיים, האָסט געלעזן פילע ביכער, נאָר אין אַלע דיינע ביכער איז נישטאָ דער גאַנצער אמת. ווילסט דו רעכט די וועלט פאַרשטיין, מוזט דו לעזן רעכטע ביכער.

— ווי באַקומט מען זיי, אברהם?

— זיי זיינען גרויס און הייליג, נישט פאַר שוואַכע. ווער עס פילט קיין קראַפט נישט אין זיין נשמה, ווער עס האָט קיין מוט נישט, — דער געפינט אין זיי נישט קיין ברכה; ווער ס'איז שטאַרק, ווער ס'איז גרייט זיין לעבן מקריב צו זיין פאַר זיינע ברידער, — דעם ווייזן זיי דעם גליכן וועג.

— ווי באַקומט מען די דאָזיגע ביכער?

— ווער עס האָט אַ האַרץ צו פילן און אַ קאָפּ צו דענקען, דער באַקומט פון די דאָזיגע ביכער נישט נאָר פריידן, נישט נאָר טרייסט; שווערע טעג און מי און ליידן — אַלץ ברענגען די דאָזיגע ביכער מיט זייער צויבערלעכער קראַפט.

— ווי באַקומט מען די דאָזיגע ביכער?

— האָסט דו מוט? ווילסט דו זיין אַ מענטש און לעבן, ווי אַ מענטש? האָסט דו שטאַרקייט צו גיין אָן פחד אהין, וואוהין עס וועט דיך פירן דער העלער פייער־פלאַם? וועסט דו נישט פאַרמאַכן דיינע אויגן פאַר דעם העלן ליכט?

— גיב מיר זיי, מיין טייערער פריינט.

און פון ווערקשטאַט, מיט אַ שמחה אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן, לויפט דער אַרבעטער, דער יונגער, דורך די גרויסע, ברייטע גאַסן. ס'רוישט אין שטאָט און קלינגט. מענטשן איילן, לויפן, פאָרן, אַלץ וויגט זיך, אַלץ קאָכט.

און ער זיצט שוין אין זיין וואוינונג, אין דער קעלער־שטוב אין ווינקל. און עס ציטערן די פינגער, און עס קלאַפט דאָס האַרץ און די אויגן פליען שנעל אין דעם בוך — דעם בוך פון אמת.

שעה'ען פליען. אַלץ שלאָפט שוין, חיים שלאָפט נישט. אַ קוואַל פון נייעם לעבן האָט זיך פאַר אים געעפנט. ס'איז פאַרשוואונדן פאַר זיינע אויגן דער שוואַרצער פאַרהאַנג — אַ העלע שיין האָט באַלויכטן אַלץ אַרום, ווייט און ברייט; די פאַרוואונדערטע אויגן האָבן דערזען אַ גרויסן וועג. ער איז לאַנג און שווער; מענטשן גייען, שטרעבן אַלץ ווייטער, ווייטער צום

לאנד פון גליק. מענטשן קעמפן איינער געגן דעם צווייטן — א חיל געגן א חיל; מענטשן ליידן, שטרויכלען זיך, פאלן אויפן וועג; נייע מחנות טרעטן ארויס מיט נייער גבורה, נייע כחות קומען צו מיט ניי געווער. ס'הערט נישט אויף דער גרויסער קריג; ס'בייטן זיך די דורות, ס'פליען די יארהונדערטער — דער קאמף ווערט שטארקער, שארפער, ברייטער. . .

א נייער חיל טרעט ארויס. די אויגן לייכטן מיט באגייסטערונג. אין הארצן פעסטער מוט; דער ווילן — שטארק ווי שטאל; דערפילט מיט האס, מיט הייליגן צארן, גייט ער געגן זיינע פיינט. ער האלט מלחמה מיט יעדער פיין, מיט יעדער מאכט, וואס דריקט און רויבט און מאכט דאס לעבן פאר א לאנגע קייט פון עלנד און פון יאמער. ער גייט! עס קלינגט די ערד פון זיינע טריט, עס ברענט פאר אים דער פייער־זייל פון האפענונג. עס גלאנצט אין זיינע הענט די שארפע שווערד. ער גייט אלץ ווייטער אויף זיין וועג, צום ליכט, צום גליק . . .

און חיים לייענט. שטיל איז אין שטוב. אלץ איז רואיג. ער זיצט און טראכט; עס פליט די צייט; נייע וואונדערלעכע געפילן וואקסן אין זיין הארצן.

די נאכט איז אוועק. ס'גייט אויף די זון. דער הימל האט זיך אנגעצונדן מיט א רויטן פלאם. א ראזע שיין האט אנגעפילט חיים'ס פינצטערן צימער. ער שטייט אויף פון ארט. ער שטרעקט אויס זיין האנט צו דער ליכטיגער זון, און וואונדערלעך קלינגט זיין יונגע שטים: „איך גיי מיט אייך, מוטיגע ברידער!"

:: :: ::

ווי די וואלקן אויפן בלויען הימל, פארשווינדן די יארן, ווי די וואלקן — אפטמאל שווארצע, שווערע, פול מיט שרעקן. אפט באשפריצט מיט גאלדענע שטראלן.

ס'איז א העלער פרילינגס־מארגן. א ים פון ליכטיגקייט גיסט זיך אויף דער וועלט. די שאטנס הערשן אין דעם אלטן וואלד. די אלטע, שווערע צווייגן, די קילע לופט, די פייכטע ערד זיינען פול מיט לעבן. יונגע בלימעלעך קוקן פארוואונדערט אויף דער ליכטיגער וועלט. גרינע בלעטער ציען זיך איינס צום צווייטן, און פלאטערן און שושקען זיך שטיל. עס קלינגט דאס געזאנג פון פייגעלעך, עס רוישן די בינען, און אלטע ביימער שאקלען מיט זייערע קעפ און מורמלען שטיל.

צווישן די ביימער האבן זיך פארזאמלט פילע מענטשן, יונגע מענטשן

פול מיט לעבן. אויף די פּנים׳ער אַ פרייד, אַ יום־טוב׳דיגע שיין. די אויגן בליצן, די באַוועגונגען זיכער. ס׳איז שטיל. ווייסע זון־שטראַלן פאַר׳גנב׳ענען זיך דורך די געדיכטע בלעטער און וואַרפן אַ קוק. דאָ באַליכטן זיי אַ שטאַלצע פיגור פון אַ קרעפטיגן מאַן, דאָרט גלאַנצן זיי אויף דעם קאָפּ פון אַ בילד־שיינער פרוי, דאָרט באַשיינען זיי אַ בלייכן, אויסגעמאַטערטן פּנים. אַלע שווייגן.

אויף אַן אומגעוואָרפענעם בוים שטייט חיים. דער בלאַסער פּנים — ווי אויסגעטאַקט פון שטיין. די אויגן שיטן פונקען; ער רעדט. מעכטיג קלינגט די שטים.

„. . . נישט מיט הכנעה, מיט בעטן, מיט קניען, נישט מיט שטילשווייגן, מיט פאַלשע חלומות, וועלן מיר זיך פון די קייטן באַפרייען. גענוג שוין צו האַלטן די אויגן פאַרשלאָסן, גענוג שוין צו ליידן פון שענדלעכער קנעכט־שאַפט, שוין צייט צו דערפילן די אייגענע מאַכט. גענוג שוין! אַקעגן דער מאַכט פון די רויבער, פאַראייניגט און מונטער, מיט אייזערנעם ווילן, הויבן זיך אויף אַלע פאַרשקלאַפטע; עס וואַקסט און עס שטאַרקט זיך דאָס אַרבעטער־חיל. עס שליסן זיך פעסטער און פעסטער די רייען, עס ציטערט די אַלטע, פאַרבלוטיגטע, פינצטערע וועלט . . .

„די זון פון דער פרייהייט, פון אמת׳ער גלייכהייט, פון מענטשלעכער גרויסקייט, פון ליבע און ערע — די זון גייט שוין אויף. זי באַלייכט אונז דעם וועג. . . .״

די שטים קלינגט וואונדערלעך איבער הונדערטער קעפּ. אַ הייליגער שוידער פון טיפער באַגייסטערונג גייט איבער דער פאַרזאַמלונג.

דער אַלטער וואַלד שאָקלט לאַנגזאַם זיין גרינעם קאָפּ און ברומט אַזוי דומף. די שוועלבעלעך פלאַטערן אין דער ריינער מאָרגן־לופט. דאָס ווינטעלע ברענגט אין זיינע פליגל אַ זיסן ריח.

די רעדע איז געענדיגט. אין דער מאַסע — אַ באַוועגונג. עס רוישן שטימען, עס גייט אַ באַגייסטערטער געשפּרעך.

פון דעם גערויש און גערודער הויבט זיך ביסלעכווייז אַרויס אַ מונטער ליד. עס ווערט ברייטער און שטאַרקער און גיסט זיך, ווי אַ ליכטיגער שטראָם אין דער דופטיגער לופט:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
„אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט:
„צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָן איז גרייט,
„זי פלאַקערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!״

ווייטער מיט עטלעכע טריט, אין דעם שאָטן פון געדיכטע צווייגן, האָט זיך באַוויזן און איז גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן אַ שוואַרצע געשטאַלט. אַ העסלעכער שמייכל האָט אויף אַ רגע פאַרקרימט די דינע ליפּן.

קיינער האָט נישט באַמערקט דעם שפּיאָן . . .

:: :: ::

שפּעט ביינאַכט. חיים זיצט אין זיין קליינעם צימערל, דורך דעם אָפענעם פענצטער בלאָזט אַ קילער ווינט און וויגט דעם פלאַם פון לעמפּל. פון גאַס הערט זיך אַ גערויש פון אַ פאַרשפּעטיגטער פור. חיים איז פאַרטיפט אין געדאַנקען. פאַר אים ליגן צוויי געעפנטע בריוו. גרויסאַרטיגע ידיעות: עס האָבן זיך אויפגעהויבן גרויסע כוואַליעס פון אַ פאָלקס־באַוועגונג. אין לאַנד איז אַ שטורעם; אין באַקו האָבן פערציג טויזנט אַרבעטער אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס זייער זודינגן צאָרן. אין אָדעס קומען פאָר אומגעהויערע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין די גאַסן. מוטיגע רעדנער צינדן אָן מיט פייער די פאַר־ביטערטע הערצער. דער גאַנצער דרום שטייט אין בראַנד. פאַרמאַכט אַלע פאַבריקן. ס'שטייען די שיפן, געשלאָסן די ווערקשטאַטן. דער ריז האָט אַ טרייסל געטאָן זיינע מעכטיגע גלידער. די כוואַליעס הויבן זיך אַלץ העכער און העכער . . .

— די כוואַליעס וועלן פאַרגיסן אויך אונזער שטאָט! — זאָגט חיים, און אַ גליקלעכער שמייכל באַלייכט זיין פּנים. נאָר באַלד ווערט ער ווידער ערנסט. אין קאָפּ הויבט זיך אָן אויסמאָלן אַ ברייטער פּלאַן. די מאַסן־באַוועגונג דאַרף זיין אָרגאַניזירט; די אַלגעמיינע אומצופרידנהייט — באַ־לויכטן מיטן שיין פון באַוואוסטזיין, די פאָדערונג — אויסגעדריקט שאַרף. אַ פלוך צו די פיינט — דאָס דאַרף קלינגען אומעטום; רעדנער דאַרפן זיין גרייט אין אַלע טיילן פון שטאָט.

יעדע מינוט איז טייער.

חיים נעמט זיך צו דער פעדער. ער שרייבט אָן אויפרוף, צו די אַרבעטער, צו דער גאַנצער געזעלשאַפט. ער דערקלערט דעם זין פון די גרויסע טאַטן. דער טאָג פון אַנטשיידונג איז נאָענט. דער גרויסער היסטאָרישער פּסק־דין איז אונטערגעשריבן. עס פאַלן שוין די קייטן. עס האָט זיך שוין אויפגעהויבן די שווערע האַנט פונעם אַרבעטער . . .

די צייט פליט. חיים איז פאַרזונקען אין זיין אַרבעט. אויף מאָרגן מוז דער אויפרוף פאַרטיג זיין.

פּלוצים — אַ קלאַפּ אין טיר. חיים שפּרינגט אויף פון זיין אָרט. זיין

פּנים ווערט מיט אַ מאָל שאַרפער. אַ טונקעלער שאָטן פליט איבער שנעל איבער זיין שטערן.

— ווער איז?

— דער פּאָסטאַליאָן. אַ טעלעגראַם. עפנט.

— גלייך, איך צינד די לאָמפּ.

חיים פאַלט צו מיטן אויער צו דער טיר. אין דער נאַכט־שטילקייט דער־הערט ער אַ קלונג פון שפּאָרן.

— זשאַנדאַרמען, — זאָגט ער צו זיך זעלבסט. שטיל אויף די שפּיץ פינגער גייט ער צו צום פענצטער און קוקט אַרויס אויפן הויף. אונטן — קיינער נישט. דער הויף ליגט וויים, ווי זילבער, אונטער די שטראַלן פון דער העלער לבנה. אַלץ שלאָפט.

ער ליגט האַסטיג אַריין די פּאַפּירן אין טאַש. נעמט שנעל דעם האַנטוך פון וואַנט, בינדט אים צו צום פענצטער און לאָזט זיך אויף אים אַראָפּ פונעם צווייטן שטאָק אין הויף אַריין.

דאָס קלאַפּן אין טיר הערט זיך אַלץ שטאַרקער.

ווי אַ שאָטן גליטשט זיך חיים צו דער הינטערשטער וואַנט פון הויף. אַלץ איז שטיל. ער הערט דייטלעך, ווי עס קלאַפּט זיין האַרץ. אין ווינקל ליגט אַ הויפן האָלץ. ער קלעטערט אויף אים, קריכט אַרויף אויף דער וואַנט: אַ שפּרונג — און ער איז שוין אין צווייטן הויף. דאָרט איז דער טויער אָפן אַ גאַנצע נאַכט.

פון דערווייטנס הערט זיך אַ העפטיגער קנאַק. די „בלויע" האָבן אויס־געבראָכן די טיר.

:: :: ::

ס'פליען די טעג, עס לויפן חדשים. מענטשן, ערטער, פריידן,ליידן — אַלץ בייט זיך אין דעם גרויסן שטראָם פון קאַמף. אין דעם שנעלן שווימען וואַקסט דער כח, פעסטער ווערט דער מוט.

און פון דער גרויסער צאָל פאַרשידענע געשטאַלטן הויבט זיך אָן אויס־צייכענען איין איידעלע פרויען־געשטאַלט, ווי אַ ווייסע ליליע אין דעם ים פון גרינעם גראָז. זי איז יונג און צאַרט, אַ גאַנצער וואָלקן ליכטיגע האָר דריקט, ווי אַ משא, דעם קאָפּ און פאַלט ווי אַ כוואַליע אויפן נאַקן. אין דעם בלאַסן פּנים אַ פּאָר בלויע אויגן, פול מיט ליבע און רחמנות; זיי לייכטן אַזוי וואונדערלעך און דרינגען טיף אַריין אין דער נשמה. דער פּנים איז אַזוי שטאָלץ און פול מיט מוט.

זיי האָבן זיך באַגעגנט אָפט, זיי און נאָך אייניגע חברים פלעגן זיך יעדע וואָך צוזאַמענקומען צו באַשפּרעכן די פראַגן פון זייער אַרבעט. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אי אין ענגע, נאַסע, פינצטערע וואוינונגען אין די אָרעמסטע טיילן פון שטאָט, אי אין פּרעכטיגע צימערן אין די רייכסטע הייזער, אי אין פעלד, אי אין שאָטן פון געדיכטן וואַלד. איר שטילער קול, דער איידעלער קול פון אַ האַרפע, פלעגט קלינגען אַזוי פעסט און ערנסט אין מינוטן פון אויפרעגונג. אירע אויגן פלעגן באַקומען אַזאַ זעלטענע שיין.

זיי האָבן באַמערקט איינער דעם צווייטן און אַרויסגעטיילט פון די איבעריגע. דער איינפאַכער גרוס, מיט וועלכן זיי פלעגן זיך באַגעגענען, האָט באַקומען פאַר זיי אַ באַזונדערע באַדייטונג. אין דעם האַנט־דרוק איז געווען אַזוי פיל נישט קיין אויסגעשפּראָכענע ווערטער. ס׳איז פאַרביידן עפּעס ליכטיגער און וואַרעמער געוואָרן דאָס לעבן. די ערנסטע געשפּרעכן האָבן באַקומען אַזוינע צוויבערלעכע פאַרבן, די גאַנצע וועלט האָט מיט אַמאָל באַקומען אַזאַ שיינקייט, אַזאַ פריינטלעכקייט. דער מוט איז געוואַקסן אָן אַ אויפהער.

קיין וואָרט פון ליבע איז נאָך נישט גערעדט געוואָרן צווישן זיי. זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען נאָר אויף די פאַרזאַמלונגען. די אַרבעט האָט פאַר־נומען אינגאַנצן די אויפמערקזאַמקייט. אויסער דעם פלעגן זיי נישט זען איינער דעם צווייטן; זי איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי, ער האָט געוואוינט אויף אַ פרעמדן נאָמען. זי האָט געאַרבעט אויפן אָרט, צווישן די טויזנטער פאַרפינצטערטע, דערשלאָגענע אַרבעטערינס; ער פלעגט אָפט פאָרן אין די אַרומיגע שטעט. שפּיאָנען האָבן אַרום אים אויסגעשפּרייט אַ גאַנצע נעץ. מיט גרויס מי און מיט דער גרעסטער פיאיגקייט פלעגט ער יעדעס מאָל זיך אַרויסרייסן פון דער מחנה. מיט מענטשן פלעגט ער זיך באַגעגענען נאָר דאַן, ווען די אַרבעט האָט דאָס געפאָדערט.

:: :: ::

אין דעם טאָג האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל באַשטימט צוזאַמענצוקומען זיך אין צווייען און זיך דורכפאָרן אויפן טייך. זי האָט דעם טאָג אין פאַבריק נישט געאַרבעט, ער איז נאָר וואָס געקומען פון אַ לאַנגער רייזע. זיי האָבן זיך געדאַרפט באַגעגענען אויפן ברעג.

חיים איז דער ערשטער געקומען. ס׳איז געווען פאַרנאַכט, די זון איז געשטאַנען אויפן עק הימל און האָט רויט באַפאַרבט דעם קלאָרן, לויטערן וואַסער־שפּיגל. די ביימער האָבן זיך צונעבויגן און שטיל געבאָדן זייערע

צווייגן אין דעם קילן וואסער. וואָלקנס, ווייסע ווי שניי, האָבן געקוקט פון דעם בלויען הימל אין דער טיפעניש. דאָרט ווייט, איבערן גרינעם באַרג, האָט זיך באַוויזן די בלייכע לבנה. אַ וואַסער־בלום האָט אויפגעהויבן איר גאָלדענע קרוין פון וואַסער אַרויס. ערגעץ פון צווישן דיביימער האָט זיך געגאָסן דאָס געוויין פון אַ פידל.

חיים איז געשטאַנען און געוואַרט. אַ טיפע שטילקייט האָט פאַרשפּרייט אירע זאַנפטע פליגל איבער זיין זעלע.

די פאַרבן זיינען אַלע מאָל געוואָרן טונקעלער. די זון איז פאַרגאַנגען און נאָר אַ רויטער פלעק האָט נאָך געבליבן דאָרט, עט ווייט. די ווייסע וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן ווי פּערלמוטער. ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל; די צווייגן האָבן אָנגעהויבן רוישן.

צוויי שוואַרצע פיגורן זיינען מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן לעבן חיים'ען פון ביידע זייטן. אין איין רגע האָט איינער אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. דער אַנדערער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ רעוואָלווער און מיט אַ האַרטער שטים געזאָגט:

— איר זייט אַרעסטירט.

פונעם באַרג גייענדיג, האָט זיך באַוויזן נישט ווייט אַ פרויען־געשטאַלט אין אַ ווייסן קלייד.

:: :: ::

עס שלאָפט די טורמע, עס גלאַנצן די פייכטע דעכער. די ווייסע וואַנט ליגט פעסט און שמייכלט, ווי מיט חוזק. אַלץ שלאָפט. חיים זיצט איינגע־הויקערט אויף זיין קליינעם פענצטערל און קוקט שטיל אין דער נאַכט אַריין. די לבנה פאַרגייט שוין אויפן ראַנד פון הימל און קוקט מיט אַ טיפער טרויעריגקייט. דאָס ווינטל בלאָזט שטאַרקער און טראָגט אַ קילע פרישקייט. ערגעץ האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ פייגעלע און אַ פייף געטאָן אַ פּאָר מאָל.

געפאַנגען! אַ שמוציג שטייגל. גרויע ווענט זויגן דאָס בלוט. ס'דריקט דעם קאָפּ דער נידעריגער באַלקן. קייטן קלינגען. דער גרילצענדער קלאַנג לייגט זיך, ווי שאַרפע שטעכנדיגע שטיינער אויף דער נשמה. דורכן פענצטערל אין טיר קוקט די ווילדע צורה פונעם וועכטער. וואָס שמייכלט ער?

געפאַנגען! און דאָרט, אין דער גרויסער, ברייטער וועלט, דאָרט רוישט און זידט דאָס יונגע לעבן, דאָרט שפּראָצן נייע האָפענונגען, דאָרט רייסט דער ברייטער שטראָם די דעק פון אייז און ברעכט אויף שטיקער די שווערע קייטן. עס וואַקסט דער שטראָם. ער פאַרפלייצט אַלץ און ברענגט נייע

כחות אין דער פארגליווערטער וועלט. עס גייט דער טייער פרילינגס־מארגן,
עס גייט דער גרויסער ליכטיגער טאג.

געפאנגען! עס גייען פארלוירן די כחות. עס פליען די בעסטע יארן.
און דארט — דארט איז טייער יעדער איינציגער, דארט איז דא ארבעט
פאר יעדער האנט, דארט איז יעדער מוטיגער מאן — א נייער טריט צום
זיג, א נייער שטיין אין דעם בנין פון דער גרויסער, שיינער פרייהייטס־וועלט.

ער זיצט אין תפיסה — דער שטארקער אדלער מיט די שארפע אויגן.
צונעשמידט. קליינע, שווארצע פלעדערמייז שפאטן און רייצן זיך מיט אים.

ווי לאנג וועט ער זיצן?...

יולי, 1904.

אויפן קבר פון מיינע ברידער

היינט, אויפן נייעם יאָר, ווײל איך רעדן פון זיי, פון אַט די, וואָס וועלן שוין ניט זען דאָס נייע יאָר.

היינטיגן טאָג וויל איך וויינען. יאָ, איך ווייל אויסוויינען מיין גאַנצע נשמה, כ׳וויל אויסוויינען מיינע טרערן; זיי ליגן מיר אויפן האַרצן ווי בליי.

איך בעט אייך, דערלויבט דאָס מיר.

היינט מעג מען: ס׳איז דאָך יום־טוב.

איך זאָג אייך צו: מאָרגן וועל איך ווייטער זיין טרוקן און האַרט ווי אַ שטיין. מיינע אויגן וועלן ווידער זיין שטאָל. מיין פּנים — קאַלט ווי אייז. מיין האַרץ פאַרגליווערט. מאָרגן בין איך ווייטער סאָלדאַט.

היינט קען איך ניט. איך האָב ניט קיין כּח. איך קען ניט איבערטראָגן. מיינע טרערן פאַלן ווי הייסע טראָפּן בלוט. זיי ברענען מיר די נשמה, ווי צעגליטע שטיינער, זיי שטעכן דאָס האַרץ, ווי אַ גיפט.

איך וויל וויינען אויף זייערע יונגע יאָרן, איך וויל פּשוט וויינען, ווי עס וויינט אַ קינד.

טייערע, ליבע! העלדן מיט ליכטיגע אויגן! יונגע, יונגע נשמות!

מיט אַ הויכן קאָפּ זייט איר געגאַנגען אין דער וועלט. אויף אייער פּנים האָט די זון געפינקלט. בלויע בלומען האָבן אויפגעבליט, און געשיינט, און געשמייכלט.

בלויע בלומען — איינגעשמירט אין רויטן בלוט.

עס זידט, עס הערט ניט אויף צו זידן.

איר זעט? טייכן, גאַנצע טייכן! אַ ים, אַ טיפער ים, אָן אַ ברעג.

און עס קאָכט און עס שריים. און עס זידט, און עס הויבט זיך אַלץ העכער.

איר הערט ווי זיי שרייען? וואָס איז דאָס? ווער שרייט דאָרט?

לאָזט מיך! איך וויל שרייען. איך וויל שרייען אַזוי, אַז מיין האַרץ זאָל צעריסן ווערן אויף שטיקער. איך וויל שרייען אַזוי, אַז הימלען זאָלן זיך שפּאַלטן. מיין נשמה זאָל אויסגיין אין דעם לאַנגן, שאַרפן געשריי.

ם. אלגין

שאַרף — ווי אַ שאַרפער, בלאַנקענדיגער מעסער.
איך האָב געוואָלט וויינען? וואו זיינען די טרערן?
איך וויל גיין אויף זייער קבר.
איך וועל אַ בלום פלאַנצן אויף יעדן קבר. אַ רויטע בלום. די זון וועט אויפגיין. די בלומען וועלן שירה זאָגן. און איך וועל פאַלן מיטן פנים צו דער ערד. איך וועל זי קושן, — די קאַלטע, נאַסע ערד. די הייליגע ערד, — וואו זיי ליגן. אין איר גאַנצער משא! — אוי, אַ שווערע משא וועט זיך לייגן אויף מיין הארצן.
שלאָפט, מיינע ברידער! שלאָפט, מיינע חברים! שלאָפט!
איך וועל אַ ליד אייך זינגען. אייער שלאָף וועט זיין אַזוי זאַנפט, ווי די ווייסע פליגל פון אַ מלאך. אין מיין ליד וועל איך איינפלעכטן זילבערנע שטראַלן, און זי וועט קלינגען, ווי די גלעקער, און וועט וויינען, ווי אַ מוטער אויפן קבר פון איר איינציג קינד.
שלאָפט, מיינע ברידער!
העלדן מיט ליכטיגע אויגן!
שלאָפט!...

1טן יאַנואַר, 1906, אונטערגעשריבן: יוסף.

אין דאָרף

וואָס קומט איצט פאָר אין די טויזנטער דערפער, וועלכע ליגן צעוואָרפן איבער דער גרויסער, אומגעהויער־גרויסער שטרעקע פון רוסלאַנד? וועלכע געדאַנקען, וועלכע געפילן רירן זיך דאָרט, אין דעם האַרץ און דעם קאָפּ פון אָט די צענדליגע מיליאָנען דערשלאָגענע, פאַאָרימטע, פאַרוויסטע און פאַר־חושכ׳טע פויערים? וואָס פאַר אַ ראָלע וועלן זיי שפּילן אין דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע?

אָט ליגט דאָס פאַר אונז, — אָט דאָס ברייטע, אומענדלעך ברייטע דאָרפישע רוסלאַנד, אַ גרויסע רעטעניש, קיינער ווייסט ניט גענוי, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אין די ענגע, פינצטערע שטיבלעך.

די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען בויען אויף די פויערים זייערע האָפענונגען. זיי, רעכנט מען, וועלן זיין אַ שטיצע דער אָרדענונג. זיי וועלן אונטערהאַלטן אַלע רעשטן פון דעם פאַרצייטיגן אַבסאָלוטיזם. אויף די פויערים בויען בנינים די ליבעראַלן. צו די פויערים ווענדן זיך מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע די רעוואָלוציאָנערן. די פויערים האָבן אויסגעבילדעט אַ באַזונדערן פאַראיין, — אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע: „דער פויערים־בונד". די דאָזיגע אָרגאַני־זאַציע האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין די קורצע טעג פון פרייהייט.

איינס איז קלאָר: ערד דאַרף דער פויער האָבן, ווי ליכט און לופט, אָן ערד וועט ער זיך ניט באַרואיגן; ערד באַקומען — דער געדאַנק לעבט אינעם קאָפּ פון אַלע פויערים פון איין עק רוסלאַנד ביזן צווייטן. ערד באַ־קומען, צי מיט גוואַלד, צי דורך אַ באַפעל פון אויבן, צי אויפן וועג פון רויב, צי אויפן וועג פון געזעצגעבונג, — נאָר אַלנפאַלס ניט קויפן, נאָר באַקומען פון די קאַזיאָנע, פּריצישע און אַנדערע נחלות.

אָט די שטרעבונג צו ערד, אָט דער שרעקלעכער הונגער אויף ערד מאַכט דעם פויער רעוואָלוציאָניש, טרייבט אים צו נעמען זיך קעמפן, שטעלט אים אַוועק געגן דער גאַנצער אַדמיניסטראַציע, צווינגט אים צו האַסן יעדע נאַטשאַלסטוואָ.

צי איז דער פויער איצט רעפּובליקאַניש, צי מאָנאַרכיסטיש, צי ווינטשט

ער אַ ברייטע אָדער אַ שמאָלע קאָנסטיטוציע, — וועגן דעם קען מען האָבן פאַרשידענע מיינונגען. וועגן איין פונקט קען אָלנפאַלס קיין צוויי מיינונגען ניט זיין: דער פויער קען זיך ניט און וועט זיך ניט בארואיגן, ביז ס'וועט פאַרקלענערט ווערן זיין נויט, ביז ס'וועט ניט איינגעשטילט ווערן כאָטש אויף אַ ווײַלע זיין ערד־הונגער.

די זעלבסטהערשונג האָט יאָרן לאַנג געפּרעסט דעם פויער, ביז ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די דערפער אַן אומגעהויער גרויסער זאַפּאַס פון רעוואָ־לוציאָנערישער ענערגיע.

די „אַגראַר־אומרועןˮ, ווי מען רופט זיי, הערן ניט אויף אויף איין רגע. אָקאָרשט ניט לאַנג האָט מען געשיקט גענעראַלן אין פּענזער, סאַראַ־טאָווער און קורסקער גובערניע צו באַרואיגן די פויערים. אויף וויפיל זיי האָבן אויסגעפילט זייער אויפגאַבע, — דאָס איז אַלעמען באַוואוסט. איצט קומען אָן פון טאָג אויף טאָג נייע ידיעות פון אַלע ווינקעלעך פונעם לאַנד. אין קעשענעאָווער גובערניע האָט מען די פריצישע דערפער און די אָרטיגע נאַטשאַלסטוואָ קען גאָרניט מאַכן. אין פּאָלטאַווער גובערניע קומען פאָר אין פאַרשידענע ערטער צוזאַמענשטויסן מיט די קאָזאַקן. אין טשערניגאָווער גובערניע האָבן די פויערים אָפּגעשאַפט די אָרטיגע נאַטשאַלסטוואָ. מ'האָט און ראַבירט די וועלדער. די שטימונג איז אַן אומרואיגע. ס'אַרוים אַ גענעראַל מיט מיליטער און גייט איבער פון אויעזד צו אויעזד. אין קאַווקאַז און אין באַלטישן געגנט איז אין די דערפער אַן אָפענער אויפשטאַנד.

פרילינג־צייט, ווען ס'וועט זיך אָנהויבן די פעלד־אַרבעט, זיינען אַלע פעסט איבערצייגט, אַז די פויערים וועלן אָנהויבן אַקערן די פריצישע ערד, ס'וועט זיך אָנהויבן כמעט אין איין צייט אין פילע, זייער פילע, ערטער. מיליטער? אַ פנים, אַז ביי דער רעגירונג וועט ניט קלעקן קיין מיליטער אי פאַר די דערפער, אי פאַר די שטעט. ס'איז אַ סברה, אַז די שטעט וועלן אויך אין דער צייט ניט זיצן צונויפגעלייגט די הענט.

די רעגירונג טוט, ווי שטענדיג, אַלעס, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך, כדי צו פאַרשטאַרקן די אומצופרידנהייט, כדי צו פאַרטיפן דעם האָס. זי איז אין דעם היגזיכט דער בעסטער פריינט פון דער רעוואָלוציע.

דער יעקאַטערינאָסלאַווער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז מודיע:

אַז די פויערים, וואָס וועלן פּאַשען זייער פי אויף פריצישער ערד, אָדער די, וואָס וועלן ניט צאָלן דאָס, וואָס זיי זיינען מחויב, סיי מיט געלט, סיי מיט אַרבעט, וועלן ווערן געשטעלט פאַרן קריגס־געריכט און גע'משפט ווערן

לויט די געזעצן פון מלחמה־צייט, און די געזעצן ווייסן אָפּט נאָר איין פּסק, — דעם טויט.

ווייטער גיין איז ניטאָ וואוהין. טויט־שטראָף פאַר פאַשען אַ קו אויף אַ פרעמד פעלד. טויט־שטראָף פאַר ניט וועלן (אָדער ניט קענען) צאָלן די שטייער. טויט־שטראָף פאַר ניט וועלן פירן דעם פּריסטאַוו אָדער דעם אוריאַדניק אויף די אייגענע פערד. טויט־שטראָף! צי איז דען נאָך דאָ אַ גרעסערער אומזין, צי איז דען נאָך דאָ נאַרישערע, ווילדערע לעבערלעכ־קייטן, צו וועלכע די רדיפות זאָלן נאָך קענען גרייכן? וואָס קען מען נאָך אויסטראַכטן? ווען מען משוגענער קאָפּ קען דערפינדן נאָך משוגע'נערע שטראָף?

און דאָך בלייבט די גזירה אַ גזירה. און זי איז אַ מוטער פון אומצופרידנ־הייט, און זי טרייבט צו רעוואָלוציאָנערע מעשים. און ס'העלפן ניט קיין שום שטראָף.

דערפאַר, ווען די זעמסקע אָרגאַניזאַציע צו אויסהעלפן די הונגעריגע פּויערים האָט דערקלערט, אַז ס'איז נויטיג 15 מיליאָן אויף צו שטיצן די פּויערים, האָט די קאַזנאַ דעם 14טן יאַנואַר ארויסגעגעבן קוים אַ מיליאָן און האָט דערקלערט, אַז מער וועט זי שוין ניט געבן.

געלט דאַרף מען אויף פּאָליציי, קאָזאַקן, זשאַנדאַרמען און גענעראַל־גובערנאַטאָרס.

יאַנואַר, 1906.

„ער" וועט העלפן...

וואָס טוט זיך מיט אונזערע ברידער אין וויטן מזרח? ווי לעבט די מאַנדזשוריער אַרמיי?

אויף זייערע פּלייצעס האָבן זיי איבערגעטראָגן אַלע שרעקן פון דער פאַרברעכערישער מלחמה, זיי אַליין האָבן איבערגעלעבט דאָס אַלעס, פון וואָס די האָר שטעלן זיך ביי אונז קאַפּויר, ווען מיר לייענען דאָס נאָר. זיי האָט מען געצוואונגען אָפּגעבן דעם העסלעכן אָפּגאָט פון מלחמה זייער גאַנצע בלוט, זייער לייב און לעבן.

זיי האָבן פּנים אל פּנים, אין די שווערע מאַטערנישן פון די געפעכטן, אין דעם רויך פון דער מלחמה, געזען און געפילט און איבערגעטראָגן די גאַנצע נידערטרעכטיגקייט, די גאַנצע צעלאָזנהייט, דעם גאַנצן ווילקיר, די גאַנצע פאַרדאָרבנקייט און טעמפּע אומוויסנהייט פון דעם אַלטן רעזשים, — אין געשטאַלט פון זייערע העכערע און נידעריגערע נאַטשאַלסטווע.

אין ערגעץ איז דער קלאַסן־געגנזאַץ צווישן דער מאַסע סאָלדאַטן און דעם הייפל פּריווילעגירטע אָפיצערן ניט אַרויסגעטראָטן אין אַזאַ שאַרפער פאָרם, ווי אין די ליידן פון דער מלחמה.

און די אַרמיי איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ רעוואָלוציאָנישן פייער. אויס דיסציפּלין, אויס געהאָרכזאַמקייט, אויס ליידן ווי די שטומע בהמות.

צו אונז קומט אָן פון וויטן מזרח זייער ווייניג ידיעות. די רעגירונג שווייגט. נאָר דאָס, וואָס עס קומט יאָ פון צייט צו צייט אַרויף אויף די בלעטער פון די צייטונגען, באַווייזט דייטלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שרעקלעך אויפגערעגטער, פאַרביטערטער מאַסע.

אַזוי זיינען די לעטע „בונטן" אין וולאַדיוואָסטאָק, וועגן וועלכע מיר האָבן דאָ ניט לאַנג איבערגעגעבן אונזערע לעזער.

די רעגירונג איילט זיך ניט צו ברענגען אַ היים די מאַנדזשוריער אַרמיי. זי האָט שוין געבויט פאַרשידענע פּלענער. עס איז געווען אפילו אַזאַ געדאַנק, אַז מען זאָל זי גאָר אין גאַנצן איבערלאָזן אין וויטן מזרח, געבן יעדן סאָלדאַט אַ שטיקל ערד און אַ תמיכה פון קאַזנאַ, — און פּטר'ן אויף

איביג. דער פּלאַן איז פאַרשוואונדן אַזוי גיך, ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן: די סאָלדאַטן וועלן דערויף ניט זיין מוסכם.

און חדשים פליען. און די סאָלדאַטן רייסן זיך אַהיים, און זיי האָבן שוין אָנגעהויבן דאָס אויספירן אויף אַ רעוואָלוציאָנישן וועג: זיי פאַרכאַפּן די צוגן און פאָרן, און פאָרן...

און ווען דער רעגירונג ווערט ענג, שיקט זי אַ נייעם גענעראַל.

אין אַ באַזונדערן צוג איז גענעראַל גראָדעקאָוו אַרויסגעפאָרן גלייך קיין כאַרבין; דער ציל פון זיין רייזע איז אַרומגעוויקלט מיט אַ טיפן סוד. דער צוג איילט דורך פראָסט און ווינט, און שטעלט זיך ניט אָפּ. אויף די סטאַנציעס גייט קיינער פון דעם צוג ניט אַרויס. דער גענעראַל פירט מיט זיך גרויסע פולמאַכטן. עס גייט אַ קלאַנג, אַז ער איז באַשטימט פאַר אַ הויפּט־קאָמאַנדיר אויף לינעוויטש'עס אָרט, עס גייט אַ קלאַנג, אַז ער וועט זיין נאַמעסטניק אין ווייטן מזרח.

בשעת מלחמה מיט יאַפּאַן האָט מען געוואָלט פאַרריכטן דערמיט, וואָס מען האָט קוראָפּאַטקינ'ען פאַרביטן אויף לינעוויטש'ן. בשעת מלחמה מיט די אייגענע סאָלדאַטן וויל מען זיך העלפן דערמיט, וואָס מען וועט לינעוויטש'ן פאַרבייטן אויף גראָדענקאָוו'ן.

אַ נייער גענעראַל — און אַלעס וועט שוין ווייטער זיין גוט.

אַזוי היילט די זעלבסטהערשונג אירע וואונדן.

עס איז אָבער אַ סברה, אַז אין ווייטן מזרח קען מען ניט מאַכן אַזוינע מעשים ווי אין ליפלאַנד, ניט אַזוינע ווי אין האָמעל.

יענע זיינען אויך סאָלדאַטן. יענע האָבן אויך געווער. מיט זיי איז אַ ביסל שווערער אויסצוקומען, ווי מיט אומבאַוואָפנטע פויערים אין דאָרף.

פעברואַר 1906.

בילדער פון קאַמפּס־פעלד

שרה די פּוצנמאַכערין איז געווען אַ געבאָרענער אַגיטאַטאָר. די צייט, וואָס זי פלעגט זיצן ביי דער אַרבעט, איז ביי איר געווען אַן אמת׳ע אָפּקומעניש. געאַרבעט האָט זי אין אַ קליין חדר׳ל הינטער דעם מאַגאַזין, לופט איז געווען ווייניג, שטויב — אָן אַ שיעור און גלייך פאַרן פענצטער איז געשטאַנען אַ גרויע, ניט־געקאַלכטע וואַנט. קיין לעבעדיגן מענטשן! ס׳הייסט, אייגנטלעך האָב צוזאַמען מיט שרה׳ן געאַרבעט נאָך פיר מיידלעך — נאָר קיין נחת האָט זי פון זיי קיין פּיצל ניט געהאַט. איינע, די עלטסטע, איז געווען אַ פאַרברענטע ציוניסטקע, וואָס האָט אַלע אירע יאָרן געהאַט צו טאָן מיט שקלים און אַלץ געקלאָגט אויפן חורבן בית־המקדש. טענה׳ן מיט איר איז געווען פאַרלאָרענע טירחה. וויפיל מאָל שרה האָט איר ניט געפּרואווט אַגיטירן, וויפיל כח זי האָט אויף איר ניט אַוועקגעלייגט — עס האָט אַלץ ניט געהאָלפן. דאָס מיידל האָט זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן פאַר ציון, און פון אינדערפרי ביז נאַכט אַלץ געברומט „עוד לא אבדה״. פון די איבעריגע דריי מיידלעך איז געווען נאָך ווייניגער נחת. איינע, „גיטעלע די שיינע,״ איז די לעצטע צייט געוואָרן אַ לעבעדיגער גולם: זינט מען האָט דערשאָסן איר חתן אויף דער דעמאָנסטראַציע, האָט זי אויפגעהערט צו רעדן מיט מענטשן, ניט געוויזן קיין לעבעדיגע מינע און אַלץ אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו. — ממש אוים מענטש. פון די צוויי קלענערע מיידלעך איז איינע אַלט געווען דרייצן יאָר, די אַנדערע — אַ יאָר ניין. קיין חבר׳טעם האָבן זיי שרה׳ן ניט געקענט זיין. דעם גאַנצן טאָג האָט זי ניט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. די מאַסטערסקאַיאַ איז פאַר איר געווען אַן אמת׳ע טורמע.

דערפאַר אויף דער „בערזשע״ פלעגט זי זיך אָפּפירן דאָס האַרץ פאַר אַ גאַנצן טאָג. די אַרבעטער־בירזשע איז געווען אויפן אַלטן בולוואַר (דער נייער האָט געהייסן דער „פּריצישער״ און קיין אַרבעטער פלעגט מען אַהין ניט אַריינלאָזן). דער אַלטער בולוואַר איז געווען קליין, ביימער איז אין אים געווען ווייניג. די הילצערנע גראַטעס אַרום און אַרום האָבן זיך קוים גע־

האלטן. נאָר בייטאָג פון צוויי ביז דריי און אין אָוונט פון ניין אזייגער פלעגט אין אים קאָכן און רוישן א באזונדער מין לעבן. גרופּעס ארבעטער פלעגן זיצן אויף די בענק, ארומגיין איבער די אַלייען, פרישע יונגע שטימען פלעגן קלינגען אין אלע זייטן. דאָ האָט זיך א הייפל ארבעטער געדיכט צונויפגעשלאָסן ארום א רעדנער; ער דערציילט עפּעס מיט א הארטער, שטאָלענער שטימע. דאָס פּנים איז ווי אויסגעהאַקט פון שטיין און די אויגן ברענען און פינקלען מיט א טונקעלן פייער. דאָרט לייענט איינער אויפן קול די נייע פּראָקלאַמאַציעס פון קאָמיטעט, און די מאַסע ארום אים ווערט גרעסער אלע ווייל. ביי א זייט האָבן זיך א מאַן דרייסיג אזוי צונויפגעפּרעסט איינער צום צווייטן, אז מען קען גאָרניט זען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניג. די קעפּ זיינען אלע אויסגעשטרעקט און די אויגן צוגעשמידט צו איין פּונקט. דאָרט גייט א ויכוח מיט א „פּועלי־ציוניסט", א אינטעליגענט. דער בחור איז געקומען אויף דער בירזשע צו אגיטירן, נאָר מענדל דער געלער און משה'קע דער סטאָליער האָבן אים אָנגעהויבן שטעלן פראַגן און „כאַפּן ביים וואָרט". עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם, דער בחור שוויצט נעבעך און דרייט זיך אין אלע זייטן, און מענדל דער געלער זאָגט זיך איין ווערטל נאָכן צווייטן. יעדעס ווערטל איז פול מיט גיפט און שטעכט ווי א שפּילקע. דער עולם שמייכלט מיט הנאה. און מענדל מאַכט זיך ניט ווייסנדיג, אקוראַט ווי ניט אים מיינט מען.

און שרה פילט זיך דאָ ווי א פיש אין וואַסער. איר שטימע לאָזט זיך הערן אין אלע ווינקעלעך פון גאָרטן, איר געלעכטער קלינגט ווי א זילבערנער גלעקל. אומעטום איז זי פול, מיט אלעמען איז זי באַקאַנט און ביי אלעמען ווערט פריילעך אויפן הארצן, ווען מען טוט א קוק אויף איר יונגן פּנים. אָט גייט זי ארום מיט צוויי שניידערקעס, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל געקומען אויף דער בירזשע. זי דערציילט זיי עפּעס מיט גרויס התלהבות און יענע גייען נעבן איר ערנסט און פאַרטראַכט. אָט טראָגט זי זיך ארום מיט א פּעקל בראָשורן און טיילט זיי פאַנאַנדער אירע חברים. אָט לויפט זי פון איינעם צום אַנדערן און איז מודיע וועגן דער קוואַרטיר — פאַרן מאָרגנדיגן קרייזל. אָט האָט זי עפּעס א הייסן שמועס מיט מאַשציק דעם „פאָרשטייער": זי איז אויפגעבראַכט, רעדט מיט גרויס אימפּעט און שאָקלט מיט די הענט. א מינוט שפּעטער רעדט זי שוין מיט די סאָלדאַטן פון פאַרול, וואָס שטייען ביים טויער פונעם גאָרטן. זי לייענט זיי עפּעס פון א בלעטל, און די סאָלדאַטן קוקן זיך ארום, צי עס גייט ניט קיינער פון „נאַטשאַלסטוואָ"...

:: :: ::

פאַרן בולוואַר פירט זיך שוין אַ שטיק צייט אַ שטילע נאָר אַן איינגעשפּאַרטע מלחמה. פּאָליציי האָט פעסט באַשלאָסן צו מאַכן אויס בירזשע. די אַרבעטער ווילן ניט אָפּטרעטן.ביידע צדדים ווערן אויפגעבראַכט וואָס אַ טאָג מער. אַ פּאָר מאָל האָבן די אַרבעטער שוין געטראָפן פאַרשפּאַרט ביידע טויערן פונעם גאָרטן. דאָס איז אָבער געווען אַ קליינע רפואה. די הילצערנע גראַטעס זיינען געווען נידעריג און אַלט, און אַ פּאָר געזונטע קלעפּ איז געווען גענוג, עס זאָל ווערן אַ נייע טיר. דער מענטשן־שטראָם האָט זיך ווייטער פאַנאַנדערגעגאָסן איבערן גאַנצן גאָרטן, און אין זיינע ברויזנדיגע כוואַליעס האָט זיך דאָס מאָל געהערט אַ צאָרנדיג ברומען...

פּאָליציי האָט זיך ניט באַרואיגט. יעדן טאָג האָט אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן בולוואַר אַ פּאָמאָטשניק פּריסטאַוו מיט אייניגע סאָלדאַטן. פון אָנהויב פלעגן זיי קיינעם ניט טשעפּען. נאָר די גרויע שטעכנדיגע אייגעלעך פונעם פּאָליציי־דינער פלעגן איבערלויפן גיך, ווי די מייז, פון איין גרופּע אַרבעטער צו דער צווייטער, און די געלע וואָנצעלעך זיינע פלעגן זיך רירן אויפן גלאַטגעגאָלטן פעטן פּרצוף. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן פאַנאַנדערטרייבן די גרופּעס. — „ראַזאָידיס! ראַזאָידיס!" האָט ניט אויפגעהערט צו כריפּען זיין הייזעריגע שטימע. די אַרבעטער פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין אין איין ווינקל און זיך פאַרזאַמלען אינעם צווייטן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אין גאָרטן שפּיאָנען. צוגיין נאָענט האָבן זיי מורא געהאַט, נאָר פון דער ווייטנס פלעגן זיי זיך אַרומדרייען — כלומר'שט ליידיגגייער, געקומען שעפּן פרישע לופט. איינעם פון זיי, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו נאָענט, האָט מען שוין געגעבן אַ פּאָר פּעטש. ער וועט האָבן צו געדענקען.

די פּאָליציי איז געוואָרן אַלץ עזות'דיגער. אין מיטן טאָג האָט מען פאַרנומען אויפן בולוואַר יעקל דעם גאַרבער, שלמה דעם הייזעריגן און גאָלדע די אינטעליגענטקע: געפונען האָט מען ביי זיי גאָרניסט, נאָר אָפּגעהאַלטן האָט מען זיי דריי טעג. אַז מען האָט זיי אַרויסגעלאָזן, איז גאָלדע געווען ווי צעמישט: די אויגן פאַרפלאַמט, דער קוק משונה ווילד, די האָר צעשויבערט און דאָס פּנים — באַהיט זאָל מען ווערן! — אַ פּנים טויזנט מאָל ערגער ווי ביי אַ מת. וואָס עס איז מיט איר געווען, האָט זי קיינעם ניט דערציילט, נאָר איין מאָל אין אַ שמועס האָבן זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט אַזוינע ווערטער: „אויב מען וועט מיך נאָך אַ מאָל אַרעסטירן און אַריינזעצן אין אוטשאַסטאָק, וועל איך זיך גלייך דאָס לעבן נעמען." אין אירע אויגן און

ארום די ליפּן האָט אין דער צייט עפּעס געציטערט אַזוינס, אַז די צוהערער איז איבערגעגאַנגען אַ קאַלטער שוידער איבערן לייב.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן טרייבן פון בולוואַר מיט געוואַלט.

:: :: ::

אין דעם פרייטאָג איז דער הימל געווען גרוי, ווי באַצויגן מיט אַ בלייענעם דעקטוך. אַ קאַלטער עסנדיגער ווינט האָט דורכגענומען דורך און דורך. אויבן, איבער דער שטאָט, זיינען געקראָכן אומגעלומפּערטע, צע־קאַשמעטע טונקעלע וואָלקנס, ווי אָפּגעריסענע שטיקער פון אַ פאַרפוילטן מאַנטל. אונטן איז די ערד געווען נאַס און בלאָטיג, ווי באַדעקט מיט קרעץ. דער שניי איז שוין צעגאַנגען. נאָר אין גאָרטן איז ער נאָך געלעגן אויף איינזעלנע ביימער. די נאַקעטע ביימער האָבן זיך געבויגן אין אָנמאַכט צו דער ערד און געראַוישט, און געקרעכצט און געקלאָגט זיך מיט אַ טרויעריגער שטים. דער ווינט האָט געוויינט אין די צווייגן, ווי אַ יתום ביים ערשטן קדיש.

דער מענטשן־שטראָם אין גאָרטן האָט זיך געוויגט און געהילכט און גע־ברומט. אַ כעם און אַ האַס האָט געזאָטן אין זיינע טונקעלע כוואַליעס. דער גאָרטן איז געווען באַלאַגערט פון אַלע זייטן מיט פּאָליציי־לייט. אַ וואַכאַ סאָלדאַטן מיט אַ פּריסטאַוו איז געשטאַנען ניט ווייט מיט ביקסן אין האַנט!

. . . קיינער האָט ניט גערופן, נאָר אַלע אַרבעטער האָבן אַליין זיך אָנ־געהויבן צוזאַמענשליסן אין מיטן גאָרטן. עס איז מיט אַ מאָל געוואָרן מור׳דיג שטיל. מען האָט געקענט הערן, ווי עס קלאַפּן די הערצער. און אין דער שטילקייט איז געוואַקסן און שטאַרק געוואָרן עפּעס אַ נייעס, אַ וואונדער־באַרעס. איינצעלנע מענטשן זיינען פאַרשוואונדן, איינצעלנע געפילן זיינען געוואָרן אויסגעלאָשן, יעדער האָט פאַרגעסן זיך אַליין. איין מעכטיג געפיל האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען, איין הייסער שטראָם האָט דורכגענומען דורך און דורך אַלע הערצער.

פון דער ווייטנס האָבן זיך באַוויזן קאָזאַקן אויף פערד מיט נאַגאַיקעס אין האַנט.

שרה האָט אַליין ניט געפילט, ווי זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז עמיצער רעדט פון איר מיט אַ פרעמדער שטים:

— חברים! ניט רירט זיך פון אָרט! זייט קעמפער! זייט מוטיג! שטייט פעסט! אָדער זיגן, אָדער פאַלן ווי פרייע מענטשן! אַ פלוך צו דער קנעכטשאַפט! עס לעבע דער אַרבעטער־קאַמף!

א ים שטימען האט א גאס געטאן און ווי דערשראקענע פייגל זיך פאנאנדערגעפלויגן אין אלע זייטן אין דער קאלטער לופט.

. . . פילע האבן כמעט ניט געהערט, ווי מ'האט אויסגעשאסן. און ווען מ'האט אנגעהויבן זיך פאנאנדערלויפן, האט א טייל נאך ניט געוואוסט, וואס עס איז געשען. עפעס ווי א בלינדע קראפט האט אנגעכאפט די מענטשן און געשליידערט אין אלע זייטן.

שרה איז געבליבן ליגן אויפן שניי. פון א וואונד אין ברוסט האט דאס בלוט געטריפט א טראפן נאך א טראפן און רויט געפארבט דעם שמוציגן שניי. א שווארצער לאק האט זיך אפגעטיילט פון די האר און זיך אויסגעצויגן איבערן טויט־בלאסן פנים.

:: :: ::

אויף דער לויה זיינען געווען די ארבעטער פון דער גאנצער שטאט. נאך פון אינדערפרי אן זיינען געשטאנען אלע פאבריקן און געווען פארמאכט אלע קראמען. עס האט אויסגעזען, ווי אימיצער א שטארקער האט געגעבן א וואונק, און פאר זיין בליק איז פארציטערט געווארן אלעס, וואס עס לעבט, און פארשטיינערט געווארן אן באוועגונג. ס'איז ניט געגאנגען דער טראמוואי, עס האבן זיך ניט באוויזן קיין פורלייט. אלעס שטיל. אויף שוכמאנ'ס פאבריק האט מען ארויסגעהאנגען אויפן דאך צוויי גרויסע פאנען, א רויטע און א שווארצע, און זיי זיינען געהאנגען דעם גאנצן טאג.

דער ווינט האט געבלאזן און טראפן רעגן האבן זיך געגאסן פון גרויען הימל, ווען די לויה האט זיך גערירט פון ארט. ווי א ריזיגע שווארצע שלאנג האט זי זיך אויסגעצויגן איבער דער גאנצער שטאט, פון עק ביז עק. פאראויס האט געפלאטערט א רויטע פאן. די מיטה, באשאטן מיט בלומען, האט זיך שטיל געוויגט אויף די קרעפטיגע ארבעטער־שולטער. דער מענטשן־שטראם האט זיך געגאסן און געגאסן, און פון אלע זייטן האבן געאיילט צוצושטיין נייע מאסן. א טיפע שטילקייט האט אויסגעשפרייט איבער אלעמען אירע פליגל.

שרה'ס מוטער, אן אלטע אידענע, מיט איינגעשרומפענע באקן און פאר־לאשענע, אויסגעוויינטע אויגן, איז נאכגעגאנגען נאך דער מיטה מיט א געבויגענעם רוקן. אירע אויגן זיינען געווען טרוקן. נאר שטיל, מיט א צעבראכן קול, האט זי גערעדט צו זיך אליין:

— רבונו של עולם! וואס האסטו געהאט צו איר? מיט וואס האט זי פארזינדיגט? אזא אומשולדיג עופה'לע, אזא גאלדענע טויב! פארוואס קומט

עס איר? צי האָט זי איר אַלטע מאַמע, די וויסטע אַלמנה, ניט געשווינט? צי האָט זי די קליינע יתומים מיט איר האָרעוואַניע ניט געשפּייזט? צי האָט זי אירע חברים ניט געהאָלפן? טאַטע אין הימל! זיסער, האַרציגער גאָט! דו האָסט דאָך געזען איר אַרבעט. בייטאָג און ביינאַכט האָט זי נאָר געטראַכט וועגן כּלל, אַלע אירע יונגע כּחות האָט זי אָוועקגעלייגט פאַר יענעם. אַ טרייסט און אַ פרייד איז זי געווען פאַר דער גאַנצער וועלט. רבונו של עולם, פאַר־וואָס קומט איר אַזאַ שטראָף? פאַרוואָס, פאַרוואָס?...

דער מענטשן־שטראָם האָט זיך געגאָסן און געגאָסן.

. . . די מצבות פון בית־עולם זיינען געשטאַנען פאַרטראַכט און פאַר־חלום׳ט, און די לעבעדיגע זיינען געשטאַנען ווי מצבות פאַרצויבערט אין אַ הייליגער שטילקייט. די רייד פונעם רעדנער האָבן זיך געשאָטן ווי פונקען.

— „ניט וויינען, ניט קלאָגן! ניט לאָזן דעם אוממוט, ווי אייז־קאַלטע שלאַנגען אין האַרצן זיך רירן! מיט האַס און נקמה זאָל פלאַמען די זעלע, אין פייער זאָל גליען דעם אַרבעטער׳ס ברוסט!

„ניט וויינען, ניט קלאָגן! אַ פלוך די טיראַנען, אַ ביטערער פלוך צו די הענקער, די פינצטערע מערדער — זאָל וואַקסן און קאָכן און ברויזן אין אַלעמענס הערצער...

„חבר! דו ביסט ניט געשטאָרבן! דו לעבסט אין דער זעלע פון דיינע חברים! דו לעבסט אין דעם מוט פון די מעכטיגע אַרבעטער רייען. דו לעבסט אין די ליכטיגע פאַרבן פון אונזערע הייליגע אַרבעטער־פאָנען!״...

די שטימע קלינגט און ציטערט, און וואַקסט און שפּרייט זיך איבער די טויזנטער קעפּ. אַ הייליגער שוידער גיסט זיך איבער די גלידער. אויגן בליצן.

די רויטע פאָנען פלאַטערן איבער אַלעמענס קעפּ.

צו דער מיטה גייט צו דער שמש, אַן אַלטער איד, גרוי ווי אַ טויב. זיינע הענט ציטערן און זיינע אויגן קוקן מיט אַ טיפן אוממוט. ער בויגט זיך אָן צו דער טויטער.

— איך בעט ביי דיר מחילה פאַר דיין מוטער און דיינע שוועסטער און דיינע פריינט. איך בעט ביי דיר מחילה פאַר אַלע דיינע חברים.

די רויטע פאָנען פלאַטערן. דער וואָלקן־פאַרהאַנג האָט זיך פּלוצלונג צעריסן. עס האָט אַ ליכט געטאָן אַ שטיקעלע בלויער הימל. אַ זונען־שטראַל האָט באַגאָסן מיט גאָלד די שטומע מצבות...

מערץ, 1906, אונטערגעשריבן: „דער עוויג־יונגער״.

אינעם רויטן נעבל

דורך א רויט־געפארבטער גלאז ווען מען קוקט אויף דער וועלט, דאן פארענדערט זיך הימל און ערד, אלץ דאכט זיך פול סודות און וואונדער, אלץ וויגט זיך און ציטערט, און פליסט אויף א נייעם משונה'דיגן וועג.

דורך דעם רויטן נעבל, וואס פארהילט איצט רוסלאנד פון עק ביז עק, זעט דאס לעבן אויס ווי א פאנטאסטיש בילדער־געוועב, ווי א טרוימהאפטע שוועבונג פון אוממעגלעכע געשטאלטן. און דאס ווירקלעכסטע, דאס פיל־בארסטע איז געווארן עפעס ווי א ווילדע, אומפארצוימטע פאנטאזיע, ווי די פארווירטע געדאנקען פון א שיכור'ן. און די אומגעוויינלעכסטע, אומפאר־צוימטעסטע פאנטאזיע איז געווארן א רעאלע ווירקלעכקייט, א געוויינלעכער, צופיל געוויינלעכער פאקט.

אינעם רויטן נעבל האט זיך אומגעביטן דער טויט אליין. עפעס איז אין אים אויסגעלאשן פון זיינע שרייענדע פארבן. עפעס איז ווי אפגעשטארבן אין זיין אומהיימלעכן געזיכט. און איר קוקט אויף אים, און דערקענט אים ניט ,און וואונדערט זיך, וואו איז אהינגעקומען זיין אלטע געשטאלט.

:: :: ::

אינעם רויטן נעבל האט דער טויט אליין אויפגעהערט צו זיין גרויזאם. אנגעווארן די געהיימניספולע גרויסארטיגקייט. פארשוואונדן די צוויי ברייטע פלאטערנדע, נאכט־שווארצע פליגל, אויפגעהערט קוקן מיט די טיפע, אומ־ענדלעך טיפע אויגן פון דער אייביגקייט. געווארן א פשוט'ע אלטעגלעכע, שמוציגע, עקלהאפטע שעכטעריי, ווי מען שעכט בהמות אינעם שעכט־הויז, ווי מען קוילט חזירים פאר א חגא — אן א פיצל פאעזיע, אן א רמז וועגן דעם, אז דא ווערט אפגעשפילט די גרעסטע טראגעדיע, וואס ס'קען זיך נאר אפשפילןביים מענטשן — די טראגעדיע פון טויט.

איך געדענק נאך אלץ, ווי מ'האט אויפגעהאנגען פוליכאוו'ן. נאכט איז געווען. פויל און בלאטיג אין דרויסן. גרוי און שמוציג אויפן הויף פון דער טורמע. ערגעץ אין א ווינקל, לעבן טויער, האט מען אויפגעשטעלט די תליה. אפילו קיין תליה ניט קיין רעכטע: גלאט א פלאקן אריינגעשטעקט

אין אַ דיקער ברעט. אויבן אַ טשוואַק מיט אַ שטריקל — און פאַרטיג די מאַשינע. און קיין תליון קיין רעכטער איז אויך ניט געווען. און אַ פּאָר וועכטער האָבן ארויסגענאַרט פון דער קאַמער דעם פּאַראַורטיילטן. און דער אומפּייאינגער תליון האָט זיך געמוטשעט אַ שטיק צייט מיט דער אומ־פאַלקאָמער מאַשינע, און האָט געצויגן אַהין און אַהער, און געדרייט, און געדריקט, און געשלעפּט, און געוואָרגן ביז ס'איז אים געראָטן צו מאַכן פון אַ מענטשן אַ העסלעך שטיק פליש, און דאַן האָט מען דאָס שטיק פליש אריינגעלייגט אין אַ גרויען זאַק און ארויסגעפירט אויף אַ וועגעלע — און אויס פּוליכאָוו!

:: :: ::

און אָט האָט איר נאָך אַזאַ בילד פון טויזנט אַנדערע. דאָס איז ניט לאַנג געווען אין וויטן מזרח.

אין וואַלד האָט מען אויסגעגראָבן פינף קברים און אויפגעשטעלט פינף תליות, נאָר דער תליון האָט פאַרגעסן צוגרייטן בענקלעך, און אַ גאַנצע שעה האָבן ד פאַר'משפּט'ע געוואַרט ביי זייערע אייגענע קברים. נאָר אָט איז שוין פאַרטיג. אָנגעטאָן איינעם די פּעטליע. וויטער אַן אומגליק — דער שטריק איז צו לאַנג. דער געהאַנגענער דערלאַנגט מיט די פיס צו דער ערד. ער וואַרפט זיך און צאַפּלט אין שרעקלעכן קראַמף. און שטאַרבן שטאַרבט ער אַלץ ניט, געמוזט אים דערשיסן. די איבעריגע האָט מען שוין געהאַנגען אויף אַן אַנדער מעטאָדע. געהויבן אויף די הענט אין דער הויך, דער תליון שטייט אויף אַ בענקל און לייגט ארויף די פּעטליע און דריקט דאַן דעם קערפּער אַראָפּ... און ס'האָט אויך ניט געהאָלפן. די פּאַראורטיילטע אַליין האָבן זיך אריינגעמישט און געלערנט די תלינים, ווי בעסער צו מאַכן די פּעטליע, ווי גיכער צו דערווערגן אַ מענטשן... געמאַטערט זיך אַ לאַנגע שטיק צייט.

:: :: ::

אינעם רויטן נעבל. דאָרט האָט דער טויט זיך פאַרמישט מיטן לעבן, דאָרט האָט דער טויט מיטן לעבן צוזאַמען געשלאָסן אַ פאַרבאַנד, כדי צו באַווייזן דאָס שרעקלעכסטע, וואָס ס'באַהאַלט זיך אין די פאַלדן אי פון דעם לעבן, אי פון דעם טויט. דאָרט גייט אַרום איבער דער וועלט אַ לעבעדיגער טויט אָדער אַ טויטעס לעבן, און שמייכלט מיט אַ שמייכל פון אַ טרוקענעם שאַרבן מיט אויסגעשטשירעטע ציינער.

אין באַלטישער געגנט קענט איר דאָס זען. דאָרט האָט די האַנט פון

דעם שונא מער ווי אומעטום געוועלטיגט, דאָרט האָט דער פיינט געטראָגן זיינע קעלטערס — גרויסע טייכן מענטשלעכע בלוט. דאָרט האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט זיינע פרוכט געשניטן, — אַ רייכע פרוכט פון מענטשלעכע לעבנס. דאָרט האָט ער זיין יום־טוב געפּייערט.

און דאָרט איז איצט וויסט. די דערפער אויסגעברענט. די הייזער — אַש. דאָס גוטס — רויך. און אין פעלד לויערט דער פיינט, און פּייניגט און טויט.

און די מענטשן האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן אין די וועלדער. און אין קעלט און אין ווינט, אין רעגן און אין שניי ליגן זיי באַהאַלטן אין זייערע גריבער. און לאַנגזאַם און ערנסט רוישן איבער זיי די גרויסע נאַקעטע ביימער. און עס ציטערן די קינדער אויף דעם שויס פון זייערע מוטערס, און דער הונגער קוקט פון די אומעטיגע אויגן פון דער מוטער מיט אירע קינדער. און עס הערט זיך פון ווייטן דאָס עלענדע וואָיען פון אַ הונגעריגער חיה, און די טונקעלע ביימער שאָקלען זיך, און עס פאַלט פון זיי אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן.

און ווען עס ווערט שוין ניט צום איבערטראָגן, גייען די מוטערס אַראָפּ פונעם זינען. און צעמישטע פאַרלאָזן זיי זייערע קינדער, און לויפן איבער די וועלדער, און קומען אין די ליידיגע, איינזאַמע פעלדער, און פילן אָן די לופט מיט זייער ברומען און קלאָגן. און אַ לעבעדיגער מענטש קוקט אויף אייך מיט די אויגן פון טויט, און אַ טויט גייט אַרום אינעם געשטאַלט פון אַ לעבעדיגן מענטשן.

און ווען אין אַ פינצטערער נאַכט איר וועט דורכפאָרן דורך די פּוסטע און אומעטיגע פעלדער און וועט דערהערן אַ ווילדן געשריי, וואָס צערייסט די גאַנצע לופט ווי אַ רויטער בליץ, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז ניט קיין פעלד־חיה אָדער אַ נאַכט־פויגל, נאָר אַ משוגע־געוואָרענע לעטין. און ווען איר וועט באַמערקן, אַז באַלד דעם געשריי הערט זיך אַ קנאַל פון אַ ביקס און עס ווערט דורכגעעגבערט די לופט פון אַ קויל — זאָלט איר וויסן, אַז דאָס שיסט אַ סאָלדאַט, אַ שליח פון דער זעלבסטהערשענדער רעגירונג, אינעם האַרץ פון אָט דער דאָזיגער משוגע'נער לעטין.

:: :: ::

אינעם רויטן נעבל, איבער דער רויט־באַפאַרבטער ערד, גייט דער טויט. און דער רויטער נעבל ווערט געדיכטער, און שווערער, און נידעריגער לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף דער פאַרוואָגלטער ערד.

אפּריל, 1906.

אַ שרעקנדער שאָטן

דער שאָטן פֿון לייטענאַנט שמידט לאָזט ניט שלאָפֿן די אדונים פֿון די הויכע פֿענצטער. זיין נאָמען דערוועקט אין זיי עפּעס אַ מאָדנעם שווינדער. מ׳איז זיך נוקם מיט אַ באַזונדער מין פֿאַרגעניגן.

אונזערע לעזער ווייסן שוין, אַז מ׳האָט אויסגעגראָבן די קערפּער פֿון שמידט׳ן מיט די דריי מאַטראָסן און אַרויסגעוואָרפֿן אין ים אַריין. די לעצטע צייט האָט מען קאָנפֿיסקירט צייטונגען, וואָס זיינען געווידמעט דעם אָנדענק פֿון שמידט׳ן. איצט איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער מיניסטער דורנאָוואָ האָט זיך געווענדעט צום סינאָד מיט אַ פֿראַגע: וואָס רעכנט ער טאָן מיט די גלחים, וואָס האָבן געדאַוונט אַ „פּאַניכידע" נאָך שמידט׳ן. אויב דער סינאָד וועט זיי ניט באַשטראָפֿן מיט זיין מאַכט, וועט ער, דורנאָוואָ, זיי באַשטראָפֿן אויף אַדמיניסטראַטיוון וועג.

וואָס שרעקט זיי אַזוי דער נאָמען פֿון שמידט? ער איז פֿאַר זיי שרעקלעך טאַקע דעריבער, פֿאַרוואָס ער איז אַזוי ליב און טייער דער רוסישער בור־זשואַזיע פֿון אַלע סאָרטן. אַ מענטש ניט קיין רעוואָלוציאָנער — און דאָך האָט דאָס לעבן אים געצוואונגען זיך שטעלן בראש פֿון אַ העכסט רעוואָ־לוציאָנערישן אונטערנעמען. אַ מענטש וואָס וויל ניט בלוט פֿאַרגיסן — און דאָך האָט זיין טאַט געמוזט פֿירן צו בלוט־פֿאַרגיסן. אַ מענטש אַן איבערצייגטער מאָנאַרכיסט, מיט אַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענער ליבע צום קיסר — און דאָך האָט ער אָנגעפֿירט אַ באַוועגונג, וואָס שטרעבט „אָפּצושאַפֿן די עקזיסטירנדע אָרדענונג".

די דראַמע פֿון שמידט׳ס נשמה — דאָס איז די דראַמע פֿון דער גאַנצער ראַדיקאַלער רוסישער בורזשואַזיע, וואָס האָט בעצם מורא פֿאַר דער רעוואָ־לוציע און איז דאָך סוף כּל סוף גענויטיגט פֿון צייט צו צייט זיך אומקערן צו איר, ווען זי זעט, אַז קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ.

לייטענאַנט שמידט, מיט זיין צעשפּאָלטענער נשמה, מיט זיינע שיינע ווערטער און מיט זיינע מעשים, וואָס פּאַסן ניט פּאָלקאָם צו אָט די ווערטער,

ם. אלגין

איז אן אידעאל פון א קעמפער אין די אויגן פון דער רוסישער בורזשואזיע. ארום אים איז קאנצענטרירט די גאנצע ליבשאפט און פארערונג.

און טאקע ווייל אט דער קעמפער האט דאך סוף כל סוף אויפגעהויבן א רויטע פאן, און ווייל ער האט אויפגערירט די צעבונטעוועטע סאלדאטן, און טאקע ווייל ער האט ניט אויפגעהערט צו זיין א מאנארכיסט, איז ער אזוי שרעקלעך דער רוסישער זעלבסטהערשונג.

ער איז פאר איר א פארהאסטער סימבאל...

אפריל, 1906.

פרילינג-געדאַנקען

דער פרילינג גייט! העלע זונען־שטראַלן לייכטן. אַ ליבלעכע וואַרעמקייט שפּרייט זיך איבער דער ערד. און ביים שיין פון די מילדע שטראַלן, און אין דער אומאַרמונג פון דער זאַנפטער וואַרעמקייט דעקן זיך אויף די טיפע וואונדן פון דעם לאַנד, און ס׳פילט זיך שמערצלעכער די נויט, און ס׳רייסט געוואַלדזאַמער די זעלע דער גרויסער חורבן און טיפער דרינגט דער ווייטאָג, און העלער ברענט דער גרויסער צאָרן.

דער פרילינג גייט! פון זיין האַלב־איינגעפאַלענעם הייזל קריכט אַרויס דעם פּויער. „פון די פעלדער איז שוין אַראָפּ דער שניי. מען דאַרף אָנהויבן פאַרזייען דאָס שטיקל פעלד. און ער שטייט דער פּויער און טראַכט אַ שווערן און ביטערן געדאַנק. פאַרזייען... מיט וואָס? פאַראַיאָריגן זומער האָט דאָס פעלד ניט אומגעקערט די פאַרזייטע זריעה. אַ טייל פון די תבואות האָט מען גאָרניט געשניטן, אַ טייל האָט מען אָפּגעקאָסעט אויף היי. וואָס טוט מען איצינד? וואו נעמט מען די זריעה?” („נאַשאַ זשיזן”, 415.)

עס דריקט און עגבערט דער שווערער געדאַנק, עס דריקט און נאָגט דער הונגער, דער איינפאַכער הונגער, דער שטענדיגער גאַסט פון די רוסישע דערפער. קורצע, אָפּגעהאַקטע ידיעות קומען אָן פון די פאַרוואָרפענע דאָרפישע ווינקעלעך און פאַלן אויף דעם מח ווי שטיינער. אָט איז אַ דאָרף אין קאַזאַנער גובערניע, וואו אַלע איינוואוינער אָן אַן אויסנאַם האָבן זיך פאַר׳סמ׳ט מיט אַ מין גראָז, וואָס זיי עסן אַנשטאָט ברויט. („דוואַדצאַטי וועק”, 5.) אָט איז אַ דאָרף אין סאַראַטאָווער גובערניע, וואו אַלע פּויערים האָבן שוין אַראָפּ־גענומען די שטרוי פון זייערע דעכער, כדי צו האָדעווען מיט איר די בהמות. די שטרוי איז שוין אויסגעגאַנגען. די פערדלעך, די קי, די לעצטע שטיצע פון דעם פּויער׳ס ווירטשאַפט, גייען אויס פאַר הונגער, און אין וויסטע הייזלעך זיצן די הונגעריגע באַלעבאַטים זייערע און זעען פאַר זיך ניט קיין שום רעטונג פון דעם קומענדיגן הונגער־טויט, און דורך די אָפּגעדעקטע דעכער פאַלט דער רעגן און קאַפּעט און ווײנט אויף זייער מזל מיט טראָפּן שמוציגע וואַסער.

מיטן הונגער צוזאַמען גייען קראַנקהייטן. קינדער שטאַרבן ווי פליגן. אַלטע מענטשן גייען אויס לאַנגזאַם, ווערן פאַרלאָשן ווי ליכט, אָדער שטאַרבן פּלוצים, אין שרעקלעכע ליידן. אַט שרייבט מען פון אַ דאָרף פון נאָוואָגראָדער גובערניע: „מען שפּייזט זיך דאָ אַזוי שלעכט, אַז מענטשן ווערן קראַנק אויפן קראַמף. עס טרעפט, אַז דער קראַמף ברענגט מיט זיך דעם טויט.״ („רוס״, 52.) אַט איז אַ דאָרף אין טולער גובערניע, וואו עס פאַרשפּרייט זיך דער הונגער־טיפוס, און אין דער סביבה, אַרום דעם דאָרף, הערשט אַן עפּידעמיע פון פּאָקן, סקאַרלאַטינע, דיפטעריט. („נאָשאַ זשיזן״, 216.) און אַזוינע דערפער איז דאָ ניט איינס און ניט הונדערט איבערן גאַנצן שטח פונעם דאָרפישן רוסלאַנד, און אַזוינע הונגעריגע, פאַראומגליקטע, פאַרחושכ׳טע, האַלב־פאַרווילדעטע מעטשן איז דאָ ניט איין הונדערט טויזנט איבערן גאַנצן לאַנד.

און דער הונגער ברענגט אין איניגע ערטער דערצו, אַז מענטשן עסן — מענטשן־פלייש. יאָ! עס איז ניט קיין בילד פון אַ משוגע׳נער פאַנטאַזיע. עס איז אַ פאַקט. און ער איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. און די צייטונגען האָבן וועגן אים דערציילט מיט זייער געוויינלעכער קאַלטער און רואיגער שטימע. און הגם ס׳איז געשען אין ווערכניקאָלימסק, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון סיביר, און הגם ס׳האָבן געגעסן זייערע אייגענע די זייער ווייניג קולטורעלע יוקאַגירן — דער פאַקט ווערט דאָך דערפון ניט ווייניגער שוידערהאַפט און גרויזאַם. אין אַ געזינד איז פאַר הונגער אויסגעשטאָרבן 8 פאַרשוין. קיין רעטונג איז נישט געווען פון וועמען צו וואַרטן. דער טויט איז געשטאַנען מיטן חלף. און דער יוקאַגיר, דער טאַטע האָט געפאָלגט די עצה פון זיין טאָכטער און האָט געקוילעט זיין פלימעניק און זיי האָבן איםביידע גענומען עסן. („נאָשאַ זשיזן״, 396.) און שפּעטער, ווען ס׳זיינען געקומען מענטשן צו זייער איינזאַמען געצעלט, האָבן זיי דערזען, ווי די טאָכטער איז געשטאַנען אין דרויסן און, ניט באַמערקנדיג קיינעם, געגעסן אַ מענטשלעכן קאָפּ. ווי אַזוי איז אָט דער שוואַכער, שרעקעדיגער מענטש געוואָרן אַ מענטשן־פרעסער? — „ווי איז דאָס מעגלעך, אַז ער זאָל אָנהויבן אויסראָטן זיין אייגענע געזינד?״ — פרעגט די צייטונג, וואָס ברענגט דעם דאָזיגן פאַקט, און ענטפערט: „דערצו האָט אים געבראַכט דער אומדערטרעגלעכער הונגער, וואָס הערט ניט אויף אין קאָלינסקן אָקרוג פון יאָר צו יאָר. דער הונגער, וועלכער האָט פאַר זיינע אויגן געטויט 8 מענטשן פון זיין געזינד. דער הונגער, וועלכן די אָרטיגע גאַטשאַלסטווא האָט ניט אָפּגעשטעלט צו דער צייט, הגם זי האָט ביזד געהאַט צו פאַרזיכערן דאָס דאָזיגע געזינד מיט עסנ־

ווארג וויפיל מען האָט געדאַרפט... מיטלען דערצו איז ביי איר געווען אריבער נענוג." („נאַשא זשיזן", 396.)

און פון אַלע עקן, פון אַלע אויסגעמאַטערטע דערפלעך הערט זיך איין קול, איין אומאויפהערלעכער געבעט: העלפט! שטיצט אונז! גיט אונז זריעה צו פאַרזייען דאָס פעלד, גיט אונז ברויט צו ראַטן אונזער לעבן, ביז אונזער אויסגעמאָגערטע שטיקל ערד וועט אונז ברענגען איר דלות'דיגע גערעטעניש. און ווי שטענדיג, טוט די זעלבסטהערשענדע רוסישע ביוראָ־קראַטיע אַלץ, וואָס זי האָט ביד, כדי ניט דערלאָזן דעם פויער קיין הילף. מען זאָגט אים צו נסים אין דומע, מען טרייסט אים מיט די קומענדיגע אַגראַרישע רעפאָרמען, וואָס וועלן אים פאַרגרעסערן זיין שטיקל ערד. און די הילף, וואָס איז נויטיג היינט, די מינוט, כדי צו ראַטעווען פונעם הונגער, וואָס איז שוין דאָ, כדי צו היילן די קראַנקהייטן, וואָס עסן שוין דעם פויערס גוף, אָט די הילף לאָזט מען ניט צוקומען צו אים. דאָ שטעלט מען אויף אַלע צוימען, וואָס געפינען מאַכט. איר קענט ניט זעלטן לייענען אין די צייטונגען קורצע ידיעות, שרעקלעך פראַזאַאישע, למשל, ווי די, וועלכע מיר האָבן אַלע געלייענט ערשט ניט לאַנג. („דוואַדצאַטי וועק", 13.) „דער מיניסטער פון אינערן האָט ניט געפונען פאַר מעגלעך צו באַפרידיגן די שתדלנות פון אייניגע אויעזדנע זעמסטוועס אין קורסקער גובערניע, וועלכע האָבן געבעטן מען זאָל זיי אַנטלייען 487 טויזנט רובל, כדי צו העלפן דער באַפעלקערונג מיט פיטער פאַרן פי און מיט זריעה צו זייען די פעלדער."

„דער מיניסטער האָט ניט געפונען פאַר מעגלעך" צו העלפן די זעמסטוועס פון דער קאַסע פון דער מלוכה, דערפאַר האָט ער גאָר לייכט געפונען פאַר מעגלעך צו פאַרטרייבן אַלע פריוואַטע מענטשן, וואָס ווילן העלפן דעם דאָרף דורך צדקה, וואָס ווילן אָפּגעבן זייער כח צו פאַרגרינגערן דיליידן פון די נויטבאַדערפטיגע. אַ מלחמה, אַ שטענדיגע, אַ שווערע, דערמידנדע מלחמה קומט אויס צו פירן דעם אינטעליגענטן מענטשן אין דאָרף מיט אַלע אויפ־טועכצן פון דער העכערער און נידעריגער נאַטשאַלסטווע. און זיגן זינגט די ווילדע קראַפט. שול־לערער, אַגראָנאָמען, דאָקטוירים, פעלדשערס, אפילו גלחים, וואָס פרואוון העלפן דעם פויער, ווערן מאַסנווייז אַרעסטירט, פילן אָן די טורמעס, באַזעצן די וויסטע ערטער פון אַרכאַנגעלסקער גובערניע און סיביר. יעדע מגע ומשא מיטן פויער ווערט דערקלערט אַלס פראָפּאַגאַנדע, יעדס וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגערעדט דעם פויער מיט אַ פריינטלעכן טאָן, ווערט באַטראַכט אַלס אַגיטאַציע און ווערט באַשטראָפט מיט די שווערסטע שטראָף. דער פּרינציפּ איז איינער: פרעמדע מענטשן טאָרן ניט זיין אין

דאָרף! ביי דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט" אין פעטערבורג, א געזעלשאַפט א דורכאוים פרידלעכע און „לעגאַלע", איז געגרינדעט געוואָרן א הילפס־קאָמיטעט פאר די פויערים. פרייוויליגע טוער האָבן געזאָלט אין די דערפער עפענען ביליגע גאַר־קיכן, גרינדן בעקערייען, פאַנאַנדערגעבן ברויט די נויטבאַדערפטיגע, ברענגען מעדיצינישע הילף. אויפן וועג האָבן זיך גע־שטעלט די „היטער פון אָרדענונג", און ווי א הויכע וואַנט איז אויסגעוואַקסן פאר די כלל־טוער. רדיפות, רדיפות, רדיפות!... פון סימבירער, טולער, אָרלאָווער, טאַמבאָווער, פענזער, קאַזאַנער, סאַראַטאָווער, וויטעבסקער גובערניע זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז די אָרטיגע זעלבסטהערשער לאָזן ניט די אַגענטן פון קאָמיטעט זיך נעמען צו דער אַרבעט („דוואַדצאַטי וועק", 11), און ווער עס וויל ניט פאָלגן, דער ווערט אַרעסטירט, און ווער עס פאָלגט יאָ, דער ווערט אויך אַרעסטירט. און פראָטעסטן, און טעלעגראַמעס צו מיניסטאָרן, און אויפרופן צו דער געזעלשאַפט און צו די מיטגלידער פון דער דומע זיינען אַלע געבליבן ווי א קול פון געשריי אין א וויסטן מדבר.

און דער הונגער ווערט שטאַרקער פון טאָג. און ביזן נייעם ברויט איז נאָך דאָ עטלעכע מאָנאַטן. און די ווייניג מענטשן, וועלכע בלייבן אין דאָרף, קוקן מיט פאַרצווייפלונג אין דער צוקונפט און פרעגן מיט א שווער האַרץ: וואָס וועט זיין?

„וואָס זשע טוט מען?" פרעגט אַן אינטעליגענטער טוער פון א וויטן דאָרף. („רעטש", 44.) „מען האָט מיך שוין אַרויסגעשיקט איין מאָל פון ניזשעגאָראָדסקער גובערניע דערפאר, וואָס איך האָב דערקלערט די פויערים דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט. וואָס־זשע זאָל איך איצט טאָן, אַז איך האָב שוין קוים זיך דערשלאָגן צו אָנהויבן ווייטער פאַרדינען? גיין אויפן גאַס, ווייטער רעדן, ווייטער לערנען, וועקן די טויטע, טרייבן צום לעבן די, וואָס זיינען נאָך לעבעדיג? נו, און דער סטאַנאָוואָי? און די 30 סטראַזשניקעס, און די שפּיאָנען? ביז דער דומע איז געבליבן 25 טעג. די קאַ־דע׳טן זיגן. לאָמיר ציאָווארטן ביז דער דומע."

„זאָגט דאָרט אַלע קאַ־דע׳טן", שרייבט ווייטער דער זעלבער אינטעלי־גענט, „אַז מיר דאָ אין דאָרף זיינען אָפּגעשוואַכט, רואינירט, אָנגעשראָקן און איין רמז פון אַגיטאַציע ברענגט מיט זיך באַלד אַן אַרעסט. באַקומט פאַר אונז די נויטיגע פרייהייטן! דערפילט אייער גרויסע און הייליגע שבועה."

אזוי האָפט דאָס דאָרף, די דומע וועט רעטן! די דומע וועט אַלץ פאַרהיילן. דער פויער וואַרט פון איר אויף דעם, וואָס ס'איז אים נויטיג ווי לופט, ווי ליכט: ער וואַרט אויף ערד! דער דאָרפישער אינטעליגענט וואַרט

אויף „פרייהייט”, אויף א סוף צו דער בלינדער מאכט פון די באַנדעס זעלבסט־הערשער, און אין דער דערוואַרטונג, אין דער זיסער האָפענונג האָט דער פויער דערווייל זיך אָפּגעזאָגט פון די אַגראַרישע געוואַלד־מעשים, דער בורזשואַזער אינטעליגענט, אפילו דער וואָס איז פעאיג צו אַקטיווער פּאָליטישער אַגיטאַציע, האָט דערווײַלע אָוועקגעלייגט זיין שער און אײַזן: די דומע וועט רעטן!

די דומע וועט העלפן! דער פרילינג וועט קומען! — די האָפענונג באַלעבט די אומבאַוואוסטע און מונטערט די שוואַכע: „דער פרילינג וועט קומען!” ווי גרינג און ווי לוסטיג עס איז צו זיצן און טרוימען, צו זיצן און זינגען: „דער פרילינג וועט קומען!”

און ווען די דומע וועט קומען, און ווען די אַלע חלומות וועלן נאָר בלייבן שיינע חלומות, און ווען דער „פרילינג” וועט אַ בלאָז טאָן אין פּנים מיט קאַלטע און פראָסטיגע ווינטן, און ס׳וועט ווי פריער אַלץ שמאַכטן און לעבצן נאָך פרייהייט און ליכט, — דאַן וועט דער בורזשואַזער אינטעליגענט בפירוש זיך איינשרומפּן, איינהויקערן, אריינציען דעם קאָפּ אין די אַקסלען... און זיך פּאַרט געפינען אַ טרייסט אין אַ נייעם חלום...

אָבער דער הונגער? אָבער דער ים פון אומדערטרעגלעכן דלות? אָבער די גרויסע מיליאָנען אויסגעמוטשעטע, וואָס שטייען אויפן ברעג פון פאַר־צווייפלונג? אָבער די אומציילינגע מחנות, וואָס האָבן שוין גאַרניט וואָס צו פאַרלירן, אחוץ זייערע וואונדן? צי וועלן זיי אויך שווייגן? צי וועלן זיי לאָזן צעטרעטן זייער לעצטע האָפענונג? צי וועלן זיי קענען דאָס דערלאָזן? צי וועלן זיי זיך ווייטער נים נעמען זוכן אַנדערע, זיכערערע וועגן?

אַפּריל, 1906.

אַהין — אין דער הויך

„איך וויל זעלבסט זיין משיח,
זאָגט דער קעמפער שטאָלץ און דרייסט:
אייער גאָט איז דאָך ניט שטאַרקער,
ווי מיין שטאָלצער, פרייער גייסט."

מיר זיינען געבוירן אין פינצטערע שאָטנס. און עלנט און נויט האָבן פינצטערע לידער געזונגען ביי אונזערע וויגן; און קאַלט איז געווען אַרום און אַרום; און טרויעריגע, פעך־שוואַרצע הימלען פון אויבן, און אונטן אַ מידע, פון טרערן דורכגעווייקטע, אין יאוש פאַרוויקלטע ערד.

אונז האָט מען אין דאָפּלטע קייטן געשמידט: דער גוף אין אַ שמוציגער ווערקשטוב און תפיסה, דעם גייסט — אין די נעצן פון געטלעכע דינים, אין הייליגן שרעק פאַר דעם גרויסן, אַלמעכטיגן גאָט פון נקמה.

און עס זיינען פאַרשוואונדן חדשים און יאָרן, געקלאַפּט האָט דער האַמער, געברומט די מאַשין, געשפּריצט האָבן פונקען אַרום און אַרום; גע־שמידט צו דעם האַמער, צום ווערקשטאַט געבונדן, אין פייער, אין שטויב, אויף דער ערד, אין דער ערד — מיר זיינען געזעסן און פלייסיג געאַרבעט, גאָר ווייניג געטראַכט און גאָר פלייסיג געאַרבעט פאַר אונזערע פיינט.

און ס'זיינען געפלויגן פיל יאָרן נאָך יאָרן. אונז האָבן געקלונגען פון קירכע די גלעקער, אונז האָבן געזונגען די שוואַרצע רבנים: גאָר פאָלגן, נאָר הערן, נאָר בוקן און קניען פאַר גאָט אינעם הימל, פאַר שררות און הערשער, ניט פרעגן, ניט קלערן, נאָר דינען און קניען און וואַרטן געהאָרכזאַם אַ שכר ניט אין לעבן — אויף יענער זייט גרוב...

געקלאַפּט האָט דער האַמער, געברומט די מאַשינען, געשפּריצט האָבן פונקען פון אונזערע הענט. און ס'זיינען פאַרפלויגן די פונקען פון פייער צו איינזאַמען מדבר פון אונזער נשמה, און האָבן פאַרטריבן די טונקעלע שאָטנס, און האָבן צעריסן דעם שלייער פון וואָלקנס, גערופן צום ליכטיגן טאָג.

דערוואַכט האָט דער מדבר, מיט פונקען באַשאָטן; צעגליט האָט זיך אונזער געבונדענער גייסט, עס וואַקסן און שטאַרקן זיך פלאַמען פון פייער, און הויבן צום הימל די העל־רויטע זיילן — מיר האָבן דערזען די ליכטיגע הימלען, דערזען דעם טאָג.

עס קלאַפּן די האַמערס, עס רוישן די רעדער, מיר שטייען אין ווערקשטוב און שמידן, און וועבן אַ נייעם געדאַנק און אַ מוטיגן ווילן; מיר קלאַפּן

און שמידן. עס קלינגען די קייטן. נאָר העכער נאָך קלינגען די מונטערע לידער:

פאַרשווינדט, איר דאָפּלטע קייטן פון קנעכטשאַפט! פאַרשווינדט, איר טונקעלע שאָטנס פון נאַכט! שטייט אויף, ווער עס שלאָפט, ווער עס שמאַכט אין דער פינצטער, באַפרייט אייער גייסט פון דער בליי־שווערער משא, באַ־פרייט אייער קערפּער פון יאָך פון דעם שווערן, — עס גייט שוין דער טאָג.

:: :: ::

און וואו נאָר עס קלאַפּן און קלינגען די האַמערס, און וואו נאָר עס דרייט זיך און רוישט די מאַשין, דאָרט פלאַקערט דער גייסט און עס וועקט זיך דער ווילן — ביים קלאַנג פון דעם האַמער, ביים רוישן פון ראָד.

מיר שטייען און טראַכטן, מיר שטייען און בויען דעם ליכטיגן בנין פון גליק און באַפרייאונג. נאָך קלינגען די קייטן, נאָך פייפן די בייטשן, נאָר העכער נאָך קלינגען די שטראַלנדע טענער פון ליכטיגער האָפענונג אין אונזערע הערצער: עס קומט שוין דער טאָג.

איר זעט זיי — די מונטערע, פרישע אַרמייען? איר זעט, ווי עס פינקלט די קראַפט פון דער יוגנט, די קראַפט פון דער שאַפונג אין זייערע אויגן? עס בליצן די פונקען אויף זייער באַוואָפענונג: זיי גייען אין שטרייט.

מיר אַלע — מיר זיינען אין שאָטנס געבוירן, אין טאָל אין דעם טיפן די יאָרן געוועלקט: אין שטורמישער לייד־נשאַפט גייען מיר פאָרווערטס צום פריילעכן שיין, צו דעם העל־בלויען הימל, אַהין, וואו אין ליכטיגקייט באָדן זיך וועלטן — אַהין אין דער הויך.

:: :: ::

עס רוען די האַמערס, עס שווייגן די רעדער. אַ שטילקייט, אַן אומעט אין שמוציגן ווערקשטוב, מיר האָבן פאַרלאָזן די פינצטערע שאַכטן, די גריל־צענדע וואַלן, — ס'איז היינט אונזער טאָג.

געגריסט זייט, איר ברידער, געגריסט זייט איר יונגע, איר מוטיגע, דרייסטע, מיט שטאָלץ פון נצחון און זיכערן בליק! מיר האָבן באַפרייט זיך, צעריסן די קייטן, פאַרברענט אונזער יאָך און געעפנט די תפיסה — אויף היינטיגן טאָג.

דער טאָג פון דער צוקונפט — דער טאָג פון דעם פרידן! פון קומענדער פרייהייט אַ ליבלעכער גרוס. אַ דופטענדע בלום פון דעם שפּראָצנדן גאָרטן, פון פרעכטיגן טאָג — אויפן ראַנד פון הימל אַ בלוט־רויטער שיין.

געגריסט זיי דער טאָג און געגריסט זיי די ליכטיגע צוקונפט!

ערב ערשטן מאַי, 1906.

וואָס שאַפן מיר היינט?

„מען האָט מיך געצוואונגען
צו היטן וויינגערטנער;
מיין אייגענעם וויינגאָרטן
האָב איך ניט געהיט."
(שיר השירים)

פון טאָג צו טאָג שטייט דער ארבעטער ביי זיין שווערער ארבעט — פאַר יענעם. פון טאָג צו טאָג פארשווענדט ער דאָס בלוט פון זיין האַרץ, דעם מארך פון זיינע ביינער, דעם שוויים פון זיין פנים און שאַפט דערפון טייערע אוצרות — פאַר יענעם.

וואו ער טוט זיך א ריר — דאָרט ווערט לעבן אין דער מדבר. עס וואקסן ריזן־גרויסע אויוונס און שפייען שטראָמען פון פייער. פון די פינצטערע, נאַסע און שמוציגע שאַכטן קומט ארויס אויף דער ליכטיגער וועלט דאָס ווייסע, בלאַנקנדע זילבער. פון דעם זאמד און די שטיינער הויבט אָן פינקלען און בליצן דאָס איידעלע גאָלד.

און דאָס פייער — עס בראָט נאָר דעם ארבעטס־מאַן און פארשיט אים מיט גליענדע קוילן. און דאָס זילבער און גאָלד נעמט דער רייכער צו זיך אין די הענט, און ער קויפט דערפאַר טורמעס און ביקסן, און ער קויפט דערפאַר די הונגעריגע טאָכטער פון דעם הונגעריגן ארבעטס־מאַן.

און איינמאָל אין יאָר פארלאָזן די ארבעטער זייערע אויוונס, קריכן ארויס פון די ענגע און פינצטערע שאַכטן, און די הויכע שווארצע קוימענס קוקן מאָדנע צום בלויען הימל — ווי עלנדע יתומים.

און די ארבעטער נעמען א רויטע פאַן און גייען אין גאַס.

קוקט זיי אָן: בלייך זיינען זיי און פארמאַטערט, שווארץ פון רויך און קוילן זיינען זייערע געזיכטער, שוואַנקענדיג די פיס, וואָס זיינען שטענדיג געבויגן. א טיפער ערנסט ליגט אין זייערע בליקן.

זיי גייען.

אַלץ רוט. אימיצער האָט א מאַך געטאָן מיט א צויבער־שטעקן — און

עס גיסט זיך ניט קיין שוויס, עס טריקנט ניט קיין מארך, עס טריפט ניט קיין בלוט. שטיל ארום און ארום.

מיינט איר, עס רוען די ארבעטס־לייט? - ניין, זיי שאפן! זיי שאפן כאטש איין מאל פאר זיך.

זיי צעלאזן א פייער, זיי ארבעטן־אויס בלאנקענדעס גאלד און איידעלעס זילבער.

זיי צעבלאזן דאס פייער פון זייער גייסט, וואס שטרעבט צו פרייהייט, וואס גארט צו ברעכן די קייטן. זיי צעבלאזן דעם גליענדן פייער פון זייער האס צו זייערע שטענדיגע פיינט און באדריקער.

און פון דער טונקעלער טיפעניש פון זייער אויסגעמאטערטער נשמה, פון דעם תהום פון ביטערע ליידן און שווארצע וויטאגן ברענגען זיי ארויס דאס בלאנקענדע זילבער פון זייער קלארן און ריינעם אידעאל, — דעם אידעאל פון מענטשלעכער פרייהייט.

און פון דעם גרויען זאמד פון אלטעגלעכע זארגן און פארלאנגען, פון געוויינלעכע שטרעבונגען און ווינטשן נעמען זיי ארויס דאס ריינע גאלד פון זייערע צויבערהאפטע האפענונגען, פון זייערע העלע, ליכטיגע טרוימען.

זיי שאפן ניט פאר זייערע פיינט. זיי שאפן אוצרות פאר זיך, פאר זייערע קינדער, פאר די קומענדיגע דורות.

אוצרות פון ליבע און גלייכהייט, אוצרות פון ליכטיגקייט און אמת מענטשלעכן לעבן.

איין מאל אין יאר...

ערב ערשטן מאי, 1906.

תפיסות

פריער מיט א יאָר, דעם 21טן אָקטאָבער, איז דערקלערט געוואָרן אמנעסטיע.

פון די ענגע, פינצטערע תפיסות, פון די קאַלטע סיבירער וועלדער, פון אַלע טויטע, פאַרשלאָסענע ווינקלען האָבן זיך א לאָז געגעבן די איינ־געשלאָסענע, די לעבעדיג־באַגראָבענע, פרייהייטס־קעמפער — צוריק, אהיים, אהין וואו ס'ברויזן די פרייע ווינטן. אהין, וואו די גלוט פון דעם פאָלקס־צאָרן האָט צעשמאָלצן די אייביגע קייטן, אהין וואו עס הויבן זיך די רויטע פאָנען.

דאָס פאָלק האָט באַפרייט זיינע העלדן.

פרייליכע, באַגייסטערטע, מיט שטראַלנדע אויגן, מיט בליענדע האָפע־נונגען, מיט א ליכטיגער צוקונפט פאַר דעם מונטערן גייסט, גרייט צו קעמפן און ליידן, און שטערבן, און שטירצן, און בויען זיינען זיי געקומען אהיים, — אהין, אין די מאַסן, אהין, אין די אַלט־באַקאַנטע, מיט זייער בלוט באַ־שפּריצטע, מיט זייער שוויים באַפייכטעטע גאַסן, וואו זיי האָבן יאָרן לאַנג געזייט די זוימען פון הייליגער אומצופרידנהייט, די זוימען פון צאָרן, די זוימען פון קאַמף.

די זוימען האָבן געבראַכט רייכע פרוכט... דערפילט געוואָרן די שענסטע חלומות, אין בלוט און פלייש האָט זיך אַנגעטאָן דער ליכטיגער געדאַנק, וואָס פלעגט שוועבן פאַר די אויגן אין די לאַנגע, טרויעריגע תפיסה־נעכט. אוים שקלאַפן! אוים תפיסות! אוים קייטן! — האָט געזונגען אין הארצן דאָס ליד פון דער פרייהייט.

און מיר האָבן דערזען צווישן אונז די אַלטע פירער, וועמעס נאָמען מיר זיינען געוואוינט געווען צו שעצן פון לאַנגע יאָרן, וועמעס קאָפּ ס'איז גרוי געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערן שטורעם, וועמעס לעבן ס'איז די געשיכטע פונעם גאַנצן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס.

און דאָס פרייע וואָרט האָט געקלונגען.

ניט לאַנג...

דער פיינט האָט געלויערט. דער פיינט האָט געזאַמלט די קרעפטן. און דער טאָג איז געקומען. אַ שוואַרצער פאַרהאַנג האָט זיך אויסגעצויגן איבערן גאַנצן לאַנד פון עק ביז עק, און פייער־פלאַמען האָבן באַלויכטן מיט אַ ווילדן שיין די פינצטערע נאַכט, און טייכן בלוט גיסן זיך איבער דער פינצטערער ערד, גיסן זיך, גיסן זיך אָן אַ סוף...

דאָס פאָלק קען ניט, דאָס פאָלק וויל ניט, דאָס פאָלק וועט ניט אַריינלייגן ווייטער זיין קאָפּ אין דעם יאָך. דער קאַמף דויערט, דער קאַמף גליט.

אַ יאָר איז אַריבער. דאָס בלוטיגע יאָר פון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע. אין הייסער אָנשטרענגונג, מיט קראַמפּהאַפטן כח וואַרפט זיך דאָס לאַנד, רירט פיבערהאַפט מיט אַלע זיינע גלידער, וויל אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַלטע העסלעכע פּאַראַזיטן. און יענע אָנגעגאָסענע מיט בלוט, אויס־געווייקט אינעם מאַרך פון זייערע קרבנות, האָבן טיף אַריינגעגראָבן זייערע ציין אינעם גוף פונעם פאָלק, און רייסן אויף שטיקלעך זייער לייב, און זויגן, און זויגן...

און דער יאָרצייט איז געקומען. און הונדערטער טויזנטער אונזערע ברידער זיצן ווייטער פאַרשפּאַרט אין די תפיסות, שמאַכטן אין די וויסטע מדבריות, קומען אום אין די קאַלטע טויזנט־יאָריגע וועלדער. און עס דאַכט זיך ווי אַ קינדער־שפּיל די תפיסה פאַר דער אַמנעסטיע אין פאַרגלייך מיט די תפיסות פון היינטיגער צייט. וואו עס איז פריער געווען איינצלנע מענטשן, דאָרט זיצן איצט הונדערטער, און וואו ס'איז הונדערטער געווען, דאָרט שמאַכטן איצט צענדליגע טויזנט. און פון אַלע עקן פון רוסלאַנד שרייען די שומרים פון תפיסה: ניטאָ קיין אָרט! און די העכערע הענקער זיצן און קלערן: וואו נעמט מען פּלאַץ צו אַריינזעצן אין תפיסה אַלע, דאָס גאַנצע לאַנד?

:: :: ::

דער יאָרצייט איז געקומען. מיט אַ גליענדן ווייטאָג אין האַרצן וועלן אים באַגעגענען די אַלע פאַרשפּאַרטע, וואָס זיינען מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון דער פרייהייטס־אַרמיי. און מיט האַס צו די מערדער, מיט אַ צאָרן, אַ טיפן, ווי דער גיהנום, און אַ פינצטערן, ווי אַ טיפער אָפּגרונט, וועלן מיר היינטיגן טאָג ווענדן צו אונזערע געפאַנגענע חברים:

ברידער! איר וואָס איר ליגט באַגראָבן אין די קאַלטע, אומעטיגע, וויסטע מדבריות, צווישן הונגער, איינזאַמקייט און שווידערהאַפטער קרענק, און איר, וואָס איר אַרבעט אויף קאַטאָרגע אין גרויע קליידער און די קייטן

אויף אייערע פּים קלינגען אייך אַ ליד פון באַליידיגונג און קנעכטשאַפט, און איר, וואָס איר פילט אָן די אַסטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד און שטייט פּנים אל פּנים מיט די אומפאַרשעמטע טיראַנען, וואָס שפּאָטן איבער אייער שוואַכ־קייט און זיינען זיך נוקם אָן אייך פאַר דער צייט פון אייער נצחון, און איר, אַ ברידער, וואָס לעבט איבער אין תפיסה אייערע לעצטע שעה'ן קוקנדיג דעם גאָענטן טויט פּנים אל פּנים, — איר אַלע, ברידער, נעמט צו אונזער גרוס, דעם גרוס פון אייערע חברים — אייערע פריינט און פאַרערער.

דער קאַמף גייט. דאָס פאָלק וועט ניט אַרויסלאָזן פון האַנט דאָס געווער, וועט ניט אַראָפּלאָזן די פאָן, וועט ניט אוועקגיין פון שלאַכטפעלד, ניט אָנווערן דעם מוט און די באַגייסטערונג, ביז עס וועט ניט ברענגען זיין נצחון — אייער נצחון — ביזן סוף, ביז עס וועט ניט באַפרייען אונזער לאַנד פון זיינע איצטיגע טיראַנען, ביז עס וועט ניט עפענען פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס אַ פרייען וועג צום קאַמף און צו אַ ליכטיגער צוקונפט.

דער פלאַם פון קאַמף וועט ניט אויפהערן צו באַלייכטן אונזער לאַנד, ביז עס וועלן ניט צעבראָכן ווערן אַלע שלעסער, געעפנט ווערן אַלע טירן, אַרויסגעלאָזן אויף דער פרייער וועלט אַלע אונזערע מאַרטירער, אַלע די, וואָס האָבן געבראַכט זייער לעבן אַ קרבן אויף דעם מזבח פון דער פאָלקס־פרייהייט, אַלע די, וואָס זייער נאָמען און זייער אָנדענק וועט זיין אָנגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות אין הארצן און אין דעם מח פון די קומענדיגע דורות.

אַ גרוס אייך, חברים! זייט מוטיג, חברים!

נאָוועמבער, 1906.

מיט לעקערט׳ס פריינט און חברים

(אַ בלעטל זכרונות)

„אין זאַלציגן ים פון מענטשלעכע טרערן
געפינט זיך אַ פינצטערער תהום;
ער קען שוין ניט טיפער, ניט פינצטערער ווערן:
אים צייכנט אַ בלוטיגער שטראָם.״

טאָג און נאַכט האָט מיין שכן געזונגען אָט דאָס ליד. קיין שטים האָט ער ניט געהאַט, איז ביי אים אויסגעקומען אַ קרעכץ. אָבער אים האָט דאָס זינגען לייכטער געמאַכט אויפן הארצן. איך פון מיין זייט האָב געמאָלט איבער דער טיר, אין דער גאַנצער לענג פון דער קאַמער, די גרויסע אותיות פון אַן אויפשריפט: „נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט״. די אותיות זיינען געווען געדרוקטע און אויסגעצירט מיט קווייטלעך.

ווען ס׳פלעגט אונז מיאוס ווערן זינגען און מאָלן, האָבן מיר גערעדט וועגן אַנטלויפן. מיר זיינען שוין געזעסן עטלעכע טעג — און ווער ווייסט, ווען מען וועט אונז אַפּשיקן אין טורמע. דאָס פענצטער פון אונזער קאַמער האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ פּריוואַטן הויף. אין הויף האָבן געאַרבעט אַלערליי מענטשן. מיר האָבן שוין איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט אַ פּאָר סטאָליאַרעס, וואָס האָבן געלאַקירט מעבל אויף דער זון. מען וואָלט געקענט קריגן אַ זעגל — איבערשניידן די גראַטעס, אָבער הינטערן טיר זיינען געזעסן פּאָליציייסקע. בייטאָג איז ניט מעגלעך צו זעגן — מען קען דערזען. ביינאַכט וועט דאָס זעגן זיך הערן אין קאָרידאָר, וואו עס היטן די גאָראָדאָוויקעס.

אַז מ׳איז צוויי אין אַ ליידיגער שמאָלער קאַמער, און לייענען איז ניטאָ וואָס, און פון חברים איז מען אָפּגעשניטן — און די אויסזיכטן אויף ווייטער זיינען ניט אַזוי פריילעך, איז אַפילו רעדן פון אַנטלויפן אויך גוט. ניט מער — די פּלענער ווערן אַלעמאָל פאַנטאַסטישער, קרומער. אַ שטייגער: מיין שכן זאָל מאַכן אַ טומל, וועט מען אים שלעפּן אין קאַרצער, אויפן וועג וועט ער זיך ניט לאָזן — ער וועט קעמפן מיט די פּאָליציייסקע, דערוויילע וועל איך זעגן...

אינמיטן, ווי מיר זיצן אַזוי באַנאַנד און פֿאַנטאַזירן, טוט אפרים (דער שכן) אַ זאָג:

— איר ווייסט? אַט דאָ האָט מען דאָך געשמיסן! נאָכדעם האָט לעקערט געשאָסן . . .

מיך נעמט עס דורך, ווי אַ הייסע פּייל.

יאָ, דאָס אָרט איז באַקאַנט — פֿון דער ליטעראַטור. מיר געפֿינען זיך אין ווילנער פּאָליציי־פּאַרוואַלטונג. צוריק מיט צוויי יאָר האָט פֿאָן־וואַל דאָ געשמיסן די מאַי־דעמאָנסטראַנטן. נאָכדעם האָט לעקערט געשאָסן אויף פֿאָן־וואַלין.

עס איז מאַי פֿונעם יאָר 1904. „אפרים" און איך זיינען דער ווילנער קאָמיטעט פֿון דעם „בונד". איך בין אָנגעקומען קיין ווילנע פֿון קיעוו דעם 4טן מערץ, נאָכדעם ווי מען האָט אַרעסטירט דעם פֿריערדיגן ווילנער קאָמיטעט. מיר ביידע האָבן געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צום ערשטן מאַי. איך האָב אָנגעשריבן די מאַי־פּראָקלאַמאַציע אויף אידיש און אַן אויפֿרוף צו די רוסישע אַרבעטער וועגן פּאָגראָמען — אויף רוסיש. ביידע זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פֿונעם „בונד". דעם 16טן אַפּריל, צוויי טעג פֿאַרן ערשטן מאַי (וואָס אין ליטע פֿלעגט מען אים פֿייערן לויטן נייעם קאַלענדאַר), האָט מען אונז ביידע אַרעסטירט אויף מיין קוואַרטיר אין זווערינעץ. מ'האָט ביי אונז געפֿונען אַ באַן־קוויטאַנציע אויף פֿיר פּוד מיט דרייסיג פֿונט ליטעראַטור. מיר זיצן פֿעסט. די קלענסטע שטראָף, וואָס קען אויף אונז פֿאַלן, איז אַ יאָר אָנדערהאַלבן אין טורמע ביזן משפּט און אַ פּסק אויף פֿינף יאָר אין סיביר. אָבער דאָס אַלץ ווערט אָפּגעווישט לגבי דעם געדאַנק, אַז אָט דאָ, אין דעם זעלביגן בנין, אין דעם זעלביגן קאָרידאָר, אפשר פֿאַר די אויגן פֿון די זעלביגע פּאָליציייסקע, האָט מען צוריק מיט צוויי יאָר געשמיסן די מאַי־דעמאָנסטראַנטן.

מ'קען שוין מער ניט טראַכטן, ווי וועגן יענעם טאָג. עס שטייען אויף געהערטע מעשיות פֿון דער העסלעכער שטראָף. אויף דער נשמה רוקט זיך אָן עפּעס אַ מוטנער געפֿיל.

„אין זאַלציגן ים פֿון די מענטשלעכע טרערן" . . .

ווידער האָט אפרים פֿאַרצויגן דאָס קלאָג־ליד. אָבער איצטיגס מאָל קלינגט עס פֿאַלש. עס איז צו ווייך, צו נעבעכדיג. מען דאַרף זיך ניט קלאָגן. מען טאָר אַזוי ניט קרעכצן.

ווען איך גיי נאָכדעם דורכן קאָרידאָר הערן זיך מיר געשרייען פֿון די פּאַריקטע; דאַכט זיך מיר, אַז די וועגט האָבן נאָך איינגעהאַלטן די בייזע

פלוכן פון יענע חברים, וואָס דער רוסישער צאַריזם האָט זיי געצאָלט מיט אַזאַ שמאַך, ווילט זיך מיר פרעגן דעם וועכטער מיט די שליסל: „היי, בחור, ביסטו דאָ אפשר געווען בשעת דער עקזעקוציע?" אָבער דער בחור האָט בלאָסע אויגן און וואַנצעס פון אַ פיש. וואָס ווייסט ער און וואָס גייט אים אָן?

עלף טעג האָט מען אונז אָפּגעהאַלטן אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, אין אַ קאַמער מיט איין הילצערנער באַנק. ערשט אויפן צוועלפטן טאָג זיינען מיר געוואָרן פריי בירגער פון דער לוקישקער טורמע. ניט אַזוי גיך איז פאַר־געקומען די אַקלימאַטיזירונג. מיר האָבן געטראָפן די טורמע אין אַ הונגער־סטרייק (פאָדערונגען: צוויי שעה שפּאַצירן, פאַר שוואַכערע — פיר שעה, אָפענע קאַמערן ביז זיבן אין אָוונט). מיר האָבן „פאַרכאַפּט" די לעצטע צוויי טעג פונעם סטרייק. עס האָט געדויערט אַ צייט, ביז די טורמע איז ווידער געוואָרן נאָרמאַל. אַז מיר האָבן זיך איינגעפונדעוועט און באַקאַנט מיט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָב איך אָפּטער אָנגעהויבן הערן דעם נאָמען לעקערט.

דעם 28טן מאַי האָבן מיר געהאַט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג צו ערן דעם אָנדענק פון הירש לעקערט. אַלע פּאָליטישע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין איין קאַמער. מ'האָט געהאַלטן רעדעס. מ'האָט אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע באַדייטונג פון זיין אַקט. מ'האָט געזונגען לידער. אין אָוונט, אין פּריוואַטע חבר'שע געשפּרעכן, האָט מען גענומען איבערגעבן דערינערונגען פון דעם פּראָלעטאַרישן קעמפער. פון יענע געשפּרעכן איז פאַר מיר אויפגעשטאַנען דאָס בילד פון הירש לעקערט. געווען אין טורמע אַזוינע, וואָס האָבן אים געקענט פערזענלעך. געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין יענער באַרימט־געוואָרענער מאַי־דעמאָנסטראַציע פונעם יאָר 1902. דער נעכטן פון צוריק מיט צוויי יאָר איז געווען אַ לעבעדיגער „היינט" אין לוקישקער טורמע.

געלעגן אַ שטאָט ווילנע — אַ צונויפגעפּרעסטע אָרום שלאָס־באַרג, אַ צעוואָרפענע איבער שניפּעשאָק, נאָוואָגראָד, רוזעלע, פּאָהוליאַנקע, לוקישקעס. געווען רייכטום און גלאַנץ אָנגעזאַמלט אויף דער ברייטער, אויף דער דייטשישער גאַס, אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט — און געווען אָרעמקייט, קעלער־נויט, אַ קאַרטאָפל־לעבן, אַ צעטומלטע קווארעניש אין די פאַרשטעטע און אין די געשלענגלטע שמוץ־הײלן פונעם צענטער. געלעגן אַ מאָדנע פאַרבנ־רייכע אָנהויפונג — אַ פונדאַמענט פון אַלט־ליטווישער קולטור, אַ שיכט פון פּויליש, אַ וועלט פון העברייאיש און אידיש, אַן אויבערדעקל פון רוסיש, — אַ שטאָט פון אַלערליי טעמפּעראַמענטן, פאַרגאַנגענהייטן, גלויבנס, קולטורן, און איבער אַלצדינג די בלייענע לאַפּע פון רוסישן צאַריזם. אויף יעדן טריט

האָט געערדט דאָס היסטאָרישע, דאָס אמאָליג־רייכע: פונעם שלאָס, פון דער קאַטעדראַלע, פון דער לוקישקער טורמע, וואָס איז אמאָל געווען דער שלאָס פון די ליטווישע פירשטן. פון דער ווילנע גופא האָט געוויט מיט פאַר־גאַנגענע עפּאָכן. אָבער צווישן די לעבער פון אָט דעם אַלטן האָט שוין גע־לעבט דאָס נייע. פון די קעלער־שטיבער, פון די פאָרשטעט, פון די פינצטערע וואַרשטאַטן, פון שטיקיגע פאַבריקן איז געוואַקסן די רעוואָלוציאָנערע נשמה. ס'איז שוין געווען אַ מאַסן־באַוועגונג אין ווילנע. ס'זיינען שוין געווען פינף־זעקס הונדערט פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־מיטגלידער ביי די בונדיסטן. ס'זיינען געווען פאַרבינדונגען מיט דער ברייטער אידישער אַרבעטער־מאַסע. ביי די פּוילישע און רוסישע אַרבעטער איז געווען שוואַכער, אָבער אַרום און אַרום האָט די אַלטע ווילנע פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער אַל־רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אָט די אויסגעדאַרטע, מערסטנס קליין־געוואַקסיגע מענטשן מיט די פיבעריגע שוואַרצע אויגן! אידישע אַרבעטער זיינען זיי געווען — אידישע סאָציאַליסטן. אין אַלע גאַסן האָט מען זיי באַגעגנט. אויף די „סכאָדעקס", „קרייזלעך", „מאַסאָווקעס" האָבן זיי געבראַכט זייער אומרו. אין סטרייקס האָבן זיי געפלאַקערט, ווי אַ העליש פייער. אויף דער „בירזשע" האָבן זיי זיך אַרומגעטראָגן ווי פאַרשווערער; ביינאַכט פּראָקלאַמאַציעס געקלעפּט מיט מסירת נפש; פון שטאָט צו שטאָט ליטעראַטור פאַנאַנדערגעפירט אונטער די שאַרפע פּאָליציייאישע אויגן. אומעטום זיינען זיי געווען — און אַלצדינג האָבן זיי אויפגערודערט מיט זייער פרעגנדיגער, איילנדיגער נשמה. און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט: זיי זיינען דער אימפּעט פון דעם קומענדיגן אויפ־ברויז, דער שליח פון אַ צעבושעוועטן מאָרגן. אין זייערע אויגן האָט געלעבט דער ברען פון מאַרטירער.

פון אָט־דער מאַסע איז געקומען לעקערט.

פּראָסט איז זיין געשיכטע — ווי יעדע גרויסקייט. אַ פּראָסטער שוסטער געווען, ניט געקענט לייענען און שרייבן. אָבער הונגעריג געשלונגען וואָס אַנדערע לייענען — און לעבעדיג אויפגעכאַפּט די נייעס. די נייעס זיינען געווען מאָדנע, פאַרכאַפּנדיג, צויבערנדיג. דאָס וואָרט „אחדות" האָט געלויכטן ווי אַ נס. דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציעס" האָט געוויט מיט סוד. „ברידער און שוועסטער" האָט געוואַרעמט דאָס פּראָסטע אָרעמע האַרץ. וואָס קען אַ לעקערט טאָן פאַר זיינע ברידער און שוועסטער? ער קאָן שלאָגן סטרייקברעכער — און ער האָט געשלאָגן. ער קאָן אָפּשלאָגן אַרעסטירטע — און דאָס געלינגט אים. ער קאָן ברענען, ווי אַ קויל, — און דאָס דערציילן זיינע אויגן. אַ יונג

מיט פאַרפיבערטע אויגן, אַ יונג, וואָס קוקט אויף יענער זייט מענטשן און זאַכן. און אַ גוטער יאָט דערבײַ, איינער פון די „אונזעריגע”, אַן אַרבעטער, אַן עמך.

הערט לעקערט די נײַעס וועגן דער שענדלעכער שטראָף. פאָן־וואַל האָט אַליין בײַגעוואוינט דעם שמײַסן. ס׳איז געווען פאָן־וואַל׳ס איניציאַטיווע. אַליין געשטאַנען דערבײַ, ווי מ׳האָט בעסטיאַליש זיך איזדיעקעוועט איבער פּאָליטישע געגנער, וועמעס איינציגער חטא איז געווען אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע מיט אַ רויטער פאָן. אַ פינצטערן יאוש האָבן די שמיץ אָנגעוואָרפן אויף דער גאַנצער באַוועגונג. ס׳האָט זיך ניט געוואָלט טאָן, ס׳האָט זיך ניט געוואָלט זען קיין חברים. ווי קען מען רופן צום קאַמף, ווי קען מען עפּעס אָרגאַניזירן, ווען עס הענגט איבער אַלעמען די שטראָף פון שמיץ? אַ חושך איז געלעגן אויף די הערצער — וואָס קען מען טאָן? וואו איז דער אויסוועג?

איז געקומען לעקערט — און קעגן דעם ווילן פון דער אָרגאַניזאַציע און מיט אייגענע קרעפטן אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון נקמה. און אין איין שיינעם אָוונט האָט ער אַרײַנגעזעצט צוויי קוילן אין גובערנאַטאָר׳ס קערפּער.

לוקישקער טורמע איז שוין געווען אײַנגעטונקט אין שאָטנס. גאָר נאָענט האָט זיך געגאָסן די מורמלענדיגע ווילִיע. דורך די גראַטעס האָט אַרײַנגעקוקט אַ גרינער הימל. אין קאַמער האָט שוואַך געצאַנקט אַ לעמפּל. חברים האָבן דערציילט:

— דער שאָס האָט ווי אַראָפּגענומען פון אַלעמען אַ קללה. פאָן־וואַל איז ניט געשטאָרבן, אָבער די נקמה איז געקומען. מ׳האָט געוואוסט: די וואַלס וועלן זיך שוין אויף ווייטער מישב זײַן, איידער זיי וועלן אָנווענדן שמיץ. לעקערט האָט געראַטעוועט דעם כבוד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. לעקערט האָט פאַריאָגט דעם קאָשמאַר. ס׳איז ווייטער מעגלעך געוואָרן צו אַרבעטן. עס איז ווייטער מעגלעך געוואָרן צו לעבן.

„שלאָפן! שלאָפן!” האָבן געפּאָדערט די וועכטער. די ווילִיע האָט גערוישט. די ביימער אין דרויסן האָבן געגאָסן דופט. ווען מען לייגט צו דעם שטערן צו די גראַטעס, פילן זיי זיך קאַלט און פײַכט.

ס׳איז שטיל געוואָרן אין טורמע. אַרום איז געווען לוקישקי, סערניטאָק, רוזעלע, נאָווגאָראָד. אויסגעקרימטע הייזלעך, קעלערס, באַלופּעס. זיי אַלע האָבן געהאַט פאַרטרעטער אין טורמע. נשמות פון אַרבעטער־קעמפער זײַנען געווען מיט אונז הינטער די גראַטעס. פון אָט די קעלערס איז געקומען

הערש לעקערט. פון אַט די לעבער זיינען געקומען דורות פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן.

לאָמיר היינט בויגן דעם קאָפּ פאַרן אָנדענק פון א מאַסן־העלד, א פּראָ־לעטאַריער מיט א רעוואָלוציאָנערער נשמה. דורך אַזוינע גייט דער אַרבעטער־קלאַס פאָראויס.

די שומרים האָבן פאַרטראָטן די ערד אויף זיין קבר, אַזוי אַז ס'זאָל ניט בלייבן קיין זכר. אין די הערצער פונעם אַרבעטער־קלאַס איז דער נאָמען לעקערט געבליבן אויף אייביג.

יוני, 1927 („פרייהייט"), צו הירש לעקערט'ס יאָרצייט.

אין דער כמארע

וואָס באַווייזט דער מאָסקווער אויפשטאַנד?

די רעגירונג האָט אָפּגעהאַלטן אין מאָסקווע א גלענצנדן נצחון. נאָך א פּאָר אַזוינע נצחונות וועט זיין אַריבער געגנוג, אַז די אַלטע אָרדענונג זאָל פאַרשווינדן אָן א שפּור.

דער מאָסקווער אויפשטאַנד איז דערשטיקט. זיין באַדייטונג פאַר דעם גאַנצן גאַנג פון דער רעוואָלוציע איז אָבער ניט אויסצומעקן, ניט אַראָפּ־שווענקען מיט א גאַנצן ים פון מענטשלעך בלוט.

און פּאָר אַלעמען קען די רעוואָלוציע אַרויסנעמען פון אים א מוסר אין פילע אופנים.

ערשטנס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז א באַוואָפנטער אויפשטאַנד היינטיגע צייטן איז דאָך פּאָרט ניט קיין חלום. די קהל'שע בעלי־טובה'ניקעס פון דעם ליבעראַלן קלייזל האָבן שטענדיג גע'דרשנ'ט פאַרן פּראָלעטאַריאַט, אַז היינטיגע יאָרן טראַכטן וועגן א גאַסן־שטרייט קענען נאָר אַזוינע מענטשן, וואָס לעבן אין עולם התהו. די היינטיגע רעגירונגען, האָבן זיי גע'טענה'ט, זיינען אַזוי באַוואָפנט מיט די נייעסטע טעכנישע אויסבעסערונגען, די קונסט פון מלחמה איז אַזוי אַנטוויקלט, אַז קיין שום באַריקאַדן קענען ניט האָבן קיין ממשות. די צען טעג באַריקאַדן־קאַמף אויף די גאַסן פון מאָסקווע האָבן דערוויזן דעם היפּוך. מענטשן האָבן זיך געהאַלטן — און לאַנג געהאַלטן — פּנים אל פּנים מיט די נייעסטע און שטאַרקסטע האַרמאַטן.

צווייטנס, האָט דער מאָסקווער שטרייט באַוויזן, אַז אין דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע איז דאָ א גרויסער זאַפּאַס פון רעוואָלוציאָנערער גבורה. עס איז דאָך איינגנטלעך א ליצנות, ווען די אָפיציעלע ידיעות קומען און דער־ציילן, אַז ס'איז געווען אין מאָסקווע א חיל פון צענדליגע טויזנטער אָרגאַני־זירטע רעוואָלוציאָנערן. דאָס איז ניט מעגלעך! עס האָט דאָס רוב געקעמפט אויף די באַריקאַדן ניט קיין רעגולערע אַרמיי — די צאָל פון די אָרגאַניזירטע באַוואוסטזיניגע אַרבעטער אין מאָסקווע איז גאָר ניט אַזוי גרויס! — עס האָבן געקעמפט פריוויליגע — קליינע שטאָט־בעלי־בית'לעך, אינטעליגענטן

און נאָך אַזוינע, וואָס האָבן פריער צו דער רעוואָלוציע קיין שייכות ניט געהאַט און וואָס די גבורה'שע מעשים פון אַ הייפל אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיי צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט. אַן אויפשטאַנד האָט זיך זיין פסיכאָלאָגיע, וואָס שטאַרקער עס איז געווען דער פייער פון די קוילן־וואַרפער און האַרמאַטן, דאָס גרעסער איז געווען דער עולם אויפגעבראַכט, דאָס ווייניגער האָט ער געטראַכט וועגן זיין לעבן און דאָס פייערדיגער האָט ער געקעמפט.

און דריטנס — אויף דער גרעסטער טייל סאָלדאַטן — אויף דער פעבאָטע — איז אין אַ שעת־הדחק ביי דער רעגירונג געווען זייער אַ ווינציגע סמיכה. דער „גלענצנדער" גענעראַל דובאַסאָוו האָט פשוט מורא געהאַט, אַז די פעבאָטע זאָל זיך נאָענט באַגעגענען מיט די קעמפער אויף די באַריקאַדן, אַ פנים אַז ער האָט דערצו געהאַט אַ גענוגן סמך. ער האָט געפונען פאַר בעסער זיי האַלטן אין די קאַזאַרמעס. „געאַרבעט" אין מאָסקווע האָבן נאָר רייטער און אַרטילעריע, צעשאָסן האָט מען די באַריקאַדן פון דערווייטנס מיט האַרמאַטן, כדי די סאָלדאַטן זאָלן בעת'ן שטורעם ניט ווערן אָנגעשטעקט פון דער „קראַמאָלע". ס'פרעגט זיך אָבער אַ שאלה: צי איז דער סם פון „קראַמאָלע" ניט אַזאַ מין סם, וואָס ווירקט אפילו פון דערווייטנס? גיין מפקיר זיין דאָס לעבן ווילט זיך קיינעם ניט אַזוי גרינג, בפרט נאָך אין אַזאַ מין מלחמה... די רעוואָלוציע גופא איז דער בעסטער אַגיטאַטאָר...

נישקשה, דער העלד דורנאָוואָ מעג זיין שטאָלץ מיט זיין נצחון!...

יאַנואַר, 1906.

אין דער כמאַרע...

וואו לעבן מיר? וואָס טוט זיך דאָ? וואָס פאַר אַ פינצטערער וואָלקן הויבט זיך אויף פון טיפן אָפּגרונט און וואַקסט, און ווערט ברייטער, און ווערט שווערער, און לייגט זיך אַרויף מיט זיין גאַנצער משא אויף אונזער אויסגעמוטשעטע און אויסגעהונגערט פּאַטערלאַנד? וואָס פאַר אַ שמוציגע, רויבערישע און פאַרבלוטיגטע הענט האָבן זיך אַרויפגעלייגט אויפן האַלז פון דעם פאָלק און ווערגן, און שטיקן מיט אַ ווילדער פרייד?

אַט לייענט דעם רייסטער נאָר פון איין טאָג, פון איין איינציגן טאָג!

אין יעקאַטערינבורג מיטן אויעזד, אין אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן און גרובן אין דער סביבה איז איינגעפירט אויסערגעוויינלעכע אויפזיכט.

אין יעסענטוקי, קיסלאָוואָדסק, פּיאַטיגאָרסק און דער גאַנצער פּיאַטי־גאָרסקער סביבה איז איינגעפירט קריגס־צושטאַנד.

אין פּאַוולאָגראַד מיטן אויעזד איז איינגעפירט קריגס־צושטאַנד.

אין אַלעשקי מיטן אויעזד איז איינגעפירט קריגס־צושטאַנד.

אין דער שטאָט קראַסנאָיאַרסק איז איינגעפירט קריגס־צושטאַנד.

אין כערסאָן מיטן אויעזד איז איינגעפירט קריגס־צושטאַנד.

פאַרגעסט ניט אַלע איבעריגע שטעט און שטעטלעך, באַנען און סטאַנ־ציעס, גובערניעס און ראַיאָנען, וואו מען האָט איינגעפירט קריגס־צושטאַנד נעכטן, אייערנעכטן, פריער מיט אַ וואָך, פריער מיט אַ חודש!

פאַרגעסט ניט די תליות! מען בויט, מען איילט זיך, געשווינד אין דער פינצטער, אויף די הויפן פון טורמעס בויט מען תליות, איינע נאָך דער צווייטער. און ריכטער זיצן! ריכטער משפּט'ן די „פאַרברעכער"! און יעדעם וואָרט זייערס איז שטראָף, און יעדער משפּט איז אַ שוואַרצע חתימה אויפן לעבן און פרייהייט פון יונגע און שטאַלצע גבורים.

וואָס איז דאָס? וואָס ווילן זיי מאַכן פון אונזער לעבן? ווען וועט זיין דערצו אַ סוף?

דאָס איז ביי זיי דער יום־טוב פון זייער „נצחון"! דאָס האָבן זיי זיך אָפּגערעכנט מיט דער רעוואָלוציע אין מאָסקווע, „דערשטיקט" דעם אויפ־

שטאנד אין באַלטישער געגנט, „באַרואיגט" קאַווקאַז און סיביר און נעמען זיך אויסראַמען דעם פרייהייט־גייסט אין אַלע ווינקעלעך פונעם לאַנד. דאָס זיינען זיי, די „זיגער", פאַר'שכור'ט פון זייערע טאַטן, פאַרבלענדט פון בלוט און פייער טרעטן מיט פאַראַכטונג זייער שונא — דאָס גאַנצע לאַנד.

זיי — זיגער? זיי האָבן גובר געווען? זיי האָבן באַרואיגט? זיי? אַט די לייט, וואָס יעדער טריט זייערער צינדט אַ פייער אינעם הארצן פונעם פאָלק? אַט די לייט, וואָס יעדע באַוועגונג זייערע, יעדעס וואָרט, יעדער קוק רופט אַרויס אַ גליענדן, ביטערן צאָרן? זיי זיינען זיגער?

צי דען אַזוי פילן זיך אמת'ע זיגער? צי דען אַזוי באַגייען זיך מענטשן, וואָס זיינען זיכער מיט זייער כח, וואָס וואַרטן רואיג אויפן קומענדיגן טאָג?

זיי האָבן באַזיגט מאָסקווע? הערט זיך צו ווי עס ברענט אויף די חורבות, ווי עס הויבט זיך פון די טייכן בלוט, ווי עס קוקט פון אַלע לעכער אַ טיפער האַס, טיף ווי דער טיפסטער אָפּגרונט, היים ווי צעשמאָלצענע בליי!

זיי האָבן „דערשטיקט" די רעוואָלוציע? זיי האָבן איינגענומען רוס־לאַנד? זיי האָבן פּאַרטיליגט די קעמפער? טוט נאָר אַ קוק! איבערן גאַנצן לאַנד, פון איין עק ביזן צווייטן וואַקסט און שטאַרקט זיך דאָס חיל, עס ווערן פעסטער די רייען, עס הויבט זיך העכער דער מוט!

ווער איז אַט דאָס חיל? אַ הייפעלע רעוואָלוציאָנערן? אַ גרופּקע אַגיטאַטאָרס? אַ קרייזל „אומרואיגע" מורדים, וואָס קענען ווערן געפאַנגען און דערוואָרגן? ווער זיינען זיי? זיי זיינען דאָס גאַנצע פאָלק! זיי זיינען די ברייטסטע מאַסן, אַלע אָרעמע, הונגעריגע, דערשלאָגענע, אַלע עקס־פּלואַטירטע און דערנידעריגטע!

און בראש פון אַלע — דער פּראָלעטאַריאַט.

ווער האָט ביד זיי צו באַזיגן?

אַ שוואַרצער וואָלקן הויבט זיך. אַ טונקעלע כמאַרע וויל פאַרשטעלן דעם לעצטן שטראַל פון ליכט? איר הערט ווי עס ברומט און עס הילכט דאָרט אינעווייניג אין דער כמאַרע? אַ דונער קלינגט, אַ בליץ וועט באַלד צערייסן די שוואַרצע כמאַרע! און אַ רעגן וועט גיין, אַ שלאַקס־רעגן, וואָס וועט אָפּוואַשן פון דער ערד איר גאַנצן שמוץ און קויט.

יאַנואַר, 1906.

ס'איז רואיג

„אין פענזער גובערניע איז רואיג. די אגראר־באוועגונג האט זיך געענדיגט. ערטערווייז האקט מען נאר די וועלדער און מען פירט אוועק אדער מען פארברענט די תבואות. די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע גייט אין די דערפער ווי פריער, נאר אין די אומרואיגסטע ערטער איז פאראן מיליטער, און דאס בארואיגט די באפעלקערונג און עס האלט אונטער דאס שטילקייט און די ארדענונג."

אין קורצע ווערטער האט איר דא די גאנצע פראגראם פון דער רוסישער רעגירונג אין דער לעצטער צייט. ניט אומזיסט האט אט די טעלעגראמע געשריבן גענעראל מאקסימאוויטש, איינער פון די דריי גענעראלן, וואס זיינען געשיקט געווארן צו פארענטפערן אין דארף די אגרארישע פראגע — מיט ביקסן און הארמאטן. פון די דריי גענעראלן האט מען סאכאראוו'ן געהרג'עט, דובאסאוו האט נאכדעם געקרוינט זיין קאפ אין מאסקווע מיט א קרוין פון א זיגער אויף אייביגע דורות, און דער גענעראל מאקסימאוויטש איז מודיע דורכן טעלעגראף, אז ער איז אויך א גוטער מיטגליד פון דער בארימטער חברותא: ער האט דערפילט זיין אויפגאבע אויפן בעסטן אופן.

„אין פענזער גובערניע איז רואיג"! מער דארף ניט דער העלדישער גענעראל, מער דארפן ניט די אלע גבאים פון דער זעלבסטהערשונג. פארגאסן די דערפער מיט בלוט, פארטרונקען אין א ים פון באליידיגונג, פארשמידט אין קייטן פון מיליטער, — און מען איז צופרידן.

„אין פענזער גובערניע איז רואיג"! פון צייט צו צייט האקט מען וועלדער, מען ראבירט תבואות, מען צינדט אונטער בנינים. די רואיגקייט איז אפילו ניט קיין רואיגקייט לפנים. די דערפער קענען ניט זיין רואיג. ס'איז ניטא וואס צו עסן. דאס איז ניט קיין ארעמקייט, — עס איז א סך שרעקלעכער ווי ארעמקייט. עס איז ניט קיין נויט — עס איז טיפער און גרויזאמער ווי די נויט; עס איז א פשוט'ער, מורא'דיגער הונגער, א הונגער אינעם איינפאכסטן זין פונעם ווארט, א הונגער, וואו מענטשן, גאנצע משפחות, גאנצע דערפער ליגן פארשמאכט אין די הייזער און קענען קיין

גליד ניט רירן פאר שוואכקייט, שוואכקייט פון הונגער! און צו דעם הונגער האט זיי געבראכט די זעלבסטהערשונג.

„אין פענזע איז רואיג"! דארט, וואו די אויפרעגונג איז צו גרויס, דארט שטייען סאלדאטן און בארואיגן דעם עולם. אויף הונגער א תירוץ — קוילן, א תירוץ — ביקסן, א תירוץ — ריטער, א תירוץ — איבערגעבן די דערפער אין די הענט פון ווילדע און שכור'ע קאזאקן. און ווען דאס פאר־בלוטיגטע דארף וועט אויף א רגע שטילער ווערן, וועט מען שיקן טעלע־גראמעס, אז אלעס איז רואיג.

איז דען דאס ניט א בילד פון גאנץ רוסלאנד אין דער איצטיגער צייט?

און דאך... און דאך העלפט ניט, ווייזט אויס, קיין שום „בארואיגונג". די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע גייט אין די דערפער ווי פריער!...

יאנואר, 1906.

צוריק „שיגעץ" זאָגט מען ניט

און מיינט ניט, חלילה, אַז נאָר דורנאָוואָ איז געכאַפּט אויף דער מעשה. אמת, אים האָט זיך טאַקע, ניט פאַר קיין שום אידן געדאַכט, געטראָפן אַ מכשול מיט האָבער, און עס איז געווען טאַקע אַ שטיקל בזיון אין שטעטל. נאָר די רעוואָלוציאָנערן אַליין זיינען אויך ניט אַזוינע צדיקים.

די פעטערבורגער טעלעגראַפן־אַגענטור מעלדעט אָפיציעל: אַ סך פאַר־שוינען, וועלכע האָבן געהאַלטן ביי זיך דאָס געלט, וואָס מען האָט צונויפ־געקליבן אויף אַ רעוואָלוציאָנישן אויפשטאַנד, האָבן די לעצטע צייט געמאַכט אַ פּליטה און פאַרנומען מיט זיך די קאַפּיטאַלן, און געווען איז דאָרט אַ סך אַזוינע געלט, וואָס מ'האָט מיט גוואַלד צוגענומען ביי די אָרעמע און אומ־גליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געפאָלגט די רעוואָלוציאָנערן און אַרויס־גענומען זייערע גראָשנס פון די שפּאָר־קאַסעס. על־כן זאָל מען די רעוואָ־לוציאָנערן מער ניט פאָלגן און די גראָשנס טראָגן ווייטער באַהאַלטן אין אַ זיכערן מקום, — אין די שפּאָר־קאַסעס פון דער מלוכה.

אַזוי רעדט די רוסישע ביוראָקראַטיע דורך איר אָפיציעלן דאָלמעטשער.

ס'איז אַן אַלטער כלל, אַז קיינער קען פון זיין אייגענער הויט ניט אַרויס־שפּרינגען; יעדער אורטיילט וועגן יענעם וועדליג זיינע אייגענע מעשים. אַ שיכור גלויבט ניט, אַז מען קען האַלטן בראַנפן אין שטוב און ניט טרינקען; אַ רוסישער ביוראָקראַט קען ניט פאַרשטיין, ווי האַלט מען דאָס קהל'שע געלט און ס'קלעפּט ניט וואָס צו די פינגער.

אויב זיי האָבן שוין פאַר זיך אַליין אָנגעוואָרן די בושה, וואָלטן זיי זיך כאָטש פאַר דער וועלט געשעמט, — אונזערע רוסישע ביוראָקראַטן. וואָלטן זיי זיך כאָטש ניט מאַכן לעכערלעך ביי לייטן אין די אויגן! זיי שמועסן וועגן גנבות, זיי, אָט די שיינע חברה — קנאַקערס, וואָס האָבן געהאַט אין זייער קאָמפּאַניע דעם וועלט־באַרימטן אַלעקסעיעוו מיט זיינע אומגעהייערע אַפּערעס אין מאַנדזשוריע! זיי, וואָס האָבן דערצויגן דעם גרויסן וועלט־שווינדל בעזאָבראַזאָוו'ן מיט זיינע וואונדערבאַרע אָפּעראַציעס אויפן טייך יאַלו, וועלכע האָבן געבראַכט רוסלאַנד צו דער מלחמה. זיי האָבן די העזה

צו באשולדיגן אין גנבות די רעוואלוציאנערן, וואס האבן דאס גאנצע בלוט פון זייער הארצן אפגעגעבן פאר זייערע ברידער, וואס זייער העלדנמוט און זעלבסטאפפערונג דערוועקן די גרעסטע באוואונדערונג אפילו אין דער בור־זשואזער אייראפע. די רוסישע ביוראקראטיע, וואס אן א מתן בסתר עפנט זיך אין איר א טיר ניט — אט די ביוראקראטיע שטעלט זיך איין צו ווארפן שמוץ אויף די פירער פון דער רעוואלוציע.

וואלט זי כאטש פאר לייטן בושה האבן. וואלט זי זיך דערמאנענ אן דעם העלד פון ליאאיאן און מוקדען,—קוראפאטקינען, וועלכער האט אקארשט ניט לאנג איבערגעפירט קיין אויסלאנד א שיינע אפותיקא (מען שמועסט — אן ערך צוויי מיליאנען) „כשר פארדינטע" אין מאנדזשוריע! וואלט זי זיך דערמאנען וועגן די באמבעס, וואס האבן ניט געוואלט פלאצן, וועגן האר־מאטן, וואס האבן זיך אפגעזאגט צו שיסן, וועגן שיפן, וואס האבן געטויגט אויף כפרות, וואלטן זיי זיך דערמאנט וועגן די אלע מורא'דיגע מיליאנען, וואס זיינען אוועקגע'גנב'עט געווארן אין ווייטן מזרח, — מיליאנען, אן א שיעור, מיליאנען, וואס מ'האט אויסגעצאפט פונעם פאלק.

וואלטן זיי זיך כאטש פאר לייטן שעמען! אז מען האט אליין א משומד אין דער משפחה, איז דוכט זיך ניט אנגענומען צו טייטלען אויף יענעם מיט די פינגער, אז ער איז א גוי.

און ווי נידעריג דארף מען אליין שטיין, אז מען זאל אפיציעל זאגן אזוי נידערטרעכטיגע שקרים!

וואס־זשע, פארשטייען זיי דען ניט, אז זיי שווארצן זיך אליין דאס פנים? פארשטייען זיי דען ניט, אז ס'איז היינטיגע צייטן פשוט ניט אנשטענדיג צו ארויסטרעטן מיט אזוינע מעשיות? פארשטייען זיי ניט, אז זיי מאכן פון זיך אליין חוזק?

איז אבער די מעשה: געלט! ס'איז פשוט: אפס כסף! ניטא קיין קלינגערס! כאטש צערייס זיך! כאטש גיי אוים אויפן ארט! נו, און בשעת הדחק, אז מען טרינקט זיך, כאפט מען זיך פאר וואס איר ווילט, אפילו א שטיקל קויט.

מיט דעם שמוציגן ליגן וויל מען איינרעדן. ס'פרעגט זיך א שאלה: וועמען? ווער וועט גלויבן? אז ס'איז גלייכער צו האלטן דאס געלט אין די שפאר־קאסעס, כדי די רעוואלוציאנערן זאלן עס ניט פארנעמען און נאכדעם ניט מאכן א „ויברח".

און ווי געפעלט אייך דער רחמנות! ווי געפעלט אייך די „ארעמע און

אומגליקלעכע מענטשן״ ! ווי געפעלט אייך די זאָרג וועגן די אַרבעטער, זיי זאָלן חלילה ניט ליידן פונעם „טעראָר״ פון די רעוואָלוציאָנערן !

נאַאיווע, צופיל נאַאיווע, קינדיש־נאַאיווע ביוראָקראַטן ! זיי האָבן זיך אַזוי פיל פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט אין שווינדל און נאַרערייען, זיי זיינען אַזוי אומפעאיג און אָפּגעלעבט, אַז אפילו אַ ליגן אַ רעכטן קענען זיי שוין ניט אויסטראַכטן !

נישקשה ! דער עולם קען זיי גאַנץ גוט. און אפילו אַ ליאַדע שטאָט־בעל־הבית'ל פאַרשטייט שוין אויך, אַז בעסער ס'זאָל זיין דאָס געלט אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן, איידער די ביוראָקראַטיע זאָל עס אוועקשיקן וואַגאָנענווייז קיין אויסלאַנד אויף צו לאַטען די פינאַנצן, וואָס זי אַליין האָט פון זיי געמאַכט אַ תל מיט אירע פאַרברעכערישע מעשים.

נישקשה ! דער עולם וועט זיך שוין ניט לאָזן נאַרן. דאָרט, וואו ה׳ אַלקסאַנדראָווסקי, דער געוועזענער רעדל־פירער אין אָפיציעלן „רויטן קרייץ״, אַ טשינאָווניק, וואָס איז אַזוי באַוואוסט מיט זיינע „גלענצנדע״ געלט־געשעפטן, ווערט באַשטימט פאַר אַ גובערנאַטאָר ; דאָרט, וואו ס'איז מעגלעך אַזוינע געשיכטעס, ווי מיטן געוועזענעם געהילף פון פינאַנץ־מיניסטער קאָוואַלעווסקי, וועלכער האָט אויסגענוצט זיין שטעלע, כדי צו איינהאַנדלען במקח השוה (דאָס הייסט האַלב אומזיסט) גאַנץ שיינע אימעניעס, — דאָרט זאָל מען בעסער שוויגן און ניט פּרוּוון באַשולדיגן יענעם, כדי ס'זאָלן ניט אַרויפשווימען די אייגענע חטאים.

נאָר זאָגט אייך, וואָס איר ווילט : ס'האַלט שוין, אַ פּנים, ענג, אַז מען מוז אָנווענדן אַזעלכע מיני מיטלען !...

יאַנואַר, 1906.

„זובאַטאָווטשינע״

אַט האָט איר זיי, אונזערע אַלטע „ניעזאַוויסימצעס״ (אומאָפּהענגיגע), מיט די אַלטע טעאָריעס (רחמנא לצלן), מיטן אַלטן ריח פון אוטשאַסטאָק און זשאַנדאַרמסקע פּראַוולעניע. אַט זיינען זיי אַרויס אויף דער וועלט מיט אַ נייער צייטונג „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ״ און דרש'ענען, און דרש'ענען — די אַלטע זובאַטאָווסקע דרשות.

„מיר זעען ניט קיין שום מעגלעכקייט, ווי צו העלפן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אויף אַ רעוואָלוציאָנישן וועג — אַזוי לייענען מיר אינעם ערשטן נומער פון דער צייטונג; פון סאָציאַליזם, ווי איר זעט, האָט מען זיך ניט אָפּגעזאָגט, דאָס פּאַסט ניט פאַר די אַרבעטער; מען האָט זיך נאָר אָפּגעזאָגט פון דעם, וואָס פירט צום סאָציאַליזם, פון דעם קלאַסן־קאַמף אינעם אמת'ן זינען פון דעם וואָרט.

און כדי צו פאַרענטפערן זיך, קלעפּט מען אָן אַ ליגן אויף אַ ליגן. מען האָט ערגעץ אויסגעגראָבן ליבקנעכט'ס ווערטער, וואָס ער האָט זיי געזאָגט נאָר וועגן אַן אַנדער ענין, אַז מיר זיינען מענטשן, און דעם מענטשנס געווער איז דער מח, און ניט די נעגל און די ציין. מען דערציילט, אַז „נאָך בעבעל האָט פאָראויסגעזאָגט די מפּלה פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן און דאָס אייגענע האָט געזאָגט פּלעכאַנאָוו״.

ניט קיין שלעכטע מעשה: רופן די פירער פון דער דייטשער און רוס־לענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר עדות, אַז מען דאַרף ניט פירן דעם רעוואָלוציאָנישן קאַמף!

מען דאַרף ניט קיין רעוואָלוציע! מען דאַרף ניט קיין פּאָליטיק! — אַט דאָס איז דער לאָזונג פון דער „אומאָפּהענגיגער סאָציאַלער אַרבעטער פּאַרטיי״ — ווי עס רופט זיך אַט דאָס הייפל פּעטערבורגער אַרבעטער. מען דאַרף ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און מען דאַרף ניט קיין אינטעליגענטן, און אינטעליגענטן ברענגען אַלע צרות אויפן אַרבעטער־קלאַס.

היט זיך פאַר די אינטעליגענטן! — שרייט די צייטונג אויף אַלע קולות. „די אינטעליגענטן האָבן אונז געבראַכט אומעטום צו הונגער און אַ שרעק־

לעבער גויט." „די אינטעליגענטן פארכאפן אין זייערע הענט די ממשלה איבערן ארבעטער־קלאס." „די אינטעליגענטן האבן פארגעסן, אז כדי צו מאכן א סוף פון דעם אלטן רעזשים דארפן די ארבעטער זיין ארגאניזירט און האבן א פעסטע מאכט."

אין אלע אומגליקן זיינען שולדיג די אינטעליגענטן! און דעריבער איז פאראן איין דרך: „נעמען ביי די אינטעליגענטן עצות, אבער ניט איבער־געבן אין זייערע הענט די ממשלה."

אלטע, זייער אלטע גוט־באקאנטע טענות:

אונזערע „נעזאוויסימצעס" פארגעסן נאר א קלייניגקייט. ערשטנס, אז דאס, וואס זיי האבן איצט באקומען א מעגלעכקייט צו ארגאניזירן פראָ־פעסיאנעלע פאראיינען, דארפן זיי אויך דאנקען דעם רעוואלוציאנישן קאמף! צווייטנס, אז זייערע „אידעען" מכח „אומאפהענגיגקייט" האבן זיי אויך ניט באשאפן אליין, נאר איבערגענומען ביי די „אינטעליגענטן". דער פאטער גאפאן, וואס האט א צייט אנגעפירט די זובאטאווסקע באוועגונג אין פעטער־בורג, איז דאך אייגנטלעך אויך אן „אינטעליגענט".

שווארצע צייטן — שווארצע לידער. מען וויל אויסנוצן די אומוויסנהייט פון א טייל ארבעטער, כדי צו דערוויזן זיי, אז זייער שונא איז ניט די זעלבסט־הערשונג, ניט די אלע קליינע און גרויסע באדריקער, נאר די אינטעליגענטן, וואס טראגן אריין אין דער ארבעטער־באוועגונג דאס ליכט פון סאציאליזם. מען רופט די ארבעטער אויף „פרידלעכע" וועגן און מען פארגעסט, אז „פרידלעכע" ארבעטער האבן דעם 9טן יאנואר באקומען דעם טויט פאר זייערע „פרידלעכע" פאדערונגען...

ס'נישקשה! פארן ארבעטער־קלאס איז דאס א ווייניגע סכנה. דער ארבעטער־קלאס קען זיך ניט לאזן פארנארן. ס'וועט ווייטער אויפגיין די זון, און אט די אלע ווילדע באשעפענישן וועלן זיך ווייטער באהאלטן אין זייערע לעכער. דער טאג איז שוין ניט ווייט.

פעברואר, 1906.

ניטאָ קיין ווערטער!...

גענעראַל רענענקאַמפּף (אין ווייטן מזרח) האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל: „אויב אימיצער וועט זיך פּרואוון דערמאָרדן וועמען עס איז פון די פּערזאָנען, וואָס באַגלייטן מיך (זשאַנדאַרמען, אייזנבאַן־באַאמטע), וועל איך שפּעטער מיט אַ שעה נאָך דער דאָזיגער פּראָבע הייסן שיסן אַלע ארעסטירטע, וואָס געפינען זיך אין די עשאַלאָנען און אין די טורמעס, אַלס אַ משכון.״

דאָס איז ניט קיין משוגע׳נער חלום פון אַ היץ־קראַנקן מענטשן. דאָס איז אַ פאַקט. ס׳איז אַ געדרוקטער באַפעל, פאַנאַנדערגעקלעפּט אויף אַלע סטאַנציעס און אין אַלע וואַגאָנען פון מזרח־סיבירישן אייזנבאַן.

אין וואַרשע אין סיסקנאָיע אָטדעלעניע זיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים אַלע שרעקן פון דער אינקוויזיציע. אין אַ משך פון פיר נעכט אָן אָן אויפהער שלאָגט מען מיט שטעקנס די ארעסטירטע, מען קלאַפּט איבער די אויערן און מען מאַכט טויב, מען רייסט די האָר פונעם קאָפּ, מען שפּרינגט פונעם טיש אויף דער ברוסט און דעם בויך פון די אומגליקלעכע, מען קראַצט די פּאָדעשוועס, מען גיט ניט קיין וואַסער און אַז די לײדן פון דאָרשט ווערן שוין אומדערטרעגלעך, הייסט מען זיך מודה זיין אין אַלערליי חטאים, וואָס ניט געשטויגן און ניט געפלויגן; מען נויטיגט די ארעסטירטע טרינקען בראַנפן און ווען זיי ווערן שיכור, אָדער ווען זיי פאַרלירן זייערע חושים פון גרויס מאַטערניש, הייסט מען זיי אונטערשרייבן פאַרשידענע פּראָטאָקאָלן, אַז ניט סטראַשעט מען זיי, וועט מען זיי אויסרייסן די ציינער...

אין טשיטאַ האָט דאָס מיליטער־געריכט פאַר׳משפּט צום טויט 7 מענטשן, הגם דער פּראָקוראָר אַליין האָט, אין זיין באַשולדיגונגס־רעדע, געפּאָדערט פאַר זיי אַ קלענערע שטראָף — דאָס הייסט, לאָזן זיי לעבן.

ניטאָ קיין ווערטער! ניטאָ אַזוינע שטאַרקע, ברענענדיגע אויסדריקן, וואָס זאָלן אין זיך קענען אריינזאַפּן דעם גאַנצן ווילדן צאָרן, דעם גאַנצן גיהנום פון האַס, וואָס קאָכט אין הארצן. דאָס הארץ וויל פּלאַצן.

און מען דאַרף ניט קיין ווערטער... לאָזן זיך טרייסטן מיט ווערטער־פּראָטעסטן די אַלע שוואַכמוטיגע, וואָס ווייסן ניט די פרייד פון אמת׳ן קאַמף.

לאָזן באַנוצן די וואָפן פון רייד אַלע יענע, וואָס קענען ניט קיין אַנדערע, שאַרפערע וואָפן.

דער אַרבעטער־קלאַס וועט אַריינגעמען אין זיין האַרצן דעם גאַנצן תהום פון שנאה, דעם גאַנצן מבול פון כעס, ער וועט פאַרהאַרטעווען זיין געמיט אויף דעם פייער פון גיפטיגן נקמה־געפיל — און ווען ער וועט זיך נעמען רעדן — אָ, דאַן וועט זיין ענטפער זיין שטאַרקער, ווי דער ברויזנדער שטורעם, דאַן וועט זיין שטימע מאַכן ציטערן אַלע הערצער. זיין פּראָטעסט — דאָס וועט זיין אַ סוף צו דער גאַנצער טיראַניע.

מערץ, 1906.

וואַל-מאַטיוון

די וואַלן האָבן זיך אָנגעהויבן. מיר שטייען אויפן שוועל פון אַ נייעם וויכטיגן מאָמענט אין דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע.

די וואַלן האָבן זיך אָנגעהויבן. שמוציגע הענט ציען זיך צום ריינעם, בלאַנקן שילד מיט דער גרויסער אויפשריפט „פאָלקס-פאַרטרעטער". הענט, פאַרשמירטע אין בלוט, ציען זיך צו דער פעדער, מיט וועלכער ס'ווערן געשריבן געזעצן פאַרן גאַנצן לאַנד, געזעצן פון לעבן און טויט, געזעצן פון פרידן און מלחמה, געזעצן פון פרייהייט און קנעכטשאַפט.

צי ווייסן דאָס, צי פאַרשטייען דאָס די אַרבעטער? צי באַגרייפן אָט די אַלע גרויסע מחנות, וואָס האָבן ערשט נעכטן באַנעצט מיט זייער בלוט דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ קאָכנדיגן, גרויזאַמען שטרייט? צי זעען זיי, וואוהין מען פירט זיי, צי זעען זיי, צי גיבן זיי זיך אָפּ אַ קלאָרן חשבון וועגן אָט דער גרויסער, פורכטבאַרער נעץ, וואָס וועבט זיך איצט פאַר זיי, פאַר דער פריי־הייט, פאַר אַלץ, וואָס פילט און באַוועגט זיך און וויל לעבן און אָטעמען אין אַ ריינער, ניט-פאַרדומפּענער לופט?

די רעוואָלוציע איז אין געפאַר! די פאָלקס-פרייהייט איז אין אַ גרויסער סכנה! זאָלן דאָס געדענקען אַלע, אין וועמעס האַרץ עס ברענט דער הייליגער פייער פון דער רעוואָלוציע, וועמעס אויגן עס לייכטן מיט אַ הייסער שטרעבונג צו פרייהייט!

די רעוואָלוציע איז אין געפאַר! דאָס, וואָס זי האָט דעראָבערט, דאַרף ווערן איצט אַ געווער געגן איר אַליין; דאָס, וואָס זי האָט אויסגעריסן פון די הענט פון די אַלטע פאָלקס-באַדריקער, דאַרף איצט ווערן אַ צאַם אויף איר אייגענעם זינגרייכן וועג.

די גאָסודאַרסטווענע דומע! אונטער די שווערע קלעפּ פון די פעסטע אַרבעטער-הענט און אַ גרויסן פייער פון פאָלקס-צאָרן, האָט די אַלטע זעלבסט-הערשאַפט זיך באַשלאָסן צו „שענקען" די גאָסודאַרסטווענע דומע! און אין אַ ברענענדיגער שטרעבונג צו דערהאַלטן אין אירע הענט די גרעסטע טייל פון איר פריערדיגער ממשלה, אין אַ הייסער האָפענונג צו רעטן די אַלטע

הערשאַפט פון בליי און פון בלוט, האָט זי אויסגעשטרעקט איר אָרעם צו די פאָלקס-פיינט, די בלוט-זויגער, די זאַטע באַדריקער פונעם אַרבעטער-קלאַס, און יענע, דערשראָקן פאַרן מעכטיגן בילד פון דער רעוואָלוציע, האָבן געאיילט צו אָנכאַפּן זיך פאַר דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

און דער מסחר איז אָפּגעמאַכט. און די דומע איז געוואָרן אַ שאָטן פון פאָלקס-פאַרטרעטונג, אַ פּורים-שפּיל פון פּאַרלאַמענטאַריזם, אַ חוזק, אַ בלוטיגער, טייוולשער חוזק איבער אַלע איינפאַכסטע פאָדערונגען פון אַן אמת'ער רעכטלעכער אָרדענונג.

און די וואָלן האָבן זיך אָנגעהויבן. און זיי קומען זיך צוזאַמען, — די זאַטע בלוטזויגער, אונזערע „רעטער" און „באַשיצער", און זיי בויען פּלענער, און שרייבן פּראָגראַמען, און האַלטן רעדעס, און מאַכן צוזאַמענפאָרן, און די שוץ פון אַ ביקס און אַ נאַגאַיקע רוט איבער זייער פּאָליטישער אַרבעט, און דער גייסט פון דער זעלבסטהערשאַפט שוועבט, ווי די שכינה, איבער אַלע זייערע מעשים.

און מאָרגן וועלן זיי זיך צונויפקלייבן אין טאַווורישן פּאַלאַץ, און מיט חוצפה און עזות וועלן זיי ביי אונז אָוועקרויבן דעם נאָמען „פאָלקס-פאַרטרעטער", ווי זיי רויבן ביי אונז די רעזולטאַטן פון אונזער בלוטיגן רעוואָ-לוציאָנערן קאַמף, ווי זיי רויבן ביי אונז אַוועק אונזער געזונט און לעבן, אונזערע בעסטע יונגע יאָרן.

און מאָרגן וועלן זיי, צוזאַמען מיט דער באַניטער זעלבסטהערשאַפט, אָנהויבן שמידן פאַר אונז נייע קייטן, און נייע געזעצן וועלן ווערן באַשאַפן, און נייע טורמעס וועלן ווערן געבויט, און נייע האַרמאַטן וועלן ווערן אַרויס-געפירט געגן אונז, ווען מיר וועלן אַרויס אין גאַס אַריין צו פּראָטעסטירן געגן אונזערע באַדריקער, צו פאָדערן פרייהייט פאַר אַלעם, פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר אַלע באַדריקטע און דערנידעריגטע, און נייע פּולעמיאָטן וועלן שיטן אויף אונז קוילן אינעם נאָמען פון „רעכט" און „פאָלקס-פאַרטרעטונג"!

צי זעען דאָס, צי פאַרשטייען די רעוואָלוציאָנישע מחנות, וואָס ס'טוט זיך איצט אין אונזער לאַנד?

די רעוואָלוציע איז אין געפאַר! די צוויי שוואַרצע קרעפטן, די קראַפט פון זעלבסטהערשאַפט און די קראַפט פון דער בורזשואַזיע, ווילן צוזאַמענ-שליסן זייערע הענט אין אַ טרייעם בונד אונטער דעם שירעם פון אַ פאַלשער פאָלקס-פאַרטרעטונג. זיי אַרבעטן! זיי ווילן, זיי אַגיטירן — וואָר מיט קלינגענדיגע ווערטער, וואָר מיט שטיקעס און מיט ריטער. זיי אַרבעטן! זיי טוען!

צי דען זשע וועט געשלאָסן ווערן אָט דער בונד? צי דען זשע וועט אויסגעבויט ווערן אָט־דער צאַם אויף אונזער וועג? צי דען וועט דערמיט געזאָגט ווערן צו די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס: שטיל! האַלט זיך אָפּ אויף א צייט! הערט אויף צו רוישן!

אָדער ס'וועלן זיך אויפהויבן אָט די כוואַליעס מיט א נייער וואונדערבארער קראַפט, זיי וועלן זיך א ריר געבן מיט נייער דאָפּלטער מעכטיגקייט — און וועלן אראָפּרייסן אין זייער הייליגן צאָרן אַלע צאַמען, און וועלן פאַרפליצן און פאַרטרינקען אַלע שווארצע קרעפטן, און וועלן פאַרטרייבן אַלע שאָטנס, און וועלן אויסברעכן א וועג צו אמת'ער פרייהייט?...

מערץ, 1906.

וואַל־פרייהייט

א פּאָר פּאַקטן פון דער וואַל־פּראַקטיק.

אינעם שטעטל סטאַניסלאַוואָו, כערסאָנער גובערניע, האָבן די פּויערים אויסגעקליבן א נייעם וואָלאָסטנאָי סכאָד צוליב די וויבאָרעס אין גאָסודאַר־סטווענע דומע. זיי האָבן זיך דערמיט סומך געווען אויפן געזעץ פונעם 2טן דעקאַבער, וואו עס שטייט קלאָר, שוואַרץ אויף ווייס, אַז „איידער די סכאָדן וועלן אויסקלייבן פון זיך פאָרשטייער אין די אויעזדנע וואַל־פאַרזאַמלונגען, מוזן די דאָרפס־קהלות אפּריער אויסקלייבן א נייעם סכאָד" (אַרטיקל 13, פּונקט 1). וועגן אַזא פאַרברעכן פון די סטאַניסלאַוואָווער פּויערים איז געוואָר געוואָרן נאַטשאַלסטווע. מ'האָט תיכּף אַראָפּגעשיקט אין שטעטל 50 קאָזאַקן, 70 אַרטילעריסטן מיט 2 פּולעמיאָטן. דער פּריסטאַוו האָט געשאַפן, און די סאָלדאַטן האָבן געשמיסן. פון די געשמיסענע פּויערים איז איינער אַראָפּ פון זינען, עטלעכע ליגן אויפן טויטן־בעט. מ'האָט געגעבן יעדערן צו 250 שמיץ. דער פּריסטאַוו איז געשטאַנען דערביי און האָט געזאָגט מוסר: „אָט האָט איר אייך וואַלן! אָט האָט איר דעפּוטאַטן! אָט האָט איר וואָרט־פרייהייט! איר וועט וויסן, וואָס הייסט פאַרזאַמלונגען!" איינער אַן אַרעס־טירטער לערער איז אַראָפּ פון זינען, צוזעענדיג נאָר די שינדערייען. דער פּריסטאַוו האָט געלאָזט מודיע זיין די פּויערים, וואָס זיינען אַנטלאָפן, אַז מ'וועט זיי אויפהענגען.

אין קאַזאַן האָבן די פּאָרזיצנדע פון די וואַל־פאַרזאַמלונגען באַקומען פון נאַטשאַלסטוואָ א באַפעל, אַז אויף די פאַרזאַמלונגען זאָל מען זיך ניט דערוועגן רעדן וועגן פּאָליטישע ענינים.

אין וולאַדימיר האָבן די זעמסקע נאַטשאַלניקעס צוזאַמענגערופן די סטאַרשינעס פון וולאַדימירער אויעזד און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן ניט דערלאָזן קיין שום וואַל־פאַרזאַמלונגען פאַר די וויבאָרעס.

פון סאַראַטאָוו איז מודיע דער טעלעגראַף: אין דאָרף באַזאַרני קאַראַ־בולאַק האָט מען אַוועקגעשיקט 153 קאָזאַקן מיט 3 אָפיצערן. די וואַלן אין

די וואָלאָסטניע סכאָדן און ביי די ארבעטער וועלן זיך אָנהויבן דעם 28טן פעווראַל.

אין יעלצער אויעזד האָט מען ארעסטירט אַ פּויער דערפאַר, וואָס ער האָט אַגיטירט צווישן די פּויערים, אַז זיי זאָלן אויסקלויבן אין דומע סטאַכאָוויטש׳ן — אַ פירער פונעם פּאַרבאַנד פון 17טן אָקטאָבער, נאָר אַ ביסל אַ ווייניגער שוואַרצ־מאה׳דיגער ווי זיינע חברים פון פּאַרטיי.

אין פּעטערבורג האָט מען פאַרבאָטן די קאָנסטיטוציאָנאַליסטן־דעמאָקראַטן צו מאַכן פאַרזאַמלונגען. אַ דעפּוטאַציע פון גרויסע מכובדים האָט זיך משתדל געווען פאַר דעם רבי׳ן אליין — פאַר דעם „גרויסן" מחבל דורנאָוואָ — און ער האָט דערוויל קיין קלאָרע תשובה ניט געגעבן.

איבערן גאַנצן לאַנד ווערן ארעסטירט די אָנגעזעענסטע כלל־טוער, אַלע, אויף וועמען ס׳קען נאָר פאַלן אַ חשד, אַז זיי וועלן אויסגעקליבן ווערן אין גאָסודאַרסטווענע דומע.

אין טורמעס זיצן איצטער צוויי און זיבעציג טויזנט מאַן.

נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן, אונזערע הויכגעשעצטע, ליבהאַרציגע ליבעראַלן? וואָס הערט זיך עפּעס מיט אייערע לעגאַלע דרכים, וואָס הערט זיך עפּעס מיט אייער געזעצלעכן קאַמף געגן די ווילדע מערדערייען פון דער אַזיאַטישער אָרדענונג?

מערץ, 1906.

ריין און בשר

דאָס ערגסטע, וואָס מ'האָט געקענט דערוואַרטן פון דער זעלבסטהערשנ־דער ביוראָקראַטיע בנוגע צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע, ווערט דערפילט אַלעמאָל מער. די ווירקלעכקייט איז נאָך פיל פאַרביגער און גלענצנדער, איידער עס האָט זיך געקאָנט מאָלן די פאַנטאַזיע ביים ערגסטן פיינט פון דער איצטיגער רעגירונג. מען דאַרף זאָגן דעם אמת: אויף המצאה'לעך, ווי צו אויסדרייען זיך און ניט געבן דאָס, וואָס מ'האָט צוגעזאָגט אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, אויף אַזוינע חנ'עוודיגע מעשים'לעך איז מען ביי אונז אין הויכע פענצטער גאָר גרויסע בריות.

אייגנטלעך איז דאָ אַפילו קיין המצאות ניטאָ. פשוט אַ זעץ איבערן קאָפּ — און פאַרטיג. ווילסט פרייהייט? — נאָ דיר אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר. ווילסט פאַרזאַמלונגען? — נאָ דיר פּאָליציסטן מיט ביקסן און קאָזאַקן מיט נאַגאַיקעס. ווילסט פאָלקס־פאַרטרעטונג? מיינסט מאַכן פון דער דומע אַ גאַנצן צימעס? — נאָ דיר אַ רייע גזעצן, וואָס וועלן דיר בינדן די הענט און די פיס, פאַרשטאָפּן דעם מויל, ועסטו וויסן, וואָס הייסט זיך שפּילן מיט ליבעראַליזם.

ס'איז אַן אָפענע שפּיל. מען דאַרף, אַז אין דומע זאָלן אויסגעקליבן ווערן אַזוינע לייט, וואָס „טויגן". און אַזוי ווי די געזעצגעבונג איז ביי אונז ניט מער ווי אַ מין רייסטער, וואו עס ווערן אַ פּונקט נאָך אַ פּונקט פאַרשריבן און באַשטעטיגט אַלע אומגערעכטיגע מעשים פון די רעגירנדע טשינאָווניקעס, דעריבער ווערן אַלע מאָל אַרויסגעגעבן נייע „געזעצן" און תקנות, וואָס ווערן אַזוינע לייט, וואָס „טויגן". און אַזוי ווי די געזעצגעבונג איז ביי אונז דאַרפן באַוואָרענען, אַז די וואָלן זאָלן זיין „ריין" און „כשר", אָן אַ שום פּסולת פון „אומזיכערע" עלעמענטן. און אין דער „געזעצגעבונג" שטעלט מען זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום זאַך.

איצט ווייזט זיך שוין אַרויס, אַז גאַנצע געגנטן, גאַנצע גרויסע מדינות פון רוסלאַנד וועלן צו דער ערשטער דומע קיין דעפּוטאַטן דערווייליע ניט שיקן, 38 גובערניעס פון אייראָפּייאישן רוסלאַנד וועלן קלויבן דעפּוטאַטן אין דומע דעם 26טן מאַרט, 18 גובערניעס — דעם 14טן אַפּריל, 2 גובערניעס

— דעם 20טן אַפּריל. וועגן אַלע איבעריגע גובערניעס ווערט אין דער רעגירונגס־מעלדונג גאָר ניט דערמאָנט. דאָס הייסט, אַז אין גאַנץ פּוילן, אין דער גאַנצער באַלטישער געגנט, אין גאַנץ קאַווקאַז (פון סיביר רעדן מיר שוין ניט) וועלן די וואַלן פאָרקומען (אויב זיי וועלן נאָר איבערהויפּט פאָרקומען) נאָכדעם, ווי די דומע וועט שוין ווערן פאַרזאַמלט און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

די כונה איז צו אָפן. די דאָזיגע געגנטן זיינען רעוואָלוציאָנירט דורך און דורך. הגם די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אַלע רעוואָלוציאָנישע פּאַרטייען וועלן דאָרט אין די וואַלן קיין אָנטייל ניט נעמען, קען דאָך זיין געמאָלט, אַז די ליבעראַלע דעפּוטאַטן, וואָס וועלן דאָרט אויסגעקליבן ווערן אין אַ הייסער לופט פון רעוואָלוציאָנישן שטרייט, וועלן זיין צו שטאַרק ראַדיקאַל, ס׳קען זיין געמאָלט, אַז זיי וועלן אָנהויבן רעדן אין דומע דאָס וואָס טויג ניט דער „נאַטשאַלסטווע" און ווער ווייסט? — זיי קענען גאָר נאָך אָנהויבן „אויפ־רייסן די דומע פון אינעווייניג", פאָדערן —זאָל גאָט שומר ומציל זיין! — אַ קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג. על כן איז די בעסטע עצה — זיי זאָלן ביים רעכטן קנאַק נאָר גוט זיין, די חבלי־לידה זאָל זיך פּעלן אָן זיי. זאָל זיך די דומע פאַרזאַמלען, זאָל זיך דער עולם אַרומקוקן, באַקענען, פעסטער זיך אַוועקזעצן אויף די ערטער, ווערן אַ תושב אין דומע, אָנהויבן פילן זיך אַ ביסל שטאַרקער, אָנהויבן אַרומקלערן עפּעס אַ שטיקל געזעץ. הכלל, זאָל אַלעס קומען אין אָרדענונג, און דאַן וועט מען ביסלעכווייז, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, אָנהויבן צומישן צו דער דומע „קראַמאָלנע" עלעמענטן, אָט ווי מען קאַפּעט טראָפּן עסיג אין אַ גלאָז וואַסער. היינט איין דעפּוטאַט, שפּעטער מיט אַ וואָך נאָך איינעם — און לאָזן זיי גיין עפּעס טאָן געגן אַריבער דריי הונדערט אַלט־געזעסענע, לאָזן זיי גיין מרעיש עולמות זיין — ווער וועט זיי הערן?

היינט דאַרף שוין זיין קלאָר פאַר יעדן, ווער עס פאַרמאַכט ניט בכיון די אויגן, אַז וואו ס׳איז מעגלעך אַזוינע מיטלען, דאָרט וועלן זיין מעגלעך נאָך אַנדערע פאַרשידענע מיטלען, וואָס ס׳איז גאָר שווער זיי פאָראויסזען. פאַר וואָס איז געמאָלט, אַז פון פּוילן זאָלן די דעפּוטאַטן זיך יאָ פאַרשפּעטיגן אויף עטלעכע וואָכן אָדער חדשים, און פון אַ מין ווילנע זאָל אַ דעפּוטאַט ניט געפינען קיין שטערעניש אויף זיין וועג? פאַרוואָס קען מען הייסן די קאַווקאַזער ווייַלער דערווייַלע צוואַוואַרטן, און מיט די פּעטערבורגער איז דאָס ניט מעגלעך? וואָס איז? מ׳וועט זיך שעמען? ווער רעדט דאָ פון בושה? ווער איז אָן ערב, אַז די אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן, וואָס וועלן ניט געפעלן

דער רעגירונג, וועלן ניט באקומען א באפעל צו זיצן אין דער היים? ווער קען זאגן, אז זיי וועלן גאר פשוט ניט אריינגעזעצט ווערן אין טורמע? ווער קען זיין באווארנט, אז אין א גאנצער רייע ערטער, וואו די שטימונג פון דער באפעלקערונג איז א געהויבענע, וועט מען גאר איינגאנצן ניט הייסן מאכן קיין וויבארעם? ווער קען זאגן, אז מארגן וועט ניט ארויסגיין א נייער „געזעץ”, אז א גאנצע טייל באפעלקערונג, למשל די אידן, אדער ליטוואקעס, אדער די קליין־רוסן, האבן גאר ניט קיין וואל־רעכט? וואס קען אפשטעלן אונזערע הערשער?

מערץ, 1906.

דער רוסישער ליבעראַליזם

וואָס איז געשען ?

די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעריסן ביי דער זעלבסטהערשאַפט אַ צוזאָג — איינפירן אַ קאָנסטיטוציע. די זעלבסטהערשאַפט האָט אויסגענוצט איר דער־ווייליגן נצחון איבער דער רעוואָלוציע און האָט געמאַכט חוזק פון דעם דאָזיגן צוזאָג. די באַפעלקערונג איז אויפגעבראַכט אויף דער רעגירונג פאַר די אוממענטשלעכע בלוט־פאַרגיסערייען, און דער ניט־רעוואָלוציאָנערער טייל אירער האָט אָפּגעגעבן זיינע שטימען די קאַ־דע׳טן, האָפנדיג: אפשר וועלן זיי אָן רעוואָלוציעס איינפירן אין רוסלאַנד אַ נייעם סדר פון דער מלוכה.

און וואָס באַשטייט דער פאַרדינסט פון די קאַ־דע׳טן ? וואָס האָבן זיי געטאָן צו אומוואַרפן די רעשט חורבות פונעם אַלטן בנין ?

דער ליבעראַליזם אין רוסלאַנד איז שטענדיג געווען אַ פּאַראַזיט אויפן לייב פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע. די פאָלקס־מאַסן מיטן פּראָלעטאַריאַט אין די ערשטע רייען האָבן געקעמפט — דער ליבעראַליזם האָט רעזאָלוציעס געשריבן. די גאַסן פון אַלע שטעט זיינען פאַרגאָסן געוואָרן מיט זודיגן בלוט, באַריקאַדן זיינען געוואַקסן, אַרבעטער־מאַסן האָבן מיט זייער ברוסט די פעסטונג געשטויסן, מיט זייערע הענט אַ שטיין נאָך אַ שטיין אַרויסגעריסן פון דעם בנין פונעם אַבסאָלוטיזם — די ליבעראַלן האָבן צוזאַמענפאָרן געמאַכט, פּראָגראַמען געשריבן, קאָנדיציעס אויסגעאַרבעט, אויף וועלכע אופנים צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער אָפּגעשוואַכטער זעלבסטהערשאַפט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט דעם אָקטאָבער־שטרייק דורכגעפירט, די זעלבסט־הערשאַפט אין אַ טויט־שרעק אַריינגעוואָרפן, און ניט אָפּגעשטעלט זיך און ווייטער געקעמפט, כדי פעסטער צו פאַרשטאַרקן די איינגענומענע פּאָזיציעס — די ליבעראַלן האָבן תיכף זיך דערשראָקן פאַר די מונטערע אַרבעטער־מחנות און דערקלערט נאָך דעם אָקטאָבער־שטרייק פאַר „אַן אמת׳ער" רעוואָ־לוציע און אַלע איבעריגע געפעכטן — פאַר פאַלשע, ניט־נויטיגע און געפער־לעכע „רעוואָלוציעס". דער פּראָלעטאַריאַט האָט אין דעם גרויסן דעקאַבער־אויפשטאַנד געפּרואווט דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ דער האַלב־פאַרשטאָר־

בענער דעספּאָטיע, — די ליבעראַלן האָבן אָנגעהויבן שיטן פעך און שוועבל אויף דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, ניט זעענדיג און ניט וועלנדיג פאַר־שטיין, אַז דאָס האָט זייער פּאַרראַט געגעבן מוט די מחבלים פון דער זעלבסטהערשאַפט, אַז דאָס האָבן זיי מיט זייער פאַלשן באַגיין זיך געבויט אַ שטרויכלונג אויפן וועג פון דער פרייהייט.

און ווען די רעאַקציע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, האָבן זיי געפונען אין זייער ווערטערבוך נאָר זידלערייען און באַליידיגונגען פאַר די אמת'ע פרייהייטס־קעמפער. און ווען ס'איז געקומען צו אויסנוצן די וואַלן אין גאָסודאַרסטווענע דומע, דאָס לעצטע, וואָס די זעלבסטהערשאַפט האָט נאָך ביז אַהער ניט געהאַט די העזה צו אָפּנעמען צוריק פון אַלע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, און ווען דער אומצופרידענער שטאָט־בעל־הבית האָט אָפּגעגעבן זיין שטים־צעטל די קאַ־דע'טן, — האָבן די לעצטע שוין פאַלקאָם פאַרגעסן אָן דער רעוואָלוציע, פונקט ווי זיי האָבן פון איר קיינמאָל ניט געהערט.

זיי האָבן נאָך די ממשלה ניט באַקומען אין זייערע אייגענע הענט, זיי ציטערן נאָך (און מעגן ציטערן), אפשר וועט היינט־מאָרגן אַרויס אַ באַפעל, אַז די דומע ווערט אָפּגעלייגט ביז משיח'ס צייטן, אפשר וועט קומען אַן אָטריאַד פּאָליציסטן און זיי פאַרטרייבן פון דער דומע מיט זייער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, זיי מוזן נאָך רעדן מיט אַ צעבראָכן האַרץ, אַז אויב די רעגירונג וועט אַזוי טאָן, וועט עס ניט אַנדערש קומען צו די גרויסע מהומות און צו שרעקלעכע געפעכטן מיט די מאַסן פונעם פאָלק — און דאָך, קוקט זיך צו צו זייער גאַנצן באַנעמען זיך: אַקוראַט ווי פון אָנהויב אָן איז גאָר ניט געווען קיינער אויף דער פּאָליטישער סצענע, אַחוץ די קאַ־דע'טן, אַקוראַט ווי קיינער האָט ביז אַהער ניט געטאָן גאָרניט, און נאָר די שטים־צעטלען, די הייליגע, געאַכפּערטע שטים־צעטלען פון די קאַ־דע'טן האָבן אַריינגעלאָזן אַ ניי לעבן אין דעם גוף פונעם פאָלק.

מיט ברייטקייט און עזות דערציילט דער קאַ־דע'טישער לייב־אָרגאַן, די „רעטש", די גרויסע מעשים פון דעם שטים־צעטל.

„ביז די וואַלן" — לייענען מיר אין נומער 38 — „האָט די פּאָליטישע וועלט־אָנשויאונג פונעם פאָלק זיך אומגעביטן האַלב־אומבאַוואוסטזיניג און זי איז ניט געווען קלאָר און דייטלעך; דער וואַל־קאַמף האָט איר געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסגיסן אין קלאָרע, באַשטימטע פאָרמען." ביז די וואַלן, הייסט עס, האָט דאָס פאָלק ניט געוואוסט, וואָס עס וויל. ביז די וואַלן האָבן די אַלע שאַרפע און דייטלעכע פּאָליטישע פאָדערונגען פון די

פּראָלעטאַרישע מאַסן — גאָר ניט באַדייט; ביז די וואַלן האָבן די אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן, אין וועלכע עס האָבן שטענדיג געקלונגען קלאָרע פּאָליטישע לאָזונגען — גאָר ניט באַוויזן; ביז די וואַלן האָבן אָט די גרויס־אַרטיגע מיטינגען, וואו ס׳איז איבערגעוועזן מיליאָנען מענטשן אין גאַנץ רוסלאַנד און וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָפן פאָרמולירט און די מאַסן אָנגענומען אַ באַשטימטע פּאָליטישע פּראָגראַם — ניט געהאַט קיין ווערט. דאָס אַלעס איז, נאָך די קאַ־דע׳טן נאָך, אפשר גאָר ניט געוועזן. ס׳זיינען אָבער געקומען די וואַלן, דאָס שטים־צעטל, — און דאָס פּאָלק האָט מיט אַ מאָל אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון פאַר זיינע אויגן, מיט אַ מאָל אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס עס האָט פאַר אַ פּאָליטישן אידעאַל.

„דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון דער קאַ־דע׳טישער פּאַרטיי" — טענה׳ט ווייטער די „רעטש" — „באַשטייט פון היינט אָן אין דעם, וואָס די פּאַרטיי און נאָר די פּאַרטיי האָט געהאָלפן דעם פּאָלק זיך אַליין קלאָר מאַכן זיין אייגענע שטימונג, פאַרשטיין זיין אייגענעם ווילן."

קען מען נאָך האָבן אַ גרעסערע אומפאַרשעמטקייט? די קאַ־דע׳טישע פּאַרטיי און נאָר די קאַ־דע׳טישע פּאַרטיי האָט אויפגעקלערט דעם פּאָלק זיין אייגענעם ווילן! מיט וואָס? מיט אַ פּאָר וואַל־פאַרזאַמלונגען אונטער אַ שטאַרקער אויפזיכט פון פּאָליציי? און וועמען? ווער איז געווען אויף זייערע וואַל־פאַרזאַמלונגען, ווער האָט געהערט זייער שטים? די מאַסן? דאָס אמת׳ע פּאָלק? דאָס פּאָלק האָט ניט געזען און ניט געהערט די קאַ־דע׳טן. צום פויער אין דאָרף האָבן זיי מורא געהאַט צו גיין, ווייל דאָרט האָט מען פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע אַרעסטירט, דער פּראָלעטאַריאַט אין די שטעט האָט זיי געטריבן פון זיך, ווייל ער פאַרשטייט זייערע צילן און וויל זיך ניט לאָזן אַרייננאַרן אין זאַק. ווער זשע איז געבליבן? די שטאָטישע בורזשואַזיע? טשינאָווניקעס, אינטעליגענטן? דער קלענסטער, אומבאַדייטנדער טייל פון דער באַפעלקערונג? איז דאָס ביי די קאַ־דע׳טן דאָס פּאָלק? איז ביי זיי שוין איצט אַלץ איינס: דאָס גאַנצע פּאָלק און די עטלעכע טויזנט שטאָטישע ווילער? און אפילו דאָ האָבן דען זיי, מיט זייער אַגיטאַציע, אויפגעקלערט די באַפעלקערונג, זיי — און ניט די צייט פון רעוואָלוציע, ניט די מעשים פונעם פּראָלעטאַריאַט, ניט די רדיפות פון דער רעגירונג?

„נאָר די קאַ־דע׳טישע פּאַרטיי האָט פאַרשטאַנען די שטימונג פונעם פּאָלק און נאָר זי האָט פאַרשטאַנען צו אויסדריקן די דאָזיגע שטימונג אין די קלאָרע זאַצן פון איר פּראָגראַם און אין די רעדעס פון אירע רעדנער" — אַזוי לויבט זיך ווייטער די קאַ־דע׳טישע צייטונג. מען פאַרגעסט נאָר אַ

קלייניגקייט: אַז מיליאָנען, צענדליגע מיליאָנען פויערים זיינען „געשטימט״ אַזוי, אַז נאָך זייער מיינונג נאָך איז נויטיג צוצונעמען די גאַנצע ערד ביי די פּריצים און ביי דער מלוכה און איבערגעבן זי אין די הענט פון די ערד־אַרבעטער; אַז מיליאָנען אַרבעטער זיינען „געשטימט״ גאַנץ שאַרף מכח אַן 8־עשה׳דיגן אַרבעטס־טאָג און אַז אין דער קאַ־דע׳טישער פּראָגראַם איז וועגן דעם בפירוש ניט געזאָגט געוואָרן גאָרניט אָדער געזאָגט געוואָרן מיט אַ האַלב מויל און העכסט ניט קלאָר; מען פאַרגעסט, אַז ניט די קאַ־דע׳טן האָבן אויסגעדריקט די שטימונג פון פאָלק, נאָר דאָס פאָלק, דאָס אמת׳ע פאָלק, די מאַסן מיט זייער רעוואָלוציאָנישער אַרבעט האָבן געטריבן די קאַ־דע׳טן פאָרמולירן זייער פּראָגראַם, אויסדריקן אַלע מאָל דייטלעכער זייערע פאָדערונגען, און וואָס מער עס האָבן געברויזט די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע, דאָס לינקער, דעמאָקראַטישער און קלאָרער איז געוואָרן דאָס ליבעראַלע פּראָגראַם.

מען וויל זיך ניט מודה זיין, אַז אפילו דאָס פּראָגראַם אין דער גע־שטאַלט, ווי ס׳איז איצט פאָרמולירט, איז אויך פאַר די קאַ־דע׳טן ניט קיין מוז, אַז ביי געוויסע באַדינגונגען וועלן זיי גרייט זיין צו באַהאַלטן אַ גרויסן שטיק פון זייער פּראָגראַם אין קעשענע. מען וויל זיך ניט מודה זיין, אַז די ליבעראַלע פּאַרטיי איז אַ פּאַרטיי פון צופּאַסן זיך, אַ פּאַרטיי פון דינגען זיך, אַ פּאַרטיי פון פּאָליטישע קאָמפּראָמיסן.

פאַר די פאָלקס־מאַסן, פאַרן אמת׳ן פאָלק איז כדאי צו געדענקען, אַז שוין איצט, איידער די קאַ־דע׳טן האָבן נאָך באַקומען די מאַכט, האָבן זיי שוין פאַרביטן דאָס פאָלק אויף אַ פאַר טויזנט בורזשואַזע ווייַלער, אַז שוין איצט, איידער זיי האָבן נאָך באַקומען די ירושה פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיי שוין פאַרגעסן, ווער האָט די גאַנצע ירושה באַשאַפן.

אַפּריל, 1906.

יונגע זקנים

מיר און זיי, פּראָלעטאַרישע קעמפּער און בורזשואַזע שטרעבער, פּראָלעטאַרישע מחנות און בורזשואַזע פּאַראַיינען, פּראָלעטאַרישע צילן און בורזשואַזע האָפענונגען.

צוויי וועלטן, צווייערליי געדאַנקען, צווייערליי געפילן.

אין אַ שאַרפער קראַנק ווערט אויסגעפּרואווט די קראַפט פון מענטשלעכן גוף. אין אַ שאַרפן פּאָליטישן קריזיס קענט איר זען די אמת'ע געשטאַלט פון פּאָליטישע פּאַרטייען, קענט איר דערקענען די אייגנשאַפטן פון די קלאַסן, וועלכע שטייען הינטער די פּלייצעס פון די דאָזיגע פּאַרטייען. אינעם פייער פון קאַמף גייט אַראָפּ דער פילפאַרביגער שלייער פון אויסגעפּוצטע ווערטער און איר זעט פאַר זיך דעםווירקלעכן שטאָף — די ליים אָדער דאָס גאָלד פון דער הוילער פיגור.

אויף דער פאָדערשטער זייט פון אונזער פּאָליטישער סצענע באַוועגן זיך איצט די אָטריאַדן פון אונזער ליבעראַלער בורזשואַזיע. קוקט זיך צו צו זייערע פאַרשידנאַרטיגע העוויות, הערט זיך איין אינעם כאָר פון זייערע הילכענדע שטימען און פאַרגלייכט זיי מיט אַן אַנדער אַרמיי, מיט די מאַרטירער־פאָלקן פונעם רעוואָלוציאָנישן פּראָלעטאַריאַט.

זיי האָבן געזיגט! זיי האָבן געזאַמלט אַזאַ רייכע פּרוכט, ווי זיי האָבן קיינמאָל ניט געוואַגט צו האָפן אין זייער פרעכטיגסטן טרוים. וואָס־זשע איז אַזוי אומזיכער זייער טריט, וואָס פאַר אַ באַהאַלטענער פּחד קוקט אַרויס פון זייערע כלומר'שט שטראַלנדע אויגן? וואָס פאַר אַ טאָן פון געבעט לאָזט זיך הערן אינעם קלאַנג פון זייערע פריילעכע לידער? וואָס פאַר אַ טריבער וואָלקן רוקט זיך לאַנגזאַם איבערן הימל פון זייער פינקלדיגער פרייד?

זיי האָבן געזיגט! זיי גרייטן זיך נעמען אין זייערע הענט דאָס רודער פון דער גרויסער און מעכטיגער שיף. און דאָך האָבן זיי ניט מיט זייער אייגענעם כח דערגרייכט זייער זיג. ניט מיט די אייגענע הענט אין אַן אָפענעם שטרייט האָבן זיי דאָס רודער אַרויסגעריסן פון די הענט פונעם פיינט. און דער פיינט איז נאָך שטאַרק, און ניט זיי האָבן כח צו ברעכן זיין קראַפט.

און זיין עזות איז גרויס, און זיין בלוטיגע ווילדקייט ווערט פרעכער פון טאָג, און ניט זיי האָבן קראַפט צו באַפעלן מיט שטאָלצער און מעכטיגער שטימע: גענוג!

זיי האָבן געזיגט! נאָר דאָס איז ניט דער מוטיגער זיגער, וואָס האַלט פעסט זיין רויב אין זיין האַנט. דאָס איז ניט די דרייסטע קאַלאַנע, וואָס פאַרנעמט ביי דעם שאַל פון טראָמפּייטן די שטאָט פון דעם פיינט. ציטערדיג, מיט אַ באַהאַלטענעם וויטאָג אינעם פאַרקלעמטן האַרץ, קוקן זיי אין די אויגן פון דעם באַזיגטן פיינט: אָט, אָט וועט ער אויפהויבן זיין פאַר־דאַרבענע האַנט. טרויעריג קלינגט אין דעם ליד פון טריאומף אַ הכנעה'דיג שטילע בקשה: לאָז אונז פייערן אונזער נצחון! לאָז אונז פרידלעך געניסן די פרוכט פון דעם זיג!

זיי האָבן געזיגט! זיי זיינען אַרויסגעשוואומען פּלוצים אַרויף אויף דער אויבערפלעכע פונעם פּאָליטישן שטראָם. זיי האָבן זיך גענומען וואַרעמען אין די שטראַלן פון זיסע, פאַר'שיכור'נדע האָפענונגען. נאָר איין בלאָז פון אַן אומרואיגן ווינט — איין קאַלטע ידיעה וועגן אַ נייער הלואה צו פאַרשטאַרקן די הענט פון פיינט, — און זיי האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן ראַנגלען אין טיפער פאַרצווייפלונג מיט די וואַסערן פונעם רוישנדן שטראָם, און ווידער גיסן זיך די שווערע כוואַליעס איבער זייערע קעפּ, און ווידער פילן זיי אייזערנע געוויכטן אויף זייערע פיס, און ווידער קוקן זיי מיט אַנגסט צום הימל און פרעגן זיך אין אומנוט און פּחד: צי דען וועט מען אונז ווידער פאַרטרייבן צו גרונט?

און אין פאַרצווייפלונג כאַפּן זיי זיך איילig פאַר דער דינסטער שטרוי. און מיט האַסט און אַ געמאַכטער דרייסטקייט באַגריסן זיי דאָס, וואָס זיי ווינטשן, אַקוראַט ווי ס'איז שוין געקומען. „אויפגעלעבט רוסלאַנד, פאַר־שוואונדן די וואָלקנס, דאָס פרייע, דאָס גרויסע, דאָס מעכטיגע לאַנד האָט ענדלעך צעריסן די קייטן פון טויט. די פיינט די טיראַנען — זיי ליגן שוין אַלע צעטראָטן אין שטויב. אַנטלאָפן דער ליגן! דער הייליגער אמת טוט שיינען און פינקלען מיט זיינע באַלעבנדע פאַרבן."

און מיט קלאַנגען פון לידער, און מיט געשרייען פון נצחון ווילן זיי איינרעדן זיך אַליין, אַז דאָס וואָס עס שרעקט זיי, דאָס קען שוין ניט קומען, אַז ס'האָט ניט קיין זין, אַז ס'וועט ניט דערוועגן זיך קיינער צו וועקן די פינצטערע שאָטנס. און מען טוט פאַלן כורעים פאַר דעם אַלמעכטיגן שטימ־צעטל, און מען רינגלט עס אַרום מיט רעליגיעזער און מיסטישער פאַרערונג, און דער פּשוט'ער אַקט פון אָפּשטימונג ווערט אין די צעהיצטע מוחות אַ

טיפע, הייליגע תפילה, א גרויסער סוד פול מיט אומגעטלעכער באדייטונג. דאָס שטים־צעטל וועט ראַטעווען! דאָס שטים־צעטל איז דאָס בעסטע און זיכערסטע געווער!

און דער פּחד טוט קלעמען און קלעמען די ברוסט.

יונגע זקנים! גרייז־גרויע ניט־דערוואַקסענע קינדער! זיי האָבן נאָך ניט געלעבט — און האָבן שוין ניט קיין כח צו לעבן. זיי האָבן נאָך ניט דערגרייכט, און האָבן שוין ניט קיין שטאַרקייט צו שטרעבן. זיי האָבן נאָך איין מאָל ניט אויסגעגלייכט שטאָלץ און שטייף זייער רוקן, און ער איז שוין ווייך, געבויגן, צעבראָכן. זיי האָבן נאָך ניט געהאַלטן קיין איינציג מאָל דאָס גליק אין זייערע הענט, און זיי האָבן ניט קיין מוט צו אויפהויבן די הענט און נעמען דאָס גליק, צו צווינגען עס קומען לויט זייער פאַרלאַנג. און זיי האָבן מורא פאַר א מלחמה וואָס קען ברענגען א זיכערן זיג, זיי האָבן מורא צו אַרויסרופן דעם דונער, דעם שטורעם, וואָס קען אויסרייסןביימער פון וואָרצל, נאָר וואָס קען אויך אָפּרייניגן די לופט פון אַלע טויטלעכע מיאַזמען.

און זיי גייען מיט שוואַנקנדע טריט, מיט שוואַקנדקע האָפענונגען און מיט גאַנצע נעצן פון אַלערליי קונציגע חשבונות און פאַרפּלאָנטערטע קאָמבינאַציעס; און ווי א קאַרגער, וואָס זעט אין זיין מחשבה הויפנס גאָלד און קאָסטבאַרקייטן און ציטערט, אז קיינער זאָל ניט צעטיילן מיט אים זיין נאָך ניט דערגרייכטן פאַרמעגן, אזוי ציטערן זיי פאַר די אמת׳ע קעמפער, פאַר די וועלכע קענען צווינגען דעם שונא, קענען פאַרזיכערן דעם נצחון, פאַר די וועלכע לעבן מיט יונגע האָפענונגען, מיט גאַנצע, ניט צעבראָקלטע שטרעבונגען, פאַר די וועלכע גייען אין גלייכן וועג מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן און מיט שטאָלצע טריט.

און די יונגע זקנים האָבן קיינמאָל ניט געוואַגט צו זאָגן! קום דו, דער אמת׳ער בעל־הבית פון לעבן, שטרעק אויס דיין אייזערנע האַנט און וואַרף אַראָפּ פון אונז אַלעמען די דריקנדע לאַסט!

אַפּריל, 1906.

צוויי וועגן

די קאַ־דע׳טן זאָגן שירה. פּרילינג־לידער קלינגען אינעם ליבעראַלן לאַגער. פּרילינג־לידער זינגען די בורזשואַזע צייטונגען. נייע האָפענונגען שפּראָצן פאַר די אויגן פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ: עס גייט דער סוף? אַן עק וועט ווערן פון דער אַלטער דעספּאָטיע. פאַרשווינדן וועלן אַלע שפּורן פון זעלבסטהערשענדן ווילקיר. אויס תליות, אויס פּאָליציי־משפּט, אויס מיליטער־הערשאַפט. דער זומער וועט קומען, און די ערשטע שוואַלבן זיינע, — ריכטיגער, ניט די שוואַלבן, נאָר די שענסטע זומער־פויגל, די מלאכים פון זונען־שיין און וואַרעמקייט, וועלן זיין זיי — „די פּאַרטיי פון פאָלקס־פרייהייט" — די קאַ־דע׳טן.

און די אַלטע דעספּאָטיע טוט זיך אירס. ווי פריער זיצן די מיניסטאָרן אויף זייערע מיט בלוט דורכגעווייקטע שטולן; ווי פריער איז רוסלאַנד פאַר־קלעמט אין אייזערנע רייפן פון מיליטער־דיקטאַטור; ווי פריער שיטן זיך אויפן פאַרוואָגלטן לאַנד געדיכטע האָגלען פון געזעצן און תקנות — צו מלחמה האַלטן מיט יעדער פרייער באַוועגונג פון אַ לעבעדיגן גייסט, וואָס וויל זיך ניט לאָזן פאַרשמירן. ווי פריער זיצן ריכטער־פּאָליציסטן אויף זייערע שטולן צו פאַרטילינגן יעדן איינציגן, וואָס געפינט ניט קיין חן אין די אויגן פון די זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען. ווי פריער וועבט מען אין אויסלאַנד אַ קונציגע שפּינוועב פון פינאַנציעלע אָפּמאַכונגען, כדי צו פאַרשטאַרקן די הענט פון די זעלבסטהערשער און אַרויפלייגן אויפן פאָלק אַ נייע אומדערטרעגלעכע משאַ. און צו אַלע פריערדיגע מעשים זיינען צוגעקומען נייע, ספּעציעל צוגעפּאַסטע צום איצטיגן מאָמענט: דריי מיטגלידער פון דער גאָסודאַר־סטווענער דומע (אויסגעקליבענע, „פאָלקס־פאַרטרעטער"!!) זיצן אין טורמע, איינער אַרויסגעשיקט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, איינער פאַרטריבן פון זיין היים — וואו ער איז אויסגעקליבן געוואָרן — מיט אַ פאַראָרדענונג: קיינמאָל ניט קומען צוריק.

די זעלבסטהערשנדע רעגירונג וויל ניט אָפּטרעטן. זי וועט אָנווענדן איר גאַנצע קראַפט, איר גאַנצע אינקוויזיטאָרישע צביעות, איר גאַנצע אַזיאַטישע אכזריות, כדי צו מאַכן די דומע צונישט.

ווי וועט זי פירן דעם שטרייט? צי וועט זי באנוצן גראבע מיליטערישע געוואלט און מיט איין קלאפ פון א באפאנצערטן קולאק פאנאנדערטרייבן די „פארטרעטער פונעם פאלק"? צי וועט זי אפשר אויסנוצן די אויסלענדישע פארלאמענטארישע פראקטיק, ווי זי נוצט אוים די נייעסטע המצאות אין פאליציי־ענינים און מארד־קונסט, און וועט אויפן „געזעצלעכן" וועג מאכן פון דעם רוסלענדער פארלאמענט א מין פורים־שפיל, א קאנצעלאריע פון פלאפלעריי, אליין רעגירנדיג אין לאנד נאך איר אייגענעם ווילן נאך און גערולדיג ווארטן ביז די קא־דע'טן וועלן דערטרונקען ווערן אין דעם וואסער פון זייערע אייגענע אומדערמידלעכע רעדעס? אויף דער פראגע איז שווער צו ענטפערן איצט. איינס איז קלאר: שטרייטן וועט זי, דערשרעקן זיך דער־פאר, וואס זי האט ניט דעם צוטרוי פון דער דומע, וועט זי ניט, און די אלע ליבעראלן, וואס ווינטשן אן אמת'ע קאנסטיטוציע, די וואס ווילן אין אמת'ן א סוף מאכן פון דער פאליציי־הערשאפט, דארפן דאס וויסן און געדענקען, דארפן ניט פארלאזן זיך אויף ניסים, דארפן זיך אליין קלאר שטעלן די פראגע: ווי וועלן זיי זיך האלטן אין דעם קומענדיגן שטרייט?

מיטן פאלק געגן דער רעגירונג אדער אן דעם פאלק מאכן פשרות מיט דער רעגירונג — די צוויי וועגן זיינען נאר פאראן אינעם פאליטישן לעבן פון רוסלאנד, און קיין דריטער וועג איז ניטא, און אים וועט ניט אויסטראכטן די רייכסטע פאנטאזיע פון א פארברענטסטן קא־דע'ט.

מיטן פאלק געגן דער רעגירונג — דאס הייסט פון די ערשטע טריט אן, פון דעם ערשטן טאג אן, פון די ערשטע פאר ווערטער איינרייסן מיט דער רעגירונג, אפן דערקלערן, אז אלע דערוויילינע געזעצן און תקנות, וואס זי האט ביז אהער ארויסגעגעבן, זיינען אומגעזעצלעך, אז די אלע פינאנציעלע אפעראציעס, וואס זי האט דורכגעפירט, זיינען אומגעזעצלעך, אז דאס געזעץ וועגן די וואלן אין דומע, וועגן דער קאמפעטענץ פון דער דומע, וועגן די רעכט פון דעם גאסודארסטווענעם סאוועט, וועגן די רעכט פון דער רעגירונג צו מאכן הלוואות אן א דערלויבעניש פון דער פאלקס־פארטרעטונג, זיינען אומגעזעצלעך; אז דער איינציגער געזעצגעבער אין לאנד דארף זיין די פאלקס־פארטרעטונג, וועלכע דארף אויסגעקליבן ווערן ביי פולער בירגער־לעכער און פאליטישער פרייהייט אויפן גרונט פון אלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואל־רעכט. מיטן פאלק געגן דער רעגירונג — דאס הייסט דערקלערן פארן גאנצן לאנד: מיר, קא־דע'טן, זיינען ניט די פאר־שטייער פונעם פאלק, מיר דריקן אויס דעם ווילן נאר פון א טייל פונעם פאלק, און בפירוש ניט פונעם גרעסטן טייל. נאר מיר וויסן, אז א גרויסער

טייל פֿונעם פֿאָלק שטעלט אַרויס פּאָליטישע פֿאָדערונגען ראַדיקאַלערע און שאַרפֿערע, ווי מיר. מיר האָבן ניט דאָס רעכט צו רופֿן זיך פֿאַרטרעטער פֿונעם גאַנצן פֿאָלק, נאָר מיר האָבן דאָס רעכט צו דערקלערן, אַז די ממשלה פֿון דער איצטיגער רעגירונג איז געגן דעם ווילן פֿונעם גאַנצן פֿאָלק. מיר האָבן דאָס רעכט צו איינפֿירן תיכּף פֿרייהייט צו רעדן און שרייבן, פֿרייהייט צו פֿאַרזאַמלען זיך און פֿאַראייניקן זיך, דערקלערן אַלע בירגער גלייך פֿאַרן געזעץ און צוזאַמענרופֿן אַ גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿונעם גאַנצן פֿאָלק, וועלכע וועט אויסאַרבעטן די גרונט־געזעצן פֿון אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין רוסלאַנד. מיטן פֿאָלק געגן דער רעגירונג — הייסט זיך שטעלן אונטערן שוץ פֿונעם פֿאָלק, רופֿן צו הילף די פֿאָלקס־מאַסן (די קראַפֿט, ניט נאָר די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג אַליין!) געגן דער רעגירונג. מען דאַרף זיך ניט נאַרן. מען דאַרף ניט בויען קיין שלעסער אין דער לופֿטן. די זעלבסט־הערשאַפֿט וועט ניט נאָכגעבן מיטן גוטן ווילן. קעמפֿן געגן איר — דאָס הייסט אַוועקשטעלן די פֿראַגע אַלס אַ קראַפֿט־פֿראַגע, און אַזוי ווי ניט אין עטלעכע הונדערט דעפּוטאַטן איז דאָ אייגנטלעך דער כּח, ווייל ס'איז גענוג איין ראָטע סאָלדאַטן, כּדי צו מאַכן פֿון זיי אַלעמען אַ הויפֿן הרוגים, דעריבער דאַרף מען און מען מוז אָנערקענען, אַז אַנטשיידן קען דאָ נאָר די קראַפֿט פֿונעם פֿאָלק, דער כּח פֿון די מאַסן.

ס'איז אָבער דאָ אַן אַנדער וועג — דער זעלביגער, אין וועלכן ס'זיינען ביז אַהער געגאַנגען די קאַ־דע'טן: אויסמיידנדיק די פֿראַגע וועגן אמת'ן קאַמף, שטרעבן מיט ווערטער, מיט פּראָטעסטן, מיט רעזאָלוציעס, גובֿר צו זיין די גראָבע מאַכט פֿון דער אומפֿאַרשעמטסטער דעספּאָטיע. אָן דעם פֿאָלק מאַכן פּשרות מיט דער רעגירונג — דאָס הייסט זיך נעמען אין דומע פֿאַר געוויינלעכער פֿאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט, אָנערקענען די דומע אַלס אַ געזעצגעבנדע איינריכטונג אין דער מלוכה, אַריינטראָגן אַלערליי געזעץ־פּראָיעקטן (זיי מעגן זיין די ראַדיקאַלסטע און נויטיגסטע), כּדי דורכצופֿירן זיי אין דער זעלביגער דומע, שטרעבן צו פֿאַרניכטן די איצטיגע דומע און ראַדיקאַל אומבייטן די איצטיגע קאָנסטיטוציע דורך דעם אַפּאַראַט פֿון דער איצטיגער דומע גופֿא. אָן דעם פֿאָלק מאַכן פּשרות מיט דער רעגירונג — דאָס הייסט בילדן אַן אָפּאָזיציע אין דומע, רעדן די גלענצנדסטע און פֿייער־דיקסטע רעדעס און דערמיט זיך באַנוגענען, פּראָטעסטירן געגן גוואַלט־מעשים און מיינען, אַז דערמיט האָט מען דערפֿילט דעם פּאָליטישן חובֿ, פֿאָדערן רעכט און גערעכטיקייט און האָפֿן, אַז אפֿשר וועט די רעגירונג זיך פֿאַר־שעמען און זיך ווענדן אויף אַ גוטן וועג. מאַכן פּשרות מיט דער רעגירונג —

דאָס הייסט אַלעם אוועקשטעלן אויפן באָדן פון „געזעצלעכקייט‟, ניט אויפהערן צו איבער׳חזר׳ן, אַז מיר זיינען, חלילה, ניט קיין רעוואָלוציאָנערן, מיר מיינען, חלילה, גאָר ניט אומשטירצן, מיר שטרעבן ניט צו פאַרניכטן, נאָר צו בויען; דאָס הייסט — זיך דערשלאָגן קליינלעכע, נישטיגע פאַרבעסערונגען, אַ טריט נאָך אַ טריט, נאָך אַ הייסן און לאַנגן שטרייט פון ווערטער, נאָך אַ דערמידנדער מלחמה צווישן אַלערליי חומרות און שפּיצלעך פון די איצטיגע רוסלענדער „גרונט־געזעצן‟; דאָס הייסט — אָנערקענען נאָר איין גרעסטע קראַפט — די קראַפט פון געזעלשאַפטלעכער מיינונג, פאַרגעסנדיג, אַז די רוסישע רעגירונג לאַכט זיך אויס פון יעדער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אַז זי האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון דעם לוקסוס צו הערשן, כלומר׳שט, מיטן רשות פונעם פאָלק — און וויל פונדעסטוועגן פאָרט ניט אוועקגיין.

מיטן פאָלק געגן דער רעגירונג אָדער אָן פאָלק מאַכן פּשרות מיט דער רעגירונג — אויף וועלכן וועג שטייען די קאַ־דע׳טן? קוקט זיך צו צו זייער גאַנצער געשיכטע. דערמאָנט זיך זייערע אַלע רעזאָלוציעס. הערט זיך צו צו זייערע איצטיגע רעדעס, לייענט זייערע שריפטן — און איר וועט זען, אַז זיי שטייען אינגאַנצן אויפן צווייטן וועג.

אַפּריל, 1906.

פֿאַרצוויגן דעם שטריק

די זעלבסטהערשער פֿון רוסלאַנד האָבן פֿעסט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף פֿונעם פֿרייעם וואָרט. די פּרעסע דאַרף ווערן שטום, — אויב זי וויל ניט זינגען אַ שבח דער האַנט וואָס שמייסט.

ס'איז שוין אַרויס אַ נייער געזעץ—„וועגן פֿאַרשפּרייטן פֿאַלשע ידיעות". „ווער עס פֿאַרשפּרייט פֿאַלשע ידיעות וועגן דער טעטיגקייט פֿון רעגירונגס־איינריכטונגען אָדער פֿון אַ באַאַמטן, אָדער פֿונעם מיליטער, אָדער פֿונעם מיליטער־אָפּטיילונג, אויב די דאָזיגע ידיעות קענען דערוועקן צו זיי אַ פֿיינט־שאַפֿט אין דער באַפֿעלקערונג; ווער עס פֿאַרשפּרייט פֿאַלשע קלאַנגען וועגן אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דער רעגירונג, וועלכע קענען אַרויסרופֿן אַ געזעלשאַפֿט־לעכע אויפֿרעגונג, דער ווערט ווייטער באַשטראָפֿט מיט טורמע ביז 8 מאָנאַטן; ווער ס'פֿאַרשפּרייט אַזאַ חבור, וועלכער קען אַרויסרופֿן אַ פֿיינטשאַפֿט צווישן באַזונדערע טיילן אָדער קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג, צווישן שטאַנדן, אָדער צווישן באַלעבאַטים און אַרבעטער . . . ווערט באַשטראָפֿט מיט טורמע."

מיט די דאָזיגע קורצע פֿאַראָרדענונגען איז די פּרעסע פֿאָלקאָם איבער־געגעבן געוואָרן אין די הענט פֿון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע באַקומט איבער איר אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט. פֿאַר יעדער קאָרעספּאָנדענץ, פֿאַר יעדן קלאַנג, פֿאַר יעדער טעלעגראַמע, וואָס אַ צייטונג וועט אָפּדרוקן, קען מען זי רופֿן צו משפּט, און שיצן זיך וועט זי בשום אופֿן ניט האָבן בייד. ווייל אין אמת'ן, ווי וועט דאָס אַ צייטונג, למשל, קענען דערווייזן באותות ומופֿתים, אַז אַ פּאָגראָם האָט די פּאָליציי אָרגאַניזירט, הגם אַלע אין שטאָט ווייסן עס קלאָר ווי דער טאָג? ווי וועט דאָס אַ צייטונג קענען באַווייזן מיט עדות, אַז אין די אוטשאַסטקעס און אין טורמעס ווערן אָפּגעטאָן די שרעק־לעכסטע רציחות? ווי וועט זי קענען דערווייזן, אַז אַ שטראָף־אָטריאַד האָט געטויט און געפּייניגט, און געברענט און געווילדעוועט אויפֿן שענדלעכסטן אופֿן? אַלע האָבן דאָס געזען, אַלע האָבן דאָס אפֿשר איבערגעטראָגן אויף זייערע אייגענע פּלייצעס, אַלע ווייסן, אַז דער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צייטונג שרייבט אמת, און פֿונדעסטוועגן פּרוּווט באַקומען פֿעסטע עדות, אַז די זאַך איז פֿאָרגעקומען פּונקט אַזוי, ווי ס'איז געשריבן אין דער צייטונג! דאָס

איז אין א סך פאלן כלל ניט מעגלעך, ניט רעדנדיג שוין דערפון, אז אויף אזא אופן וואלט די ציימונג באדארפט האבן א גאנצע מחנה יוריסטן, וועלכע זאלן גרייט זיין וועגן יעדער שורה פון דער ציימונג פירן אויספארשונגען אויפן ארט, זאמלען באווייזן, באקומען עדות א. אז. וו., — א זאך, וואס ס'איז גאר אוממעגלעך זיך פארצושטעלן. און אחוץ אלעמען, אויב איר האט שוין יא געזאמלט ראיות און עדות, — ווער וועט דאס שטערן אונזער „משפט" (רחמנא לצלן!) צו דערקלערן, אז די ראיות דערווייזן גארניט, אז די עדות זיינען קיין עדות ניט? ווער וועט דאס קענען אויסהאלטן דעם שטרייט מיט דער אדמיניסטראציע, ווען ניט זי, נאר די ציימונג דארף באווייזן די ריכטיגקייט פון די ידיעות?

ס'איז שוין גאר ניטא וואס צו רעדן וועגן אזוינע ידיעות, וועלכע די ציימונגען באקומען פון די הויכע פענצטער דורך פארשידענע באאמטע. גיי זאג אויס, אז די און די ידיעה וועגן די מעשים פונעם מיניסטארן־ראט אדער פונעם גאסודארסטווענעם סאוועט האט איבערגעגעבן דער ציימונג דער און דער באאמטער! דער און דער מיניסטער! די ציימונג וועט דאס, פארשטייט זיך, קיינמאל ניט טאן, און דא האט דער „משפט" א מעגלעכקייט צו קוילען זי אן א שום שטערעניש.

נאך בעסער איז דער צווייטער פארבאט — ניט דערוועקן קיין פיינט־שאפט צווישן פארשידענע טיילן אדער קלאסן פון דער באפעלקערונג. דא קען מען לערנען דעם פשט אזוי, אז ס'זאל ניט מעגלעך זיין צו רעדן קיין איינציג ווארט וועגן שטרייקן, וועגן אונטערדריקונג פון ארבעטער אויף די פאבריקן, וועגן עקספלואטאציע, וועגן אלערליי מיני נידערטרעכטיגקייטן, וועגן די מעשים פון די שווארצע מאות, וועגן פאגראם־אגיטאציע, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער אן אן עק. מיט דעם פארבאט איז אייגנטלעך פארשפארט דער וועג צו דרוקן וועלכע ניט איז ידיעות פון געזעלשאפטלעכן לעבן, ווייל אין יעדער ידיעה קען דער „פליסיגער" משפט געפינען סמנים פון דערוועקן פיינטשאפט צווישן קלאסן. און אז ער וועט זיך ניט פוילן דאס צו טאן, דערין איז ניטא קיין שום צווייפל.

„א געזעץ צו פארהיטן די באאמטע געגן פרייען ווארט פון דער פרעסע", — אזוי דארף הייסן דער נייער געזעץ.

וואס וועט זיין דער פועל־יוצא? די פרעסע האט שוין איבערגעלעבט געגנוג שווערע טעג. ס'איז געווען סיפיאגינ'ס צייטן, פלעווע'ס צייטן. דאס פרייע ווארט האט דאך אלץ ניט געשוויגן. ווען אויבן, אויף די ציילן פון די לעגאלע ציימונגען איז געווען טויט און שטום, ווי אויף א בית־עולם, האט

אונטן די אומלעגאַלע פּרעסע געפירט אַ לעבעדיגע אַרבעט, געקעמפט און גע־וועקט פון שלאָף. איצט פאַרטרייבט מען ווייטער דאָס וואָרט פון אמת פון די לעגאַלע צייטונגען. מילא! דאָס פרייע וואָרט וועט דאָס ניט דערשרעקן. וועט מען דאַרפן אַראָפּ צוריק אין באַהאַלטענע ערטער, וועט עס דערפאַר זיך ניט אָפּשטעלן. קלינגען וועט עס, און וועקן וועט עס! און ווען ס'וועט ווייטער אַרויסגיין אַרויף, און דאָס וועט פאָרקומען גאַנץ גיך, וועט עס זיין נאָך שטאַרקר און נאָך קלינגענדיגער, ווי ביז אַהער.

אַפּריל, 1906.

אין טאַווערישן פּאַלאַץ

צום טאַווערישן פּאַלאַץ איז ניט ווייט. איך גיי מיט אַלעמען גלייך. אויפן טראָטואַר ציט זיך אויס די גאַנצע גרופּע פון אַ מאַן פופציג־זעכציג. איך קוק זיך אַרום. צי וועל איך ניט באַמערקן כאָטש אייניגע נייגעריגע, וואָס ווילן אָנקוקן די „פאָלקס־באַפרייער"? ניין, ס'איז אַלץ רואיג אַרום און אַרום. דער קאַלטער, וואָכעדיגער פּעטערבורג טוט זיך זיין געוויינלעכע אַרבעט. אויפן ווינקל גאַס שטייט דער גאָראָדאָוואָי און כאַפּט פליגן. איזוואָזשטשיקעס זיצן און דרעמלען אויף זייערע דראָזשקעס. אין דער וואָרעמער לופט פליט אַרום אַ דינער שטויב און לייגט זיך אויף אַלצדינג. גרויע הייזער־קאַזאַרמעס שטייען און קוקן עפּעס מאָדנע ברוגז.

מיר גייען. די דעפּוטאַטן שווייגן מער. אַלע פילן זיך עפּעס ניט אַזוי רואיג. איך דערמאָן מיך ניט־ווילנדיג, ווי מען האָט אונז, אַ גרופּע אַרעס־טאַנטן, איבערגעפירט פון אַנטאָקאָלע אין לוקישקער טורמע. ס'איז אויך געווען אַ זומער־טאָג. ס'איז אויך געגאַנגען שווייגנדיג אַ מאַן פופציג־זעכציג איבער די רואיגע גאַסן פון דער שטאָט. דער „גייסט" פון אַ זשאַנדאַרם שוועבט דאָ איבער אַלעמען אפשר ניט ווייניקער ווי דעמאָלט, כאָטש מיר גייען אָן אַ קאָנוואָי.

:: :: ::

אָט איז דער טאַווערישער פּאַלאַץ. דער הויף פאַרן פּאַלאַץ איז פאַרוואָרפן מיט קופּקעס ערד, קאַלך, שפּענדלעך, מיסט, ווי אומעטום לעבן אַ בנין וואָס האַלט זיך אין בויען. עס דרייען זיך אַרום אַרבעטער, סאָלדאַטן. קיין פּאָליציי איז ניטאָ, — און דאָס וואונדערט מיך ניט ווייניג. ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, האָט מען אין דער צייט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ עולם.

דער פּאַלאַץ אַליין, — אַ ווייסער, לאַנגער און נידעריגער בנין איז עפּעס ווי צוגעפּלעטשט צו דער ערד, גיכער ענלעך צו אַ הויפּט־קוואַרטיר פון אַ מיליטער־שטאַב אָדער צו אַ „פּריסוטסטוויע" אין אַ גובערנסקע שטאָט, איידער צו אַ פּאַלאַץ. עפּעס פילט זיך דאָ אַ יתום'שאַפט, אַ פּוסטקייט און אַן עלענדקייט...

מיר גייען אריין אינעווייניג. אלץ ווי אין א נאר־וואס אויסגעבויטער דירה. עס שמעקט מיט פרישע פארב. ארבעטער דרייען זיך ארום. עס ליגן אנגעלייגט אין איין צימער עפעס ברעטער, אינעם אנדערן — טישן און שטענדערס אן א שום ארדענונג. אין קאנצעלאריע לינקס פונעם אריינגאנג זיצן טשינאווניקעס און גיבן בילעטן די מיטגלידער פון דער דומע. איך קוק אויף די טשינאווניקעס און איך שפיר א מאדנע עסטעטיש געפיל. אט די חברה פילן זיך דא אויפן ארט. זיי פאסן צו דער גאנצער אומגעבונג, אז מען דארף גארניט בעסער. קוקט זיי אן: אזוינע אויסגעבערשטלטע, אויסגעפוצטע, אויסגעגלעטע, — ממש א מחיה; די פראקן ליגן ווי אויסגעגאסן. די ווייסקייט פון די העמדער איז עפעס אזא שטרענגע, א סאלידע, אז איר דערשפירט מיט אמאל אן אפשיי, די זילבערנע שטערנס אויף די פראקן פינקלען גאר א פראכט. און דער שמייכל! און די העפלעכקייט! פשוט — האניג זים.

:: :: ::

מיר גייען איבער דעם פאר־זאל — א גאנץ שיינעם און פרעכטיגן צימער, מיט א פולע ליכטיגקייט, מיט הויכע ווייסע קאלאנעס, און גייען אריין אין דעם זאל פון זיצונגען. דער זאל איז נידעריג און ענג. ער איז אינגאנצן פארנומען מיט שטענדערס פאר די דעפוטאטן און מאכט אזא איינדרוק, אז ס'איז אין אים ניטא וואו זיך א ריר צו טאן. כאטש עס שיינט אין דרויסן די זון און ס'איז האלבער טאג, איז פונדעסטוועגן אין זאל האלב־טונקל. אין א כמארנעם טאג אבער ווינטער איז אין אים מסתמא אזוי פינצטער, אז ס'איז שווער צו לייענען.

דער זאל איז נאך ניט פארענדיגט. עפעס מאכט ער אן איינדרוק, ווי אויף קאטאוועס. דעם אמת מוז איך זאגן: עס מאכט אויף מיר אלץ דא אן איינדרוק, אקוראט ווי מען מיינט ניט ערנסט, אקוראט ווי אלע ווייסן אז ס'איז אויף קאטאוועס, נאר זיי ווילן דערפון קיין וועזן ניט מאכן. אויף קאטאוועס דער זאל, אויף קאטאוועס די דעפוטאטן, אויף קאטאוועס דער קלוב, אויף קאטאוועס דער צוזאמענפאר, אלץ נאר אזוי אויף דער ווילע...

די שטענדערס זיינען אויסגעשטעלט אין האלב־קיילעכדיגע רייען, איין רייע העכער פון דער אנדערער. די שטולן זיינען שמאל, מחמת ס'איז ניטא קיין ארט. א ביסל א דיקערער פריץ וועט זיך פילן ניט אזוי בהרחבה'דיג. פאר די שטענדערס, אין דער אנדערער זייט, שטולן פאר די מיניסטארן. פאראויס — א קאפעדרע פאר די רעדנער. איבער דער קאפעדרע הינטן —

א גרויסער פּאָרטרעט פונעם קיסר. פּאַרנט, נידעריגער, א גרויסער צוויי־קעפּיגער אָדלער אויסגעשניצט פון האָלץ.

פאַר דעם פּובליקום העט ווייט פון אויבן, הינטער אַלע שטולן, ניין לאָזשעס, אין יעדער קען אריין א מאן פינף־זעקס.

:: :: ::

די דעפּוטאטן האָבן זיך פארזאמלט אין זיצונגס־זאל. מען פארנעמט ערטער. פונקט ווי זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, זעצן זיי זיך אַלע אויף דער לינקער זייט. יעדער לייגט אויף זיין שטענדער א פּאפּירל מיט אַן אויפשריפט, דאָס אָרט איז פארנומען. איך שטיי אונטן און באטראכט זיי. אָט איז די מאסיווע פיגור פון פּראָפעסאָר קארעיעוו, ער האָט פארנומען דעם סאמע לינקסטן אָרט. א ביסעלע נידעריגער — קעדרין, דאָלגאָרוקאָוו, — אַלץ באַקאנטע לייט אין דער קאַ־דע׳טישער פּארטיי.

מען רעדט. מען וויצלט זיך. פונקט ווי אינגלעך אין חדר ווען דער רבי שלאָפט.

— צו שמאָלע שטולן — זאָגט איינער, — ווען איך זאָל א ביסל פעטער ווערן וואָלט מיר שוין זיין צו ענג.

— האָט ניט קיין דאגה — ענטפערט א צווייטער, — איר וועט דאָ ניט זיצן אזוי לאַנג ביז איר וועט פעט ווערן.

איינער קריכט ארויף אויפן קאפעדרע און פּרואווט רעדן. מען באקוקט אָלעס, מען טאַפּט מיט די הענט.

איינער האָט זיך געהאט געזעצט אויף דעם עקסטן אָרט פון לינקער זייט, נאָכדעם האָט ער חרטה געהאט און זיך איבערגערוקט אויף א פּאָר ערטער רעכטס.

— ס׳פּאסט עפּעס ניט, — זאָגט ער צו איינעם א שכן. עס וואָלט זיין צופיל טענדענציעז.

:: :: ::

איך גיי ארויס פון פּאלאץ. אין דער טיר שטייען שוין צוויי פּאָליציייאישע טשינאָווניקעס און באקוקן אָלע, וואָס גייען ארויס. אין פאַר־זאל האָב איך באגעגנט א זשאנדארמסקן פּאָלקאָווניק, וואָס האָט ערגעץ געאיילט מיט אַן ערנסטער מינע. אין הויף איז געשטאנען צוויי גאָראָדאָוואָיעס...

. . . איך נעם א דראָזשקע און פאָר אויפן ברעג פון דער ניעווא. אין

גאָס איז שטיל. די דראָזשקע גליטשט זיך אויף די גומענע רעדער. אָן גערויש. עס שטייט אַ רייע הייזער — טונקעלע, רויטע, גרויע, געלע, און קוקן אַזוי פאַרטראַכט אויפן טייך. קיל. דער טייך גיסט זיינע כוואַליעס. שיפלעך גליטשן זיך שנעל.

אויף יענער זייט טייך הויבן זיך פון דער וואַסער גרויע שטיינערנע ווענט. זיי זיינען גלאַט און ערטערווייז פאַרוואַקסן מיט שימל. עפּעס ווי פאַר'עקשנ'טע, בייזע און קאַלטע זעען זיי אויס אונטער דער ליכטיגער זון. דאָרט איז די פּעטראָפּאַלאָווסקע פעסטונג...

אַ שווידער גייט איבער איבערן לייב. דאָרט זיצן זיי — די אמת'ע אויסדערוויילטע, די אמת'ע פריינט פונעם פאָלק. ענגע תפיסות. פעסטע מויערן. שטאַרקע טירן. שטרענגע וועכטער. די זון שיינט ניט אין זייערע קעלערס.

מאַי, 1906.

אין טאַורישן פּאַלאַץ

(שטריכן)

— מאָרגן עלף אזייגער בעטן מיר די מיטגלידער פון דומע, וואָס געהערן צו דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, זיי זאָלן קומען אין ק.־ד. קלוב, כדי פון דאָרט צו גיין אין טאַורישן פּאַלאַץ.

אזוי ענדיגט דער פּאָרזיצנדער אויפן צוזאַמענפאָר פון די קא־דע'טן דעם דריטן טאָג פון דער זיצונג.

איך בין ניט קיין קא־דע'ט, איך בין ניט קיין מיטגליד פון דומע, נאָר אַ פּשוט'ער קאָרעספּאָנדענט, און קאָרעספּאָנדענטן זיינען ביי די קא־דע'טן ניט קיין גרויסע חשובים, און פּראָלעטאַריער נאָך וויניגער. פונדעסטוועגן באַשליס איך צו גיין אין קלוב אריין און פון דאָרט, אויב עס וועט זיין מעגלעך, צוזאַמען מיט די דעפּוטאַטן אין טאַורישן פּאַלאַץ.

דער קלוב איז נאָך ניט אין פולער אָרדענונג. אָקאָרשט אויסגעווייסט. די פּאָלן פאַרשמירט מיט קאַלך. קיין מעבל ניטאַ. ווען איך גיי אריין, שטייען שוין אין די זאַלן הייפלעך דעפּוטאַטן און פירן לעבעדיגע שמועסן.

מענטשן, ווי מען זאָגט, פון „כל מאמינים שהוא". דאָ האָט איר אַ פריץ אין טייערע קליידער מיט אַ זאַטן, פעטן פּרצוף און מיט אַ פיין בייכל. אזוינע איז גראָדע דער גרעסטער טייל. נאָר איך באַגעגן דאָ אויך אַ טיפּישע צורה פון אַ פּויערשן אינטעליגענט און פון גאַנץ איינפאַכע, געוויינלעכע פּויערים.

עס הערט זיך ערטערווייז אַ הויכער געלעכטער, די „אדונים" רעדן זיכער און מיט אַ פעסטער שטימע. די פּויערים פילן זיך עפּעס ניט זייער שטאַרק היימלעך און זיינען צופרידן, אַז אימיצער ווענדט זיך צו זיי מיט אַ וואָרט.

איך מיש זיך אריין אין אַ גרופּקע פון פּויערים. די פּויערים זיינען אָנגעטאָן מעשה יום־טוב, אין ריינע סוויטעס און אין הויכע גלאַנצנדיגע שטיוול דווקא מיט קאַלאָשן אויף די שטיוול, הגם ס'איז אין דרויסן זייער טרוקן און וואַרעם.

מען שמועסט וועגן דער אַגראַר־פראַגע. די פראַגע שטייט איצט אויפן

טאגעס־אָרדענונג ביי די קאַ־דע׳טן אויפן צוזאַמענפאָר, אחוץ דעם ווערט זי אַרומגערעדט אויף אַ באַזונדערער באַראַטונג פון די פויערשע דעפּוטאַטן.

— איך זאָגט: אויסאַרבעטן אַ פּראָיעקט מכח ערד פאַר די פויערים. נו, גוט. די דומע, לאָמיר זאָגן, האָט שוין אויסגעאַרבעט אַזאַ פּראָיעקט. איצט דאַרף מען אים ערשט אַריינטראָגן אין גאָסודאַרסטווענעם סאָוועט. וואָס זשע וועט זיין, אַז דער גאָסודאַרסטווענער סאָוועט וועט נישט וועלן אָננעמען דעם דאָזיגן פּראָיעקט?

— דאַן וועט מען מוזן זיך ווענדן מיט אַן אויפרוף צום פאָלק, אַז ער זאָל העלפן.

— אַן אויפרוף! אָט נעכטן האָט מען אויפן קאַ־דע׳טישן צוזאַמענפאָר אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע וועגן אַן אויפרוף, איז זי טאַקע ניט אָנגענומען געוואָרן.

— דאָס איז אַן אַנדער זאַך. דאָ האָט מען פאַרגעלייגט אַן אויפרוף אינעם נאָמען פון דעם צוזאַמענפאָר, דעמאָלט וועט דער אויפרוף אַרויסגעבן די גאָסודאַרסטווענע דומע.

— און וואָס זשע וועט באַשטיין די הילף פונעם פאָלק?

— דאָס וועט מען שוין זען אויפן אָרט, ווען ס׳וועט קומען דערצו.

אין שמועס מישט זיך אַריין אַ „פריץ״ און איך גיי איבער צו אַן אַנדער גרופּע.

דאָ קומט מיר אויס צו רעדן מיט אַ דעפּוטאַט פון פּאָלטאַווע — אַן אַרבעטער.

אויף די אַרבעטער אין דומע איז אַן אמת׳ער רחמנות, עפּעס זיינען זיי דאָ ווי שטיפקינדער, — ניין, נאָך ערגער, עפּעס זיינען זיי דאָ אַ מין זייטיגער טאָן אין אַ מעלאָדיע, עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳פּאַסט גאָרניט, וואָס ס׳רייסט דעם אויער...

מיר רעדן וועגן דער צעשפּאַלטונג אינעם קאַ־דע׳טישן לאַגער.

— עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, — זאָגט ער, — דער צענטראַל־קאָמיטעט האָפט, אַז אַלץ וועט זיין רואיג און פיין. ער וויל דעריבער ניט נעמען קיין צו שאַרפן טאָן. אָט האָט מען דאָך אָפּגעזאָגט וויטע׳ן און דורנאָוואָ, דאָס איז פאַרט אַ שטיקל סימן, אַז די רעגירונג רעכנט זיך מיט דער דומע.

— הייסט עס, לויט אייער מיינונג, האָט מען זיי ניט אָפּגעזאָגט, כדי צו פאַרהיטן זיי פון אומאַנגענעמע צופאַלן אין דומע? אפשר באַהאַלט מען זיי אויף אַזאַ אופן פונעם משפּט?

— באהאלטן וועלן זיי זיך סיי־ווי ניט באהאלטן. צום משפּט וועט מען דאַרפן שטעלן אַלע הענקער און מערדער.

— איר זאָגט, די רעגירונג רעכנט זיך. קוקט זיך צו, וואָס ס'טוט זיך אין לאַנד. די מערדערייען הערן ניט אויף.

— די רעגירונג וועט מוזן פאַלגן.

—און אַז ניט?

— וועלן מיר פאַנאַנדערלאָזן די דומע.

— לויט געזעץ טאָר מען דאָס ניט. די דומע דאַרף דאָך אַרבעטן לויט די עקזיסטירנדע געזעצן.

— מיר זיינען אַליין דער געזעץ. און וואָס די דומע וועט וועלן, דאָס וועט זי טאָן.

— די קאַ־דע'טן האָבן אַן אַנדער מיינונג. איר זייט דאָך אויך, דאַכט זיך, אַ קאַדעט.

— איך בין אַ קאַדעט אויף דער ווײַלע. וועל איך זען, אַז זיי זיינען אין דומע צו רואיג און געלאַסן, וועל איך באַלד אַרויס פון דער פּאַרטיי.

אין זאַל רוישט. רעדנדיג, גייען מיר אַרויס אויפן באַלקאָן. פאַר די אויגן ליגט דער טאַווריטשער גאָרטן. זיינע יונגע, גרינע בלעטלעך באָדן זיך אין דער פרילינג־זון.

מאַי, 1906.

די חתונה

(גאָסן-בילדער אין פּעטערבורג דעם 27טן אַפּריל)

איך זיץ אויפן דאַך פון דער קאָנקע און קוק אויף דער שטאָט. סמנים פון יום־טוב לאָזן זיך ניט מערקן. דער וואָכעדיגער פּעטערבורג לעבט זיך מיט זיין געוויינלעכן לעבן. די מאַגאַזינען זיינען אָפן. קיין גרויסער עולם איז ניטאָ. נאָר ערטערווייז הענגען פאָנען, קויטיגע, אָפּגעבליאַקעוועטע, און זעען אוים אזוי לעבעדיג אין דער העלער ליכטיגקייט פון דער זון.

אז די בורזשואַזיע האָט היינט חתונה מיטן אבסאָלוטיזם, באַווייזן נאָר אַטריאַדן סאָלדאַטן, וואָס פאָרן ארום איבערן שטאָט אין אלע זייטן.

איך קוק און טראַכט מיר: ס'אַרא פּאַרשידענע סאָרטן סאָלדאַטן זיינען דאָ אין רוסלאַנד! איך, א פּראָווינציאַל, האָב גאָר קיינמאָל אזוינע מינים ניט געזען.

אויף ניעווסקע איז דאָס זעלביגע געוויינלעכע לעבן, וואָס שטענדיג. נאָר א פּאָר מאָל האָב איך באַגעגנט צו האַלבע מאות קאָזאַקן און אייניגע מאָל זיינען דורכגעפאָרן עסקאַדראָנען דראַגונער. וואָס ווייטער איך גיי צום פּלאַץ פאַרן ווינטער־פּאַלאַץ, ווערט אַלץ געדיכטער דער עולם. איבערן גאַס פאָרן צום ווינטער־פּאַלאַץ קאַרעטן, — איין קאַרעט נאָך דער צווייטער. איך קוק און וואונדער זיך ווייטער אמאָל: וויפיל גענעראַלן איז דאָ אין פּעטערבורג און וואָס פּאַרא משונה'דיגע קליידער מען האָט אויסגעטראַכט פּאַר די אַלערליי גענעראַלן: גאָלדענע מאַנטלען, גאָלד אויף די היט, גאָלד אויף די הויזן, גאָלד אויף די קראַגנס. עס בליצט און עס בלאַנקט. דער פּנים — שטרענג, דער קוק — פייער. צווישן די קאַרעטן פאָרט דורך ווען ניט ווען א דראָזשקע מיט דעפּוטאַטן פון דומע. זייערע פּנים'ער זיינען אומנאַטירלעך געשפּאַנט און אין די אויגן א מאָדנער ערנסט: קענטיג, אז זיי פילן זיך א ביסל לאַ־עליכם'דיג אין א קאָמפּאַניע פון אזא גרויסער צאָל גאָלד־געוועבטע גענעראַלן. די פּוילישע דעפּוטאַטן פאָרן פאַרביי און קוקן פאַרוואונדערט אויפן עולם.

דער פּלאַץ פאַרן ווינטער־פּאַלאַץ און די גאַסן ארום אים זיינען פעסט ארומגעצאַמט מיט פּאָליציי־לייט, אזוי, אז קיין פליג וועט, דאַכט זיך, ניט דורכפליען. אין דער ברייט פון די גאַסן האָט מען אויסגעשטעלט ראָגאַטקעס.

לעבן זיי, לעבן יעדן שפּעלטעלע שטייען פּאָליציאַנטן א פּלייצע צו פּליצע און לאָזן קיינעם ניט דורך. זשאַנדאַרמען אויף פערד היטן די אָרדענונג. ס'הערט זיך פון אַלע זייטן דער באַקאַנטער רוסישער „אָסאַדי! אָסאַדי!" פּריס־טאַוועס און זייערע געהילפן שטופּן די פּובליקע פון גאַס אויף די טראָטואַרן. ווען עס העלפן ניט זייערע דרינגענדע „בקשות", פּאָרט זיך דורך א זשאַנדאַרם און צעטרעט שיעור ניט מיט די פיס פון זיין פערד די אומפאַרזיכטיגע צושויער.

קיין עולם קיין גרויסער איז אייגנטלעך ניטאָ. אַזוי, עטלעכע הונדערט ליידיק־גייער שטייען און קוקן אויף דער אומגעוויינלעכער דערשיינונג. קיין אַרבעטער איז ניט צו באַמערקן. מער פון אַלע איז פאַראַן סטודענטן, סטו־דענטקעס, פאַרשידענע אינטעליגענטן, וואו ניט וואו א פּריקאַזטשיק פון א קלייט, א דוואָרניק, א סאָלדאַט. מען באַקוקט די דורכפאָרנדע גענעראַלן און מען זאָגט אַרויס וועגן זיי פאַרשידענע מיינונגען. די דעפּוטאַטן דערוועקן א סך א קלענערן אינטערעס.

די זון בראָט. קיין איינציגער בלאָז פון א ווינטעלע לאָזט זיך ניט פילן. עס איז לאַנגווייליג און טויט צווישן עולם. נאָר די פּאָליציסטן טשעפּען זיך און לאָזן ניט שטיין רואיג. עס דאַכט זיך זיי אַלץ, אַז ס'איז א „אומ־אָרדענונג", כאָטש דער עולם איז מיד און שלעפעריג און מיינט גאָרניט מאַכן קיין „בונט".

איך וואַרף אַן אויג דורכן טויער פון גענעראַל־שטאַב. דער פּלאַץ פאַרן ווינטער־פּאַלאַץ איז ליידיג און פּוסט. דאָרט זעט אויס ווי א קליין שטעטל שבת נאָכן עסן. נאָר אין צוויי ערטער זע איך עפּעס א רויטן און א געלן פלעק. איך קוק זיך איין א ביסל בעסער. דער רויטער פלעק איז אַן אָטריאַד סאָלדאַטן מיט רויטע קליידער און מיט לאַנגע רויטע פּיקעס; דער געלער — הוסאַרן אין געלע, מיט גאָלד־געוועבטע קליידער און מיט געלע זאָטלען אויף די פערד.

אין גאַס איז שטיל. קיין סימן פון אויפרעגונג, קיין לעבעדיגע באַוועגונג, קיין שיין פון באַגייסטערונג. עטלעכע הונדערט עקשנים שטייען שווייגנדיג און בראָטן זיך אויפן זון, אַקוראַט ווי אימיצער האָט זיי געדונגען.

:: :: ::

ס'איז שוין האַלב־דריי. פיר אַזייגער וועט זיך אָנהויבן די זיצונג אין דומע. גלייך פון דעם ווינטער־פּאַלאַץ וועלן די דעפּוטאַטן פאָרן אַהין־צו און דאָרט אָפּהאַלטן די ערשטע זיצונג. איך גיי אַרויס פון אַן אַנדער זייט

און נעם זיך גיין אויפן ברעג פון דער ניעווא צום טאווערישן פאלאץ. אויף די טראָטוארן שטייען קופּקעלעך מענטשן און באַקוקן אַלעמען, וואָס פאָרן פארביי. איינציגע גענעראַלן רופן אַרויס קריטישע באמערקונגען.

— ס'אַראַ זאַטע זיי זיינען! — הער איך הינטער מיר אַ שפּאָטישע שטימע. איך קוק זיך אַרום, עס שטייען אַ פּאָר אַרבעטער און באַגלייטן מיט די אויגן אַ דיקן בייכיגן גאָלד־געשטיקטן גענעראַל מיט זיין ניט ווייניגער דיקער און ניט ווייניגער אויסגעפּוצטער פּלונית'טע.

צום טאווערישן פאלאַץ איז נאָך ווייט. איך האָב מורא צו פאַרשפּעטיגן דאָס אָנקומען פון די דעפּוטאַטן. איך נעם אַ דראָזשקע און פאָר. מיין פורמאַן איז אַ יונגער שייגעץ פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציג.

— צו דער דומע! — זאָג איך אים.

— צו וועלכער דומע?

— צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע. וואָס הייסט, דו ווייסט גאָרניט? עס לאָזט זיך אויס, אַז ער הערט וועגן דער דומע דאָס ערשטע מאָל.

— לייענסט גאָר קיינמאָל קיין ציימונגען ניט?

— איך האָב קיין צייט ניט צו שלאָפן, ניט נאָר צו לייענען ציימונגען.

איך דערצייל אים, וואָס איז אַזוינס די דומע און ווייז אים אָן די דעפּוטאַטן, וואָס פאָרן פאַרביי.

— עט, — מאַכט ער מיט אַ שאָקל מיטן בייטש. — דו זאָגסט: פּויערים. וואָס וועט אַ פּויער קלעקן געגן אָט די אַלע פריצים?

:: :: ::

די גאָס, וואו עס שטייט דער טאווערישער פּאַלאַץ, וואָלט איך אָנגערופן אַ גאָס פון קאַזאַרמען. גאַנצע שורות קאַזאַרמען ציען זיך דאָרט איינע נאָך דער אַנדערער, און עס דאַכט זיך איך, אַז אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אין פּעטערבורג שמוציגעס, גרוי־לאַנגווייליגעס און אומעטיגעס — איז פאַרזאַמלט אין די אַלע בנינים אַרום און אַרום. דער פּאַלאַץ אַליין איז אויך אייגנטלעך נאָך דעם אויסזען זיינעם ניט מער, ווי אַ קאַזאַרמע.

פאַרן פּאַלאַץ, אויפן אַנדערן טראָטואַר, געפין איך שוין אַ גרופּע פון אַ מאַן דריי־פיר הונדערט. מען שטייט אָן באַוועגונג און מען קוקט. די זעלבע גלייכגילטיגקייט, די זעלבע לאַנגווייליגע שטימונג. פּונקט ווי אימיצער נויט זיי.

דעם „פּאַלאַץ" האָט מען שוין אַ ביסל אויסגעפּוצט. אין הויף האָט מען אויסגעקערט דאָס מיסט און די שפּענדלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט נאָך פריער מיט אַ פּאָר טעג. אויפן טראָטואַר און אין הויף שטייען

עטלעכע פּריסטאַוועס און זייערע געהילפֿן אין יום־טובֿ׳דיגע קליידער און מיט מעדאַלן אויף די הערצער. זיי קוקן פֿאַרדעכטיג אויפֿן עולם און עס געפֿעלט זיי ניט, וואָס ער איז דאָ. גאָראָדאָוואָיעס טרייבן די נייגעריגע פֿון די שטאַכעטן אַרום הויף, רייטנדיגע זשאַנדאַרמען מאַכן מאַנעוורען אויף זייערע פֿערד און לאָזן ניט שטיין אויפֿן גאַס, ווי עס געהערט צו זיין.

עס הייבן זיך אָן ווייזן איינצלנע דעפּוטאַטן. מען לאָזט זיי דורך, נאָר דערביי קוקט אַ זייער שטרענגער קאָנטראָל. זייערע דראָזשקעס אין הויף אַריין לאָזט מען ניט אַריין. זיי מוזן זיך אָפּשטעלן ביים טויער און פֿון דאָרטן גיין צו פֿוס צום אַריינגאַנג. אין דער זעלבער צייט פֿאָרן צו גענעראַלן און קאַמער־הערן און פֿאַר זיי עפֿענען זיך ברייט די טויערן און לאָזן זיי אַריין צוזאַמען מיט די קארעטן.

עס ווערט מער עולם. און בערך וואַקסט די צאָל פֿון פּאָליציי. אַלעס איז דערווײַלע נאָך רויִק. מען באַקוקט די דעפּוטאַטן.

— קוק, קוק! — זאָגט נעבן מיר איינער פֿון פּובליקע צום צווייטן — פּונקט אַזאַ פּויער ווי מיר אַלע. און גיי ווייס, האָט מען אים גאָר אויסגעקליבן פֿאַר אַ דעפּוטאַט.

— נישקשה, האָב ניט קיין דאגה. מסתמא האָט ער גענוג שׂכל, אַז דאָס פֿאָלק האָט אים אויסגעקליבן.

עס פֿאָרט צו מוראָמצעוו. דער עולם באַגריסט אים מיט אַ „הוראַ״, נאָר אין דעם געשריי אַליין איז ניטאָ קיין פֿייער, קיין התפּעלות.

שפּעטער אַ ביסל גייען צו אַ גאַנצע גרופּע פֿון אַ מאָן דרייסיג פּויערישע דעפּוטאַטן. זיי זיינען וואַרשיינלעך געגאַנגען פֿון ווינטער־פּאַלאַץ צו פֿוס, מען רינגלט זיי אַרום פֿון אַלע זייטן. מען שרייט הוראַ.־ מען מאַכט מיט די היט און מיט די טיכל. עס ווערט אַ ביסל לעבעדיגער.

דער עולם ווערט גרעסער און גרעסער. ס׳איז שוין דאָ עטלעכע טויזנט פֿאַרשוין. עס הייבט אָן ווירקן דער אינסטינקט פֿון דער מאַסע. נעבן מיר שטייט מיינער אַ באַקאַנטער, אַ מיטאַרבעטער פֿון אַ בולגאַרישער צייטונג. איך ווייס, אַז ער קוקט אויף דער דומע גאָר מיט אַ קליינער האָפֿענונג, פּונ־דעסטוועגן, אַז מען שרייט הוראַ, הייבט ער אויך אָן רייסן דעם גאָרגל און פֿילט זיך, ווי אַ פֿיש אין וואַסער.

עס ווערט ענג. איך דראַפּע זיך אַרויף אויף די שטאַכעטן און שטיי אין דער הויך, כדי צו זען בעסער, וואָס ס׳טוט זיך. נעבן מיר שטייט אַן אַלטער אויסגעדינטער פּאָלקאָווניק און אַ פּאָר פּריצים׳לעך — קענטיג זייער

ווייניג אינטעליגענטע. מען שמועסט וועגן דעם, אז אויף דעם פּאַלאַץ איז אַפילו ניטאָ קיין פאָן.

— יאַ, מען באַליידיגט, מען באַליידיגט די פאָלקס־פאַרטרעטער, מען פאַרקלענערט זייער ווערט, — טענה'ט דער פּאָלקאָווניק און שאָקלט מיטן קאָפּ, — ניט אַזוי האָט מען זיך באַדאַרפט מיט זיי באַגיין.

— ווי דען, מיינט איר, האָט מען באַדאַרפט טאָן?

— באַדאַרפט די טראָן־רעדע האַלטן דאָ. באַדאַרפט ווייזן די באַדייטונג פון אָט־דעם אָרט. ס'איז דאָך עפּעס ניט קיין געוויינלעך אָרט. דאָ וועלן זיצן די אויסגעקליבענע פונעם פאָלק.

— נאָר גאָרניט, נישקשה, — רעדט ווייטער דער זעלבער פּאָלקאָווניק,— זיי וועלן נאָך ווייזן, ווער זיי זיינען, און מיט וועמען מען האָט דאָ צו טאָן.

די געשרייען „הורא" הויבן זיך אויף און ווערן אָפּגעשוואַכט יעדע מינוט. אין דער מאַסע פילט זיך ניט יענער שטראָם פון באַגייסטערונג, וואָס כאַפּט אַרום אַלע און מאַכט פון אַלע איין מענטש מיט איין נשמה און איין געפיל.

פון דער הויך קען איך גוט זען, וואָס עס קומט פאָר. עס שרייען און מאַכן מיט די היט ניט מער פון הונדערט־צוויי־הונדערט מאַן. צווישן עולם איז אפשר אַ העלפט — סטודענטישע בלויע היטלען, אַ מאַסע אינטעליגענציע און כמעט קיין איינציגער אַרבעטער.

די געשרייען „הורא" ווערן ביסלעכווייז פאַרביטן אויף די אויסגעשרייען „אַמנעסיע".

עס קומט אָן ראָדיטשעוו. די געשרייען ווערן העכער. מען פּלעסקעט בראַוואָ, מען שרייט: „ראָדיטשעוו, אַמנעסטיע! ראָדיטשעוו, אַמנעסטיע!"

מיט די זעלבע געשרייען באַגריסט מען די איבעריגע דעפּוטאַציע. עס קומען אָן קאַרעטן מיט טשינאָווניקעס. מען באַגעגנט זיי מיט אַ פּיפּעריי און מען שרייט: „נידער מיט דער ביוראָקראַטיע!"

נאָר דאָס אַלץ עפּעס אָן לעבן, אָן אַ ברען, זאָלן מיר מוחל זיין די מאַני־פעסטאַנטן, נאָר מיר האָט דאָס זייער דייטלעך דערמאָנט די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין פילע שטעט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה.

אַזוי דויערט אַ שטיקל צייט. געשרייען: „אַמנעסטיע!" „הורא!" פאַר די דעפּוטאַטן און פּיפּערייען פאַר די „ביוראָקראַטן".

דאָס הויבט שוין אָן שמעקן מיט „קראַמאָלע". פּאָליציי האָט שוין קיין פּיס ניט, טרייבנדיג דעם עולם פון די שטאַכעטן. קיינער וויל ניט פּאָלגן. פּלוצים באַווייזן זיך פון ביידע זייטן אָטריאַדן סאָלדאַטן: פון איין זייט

הוסארן אין גאָלד־געשטיקטע יאַקן, פון דער אַנדערער — קאַזאַקן. זיי טשעפּען קיינעם ניט, נאָר זיי הויבן אָן מאַכן מאַנעווורעס צווישן דער געדיכטער מאַסע. מען קוקט ניט, מען טרעט אויף די פיס, מען שטופּט און מען שטויסט אָן רחמנות.

דער עולם ווערט אויפגערעגט. די שטימונג ווערט מיט א מאָל א גע־שפּאַנטע. ווען די קאַזאַקן פאָרן פאַרביי, פייפט מען און מען שרייט עפּעס אומצופרידענע ווערטער. די קאַזאַקן טוען זיך פּלוצים א לאָז מיט דער גאַנצער געשווינדקייט אין דער געדיכטער מאַסע. עס ווערט א לויפעניש, א שטיקעניש. איינציגע פאַלן. די קאַזאַצקע פערד האָבן צוויי פאַרוואונדעט. איינעם האָט א פערד מיט די פיס צעריסן דעם בויך. מען האָט אים אַוועקגעטראָגן אין דעם נאָענטן הויף פונעם וואַסער־טורעם.

איך טו א קוק אויפן הויף פונעם פּאַלאַץ. דאָרט שטייען אויסגעשטעלט צוויי ווזוואָדן סאָלדאַטן מיט ביקסן (די קאַזארמע איז אין דעם זעלביגן הויף, וואָס דער פּאַלאַץ: דער פּאַלאַץ גלייך אַנטקעגן, די קאַזארמע רעכטס), איין ווזוואָד מיטן רוקן צום פּאַלאַץ, די אַנדערע — מיטן רוקן צו דער קאַזארמע. די פּאָליציסטן ווערן עזות'דיגער און טרייבן שוין גאָר מיט גרויס רוגזה. הינטערוויילעכס זשאַלעוועט מען ניט א רוסישע ברכה...

ניט ווייט פון מיר הער איך ווי א גאָראָדאָוואָי זאָגט צום פּאָמאָטשניק פּריסטאַוו:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע, אַט יענער האָט באַליידיגט די סאָלדאַטן, ווען זיי זיינען דורכגעפאָרן. איר וועט אים הייסן נעמען?

דעם סוף האָב איך שוין ניט געהערט.

די אויפלעבונג ווערט ביסלעכוויַיז אויסגעלאָשן. דער עולם הויבט זיך אָן ביסלעכוויַיז פאַנאַנדערגיין. גייענדיק אהיים, זע איך, אַז אין אַלע ארומיגע גאַסן, א ביסעלע ווייטער פון פּאַלאַץ, אַזוי, אַז נעבן פּאַלאַץ האָט מען דאָס ניט געקענט מערקן, שטייען אויסגעשטעלט גאַנצע אָטריאַדן קאַזאַקן און דראַגונער. א טייל שטייט אינמיטן גאַס, א טייל קוקט אַרויס פון די הויפן פון די קאַזארמעס. אַלע זיינען מיט ביקסן און גרייט יעדע רגע זיך רירן פון אָרט.

ווייטער מיט א פּאָר קוואַרטאַלן איז שוין אַלעס וואַכעדיק, קאַלט, פּראָזאַאיש — אַקוראַט ווי ס'האָט גאָר צו קיינעם קיין שייכות ניט.

אַזוי האָט זיך פּעטערבורג געפרייט אויף דער התונה פון דער בורזשואַזיע מיטן אַבסאָלוטיזם.

מאַי, 1906.

אויף דער ערשטער זיצונג

(אין גאָסודאַרסטווענע דומע)

ווען די דעפּוטאַטן זיינען אַריינגעקומען אין זאַל פון די זיצונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די. וואָס שטייען לינקער פון די קאַ־דע׳טן, מוזן פאַר־נעמען אין זאַל ניט די סאַמע לינקסטע ערטער, ווייל די דאָזיגע ערטער האָבן שוין פאַרנומען באַצייטנס די קאַ־דע׳טן. זיי האָבן דעריבער זיך געזעצט, וואו אימיצער האָט געפונען אַן אָרט. איינינגע האָבן זיך אויסגעזעצט גובערניעס־וויז: די דעפּוטאַטן פון איין גובערניע אַלע נאָענט איינער צום אַנדערן. וועגן דעם, אַז מען זאָל זיך אויסזעצן לויט די פּאָליטישע איבער־ציינגונגען, וועט נאָך דאַרפן זיין אַן אָפּמאַך צווישן די קאַ־דע׳טן און די לינקע. דער פאַראיין פון 17טן אָקטאָבער רעכנט זיך פאַרן צענטער און האָט דעריבער פאַרנומען די מיטלסטע ערטער און איינינגע ערטער אין דער רעכטער זייט.

אונטערגעשריבן די שבועה האָט מען אַזוי, כּלאחר־יד, ניט מאַכנדיק דערפון קיין גרויסן וועזן. אין דער זעלבער צייט, ווען די דעפּוטאַטן האָבן געשריבן די וואַל־צעטלען, קלייבנדיק אַ פּאָרזיצנדן, האָט יעדער אונטער־געשריבן אויך דאָס פּאַפּירל מיט דער שבועה.

פּעטרונקעוויטש׳עס רעדע וועגן אַמנעסטיע איז ניט געווען ניט הייס, ניט באַגייסטערט. ער האָט ניט אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָבן געהאַט די אַרעסטירטע, די רעוואָלוציאָנישע קעמפער, אין דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד. פון די לינקע אין דומע האָט זיך קיינער ניט געפונען, ווער עס זאָל אַרויסטרעטן און אָפּן אַרויסזאָגן אַ וואָרט פון אמת. די דאָזיגע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן אַפילו אַרויסגעשטעלט אויף זייער פאָן דאָס וואָרט „רעוואָלוציע", האָבן זיך ניט געכאַפּט, אַז ס׳איז דער בעסטער מאָמענט צו דערמאָנען דאָס דאָזיגע וואָרט.

די אַפּלאָדיסמענטן פון די דעפּוטאַטן אויף פּעטרונקעוויטש׳עס רעדע זיינען איינגנטלעך געווען נאָר „אַ געשריי פון הארצן", ווי עס האָט זיך נאָכ־דעם אויסגעדריקט איין דעפּוטאַט. קיין אַקט, קיין באַשטימטע רעזאָלוציע,

וועלכע זאָל אַרויסזאָגן דעם וואונטש פון דער פאַרזאַמלונג, איז ניט אָנ־גענומען געוואָרן. מען האָט פשוט אויסגעדריקט מיט דער פלעסקעריי די געפילן פונעם עולם. נאָר פון דעם צו אַ קלאָרער החלטה איז נאָך ווייט. אייניגע ווייזן אָן, אַז די דומע האָט אפילו קיין רעכט ניט געהאַט צו אָננעמען דעמאָלט אַ באַשלוס, ווייל זי טאָר זיך ניט נעמען צו דער אַרבעט, איידער איר פּאָרזיצנדער וועט ניט ווערן באַשטעטיגט פון דער אויבערשטער מאַכט. אַלנפאַלס — קיין פאָדערונג: אָדער אמנעסטיע, אָדער מיר נעמען זיך ניט צו דער אַרבעט, איז ניט אַרויסגעשטעלט געוואָרן.

היינט וועט דער פּאָרזיצנדער מוראָמצעוו פאָרן זיך פאָרשטעלן דעם קיסר. ער וועט אים איבערגעבן די שטימונג פון דער דומע און פאָרלייגן עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ באַפעל וועגן אמנעסטיע. נאָר אָפיציעל האָט אים די דומע וועגן דעם אייגנטלעך ניט באַפולמעכטיגט צו רעדן. מוראָמצעוו וועט דאָס איבערגעבן שוין פון זיין אייגענעם נאָמען, אַלס אַ פּריוואַטע מיינונג. קיין אולטימאַטום איז ניט געשטעלט געוואָרן. וואָס דערפון וועט אַרויס־קומען — ווייסט קיינער ניט.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס מוראָמצעוו האָט אויף פּעטרונ־קעוויטש'עס רעדע גאָרניט געענטפערט, אַקוראַט ווי דאָס איז אַ מין צווישנ־פאַל, אַ מין פּריוואַטער פאַקט, וואָס האָט צו דער דומע גאָר קיין שייכות ניט. באַלד ווי ס'זיינען אָנטשוויגן געוואָרן די אַפּלאָדיסמענטן, האָט ער גענומען דאַנקען דער פאַרזאַמלונג פאַר דעם כבוד, וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן, אויסקלייבנדיג אים פאַר אַ פאָרזיצנדן — און האָט באַלד געשלאָסן די פאַרזאַמלונג.

אין די דעמאָקראַטישע קרייזן שמועסט מען פיל וועגן דעם, וואָס דער קיסר האָט ניט געוואָלט עמפּאַנגען מוראָמצעוו'ן אין דעם זעלביגן אָוונט, וואָס ער איז אויסגעקליבן געוואָרן. ווען דער עמפאַנג זאָל געווען פאַרקומען דעם 27טן, וואָלט די דומע דעם 28טן אינדערפרי געקענט זיך נעמען צו דער אַרבעט. אַזוי וועט אַוועקגיין נאָך אַ גאַנצער טאָג אומזיסט. מען איז דערמיט שטאַרק ניט צופרידן. סטייטש! אַזאַ הייסע צייט, ס'איז אַ מינוט — אַ יאָר, און דאָ גייט אַוועק אַ גאַנצער מעת־לעת אומזיסט־אומנישט. עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַ מיינונג, אַז מען האָט באַדאַרפט ניט קוקן אויף קיין שום זאַך און זיך פאַרזאַמלען און אָנהויבן אַרבעטן בפירוש דעם 28טן, און אויב מען וויל ניט עמפּאַנגען דעם פאָרזיצנדן — דאַרף מען ניט. מען שמועסט, אַז דאָס ניט וועלן עמפאַנגען מוראָמצעוו'ן דעם ערשטן טאָג איז

א באַליידיגונג דער דומע און אַז דאָס איז נאָר אַן אָנהויב פון דער טאַקטיק, וועלכע די הויכע פּענצטער ווילן אָנווענדן בנוגע צו דער דומע. מען רעדט, אַז מען וועט באַיקאָטירן די דומע פון אויבן; דאָס הייסט: רעדט אייך וויפיל איר ווילט, שרייבט וואָס איר ווילט, מיר וועלן ווייניג זיך צוהערן און ווייניג זיך רעכענען מיט אייך.

דאָס איז פאַר דער ביוראָקראַטיע אַלנפאַלס א סך בעסער, איידער צעטרייבן.

מאַי, 1906.

לאַנגווייליג

לאַנגווייליג! לאַנגווייליג! אָן טעם, אָן ריח! — אָט דאָס איז דער אַלגעמיינער איינדרוק, וואָס ס׳מאַכן די זיצונגען די לעצטע צייט. דעפּוטאַטן זיצן אויף זייערע שטולן און הערן ניט, דעפּוטאַטן שטייען אויפן קאַפּעדרע און רעדן גלייכגילטיגע רעדעס, וואָס רירן ניט אָן ניט דאָס האַרץ, ניט דעם מח. דעפּוטאַטן דרייען זיך אַרום אין פאָר־צימער און אין די אַרומיגע זאַלן און וואַרטן, ווען וועט שוין נעמען אַן עק פון די רעדעס, דעפּוטאַטן אין בופעט, דעפּוטאַטן אין שפּייז־צימער, — און אויף אַלע פּנים׳ער, אין אַלע באַוועגונגען, אין אַלע אָפּגעהאַקטע שמועסן הערט זיך איין קלאַנג: לאַנגווייליג! לאַנגווייליג! ווי ווערט מען שוין פּטור?

און מיינט ניט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן נישט־ווירדיגע זאַכן. מען רעדט אַרום גאָר ניט קיין קלייניגקייט, — מען רעדט אַרום דעם אַדרעס — דעם ענטפער פין דער דומע אויף דער טראָן־רעדע פון דעם קיסר. מען שילדערט אין אַלגעמיינע שטריכן די גאַנצע פּאָליטיק פון דער דומע, וואָס זי וועט זיך האַלטן אין דער איצטיגער סעסיע. מען דערקלערט ניט נאָר פאַר דעם קיסר, מען דערקלערט פאַר דעם גאַנצן לאַנד, וואָס רעכנט די דומע צו טאָן אין די קומענדיגע טעג, וואָסערע פראַגן וויל זי אַרויפשטעלן אויפן טאָגעס־אָרדענונג און אין וועלכע דרכים וויל זי גיין צו לייזן די דאָזיגע פראַגן.

און דאָך — און דאָך איז אַזוי סקוטשנע, אַז ס׳דוכט זיך — פליגן מוזן פאַר׳חלש׳ט ווערן, ווען זיי פליען דורך דער לופט.

פון וואַנען נעמט זיך דאָס? ווער איז דאָ שולדיג?

אמת טאַקע, די דומע איז נאָך ניט געוואוינט צו אַרבעטן; אמת, זייער פילע דעפּוטאַטן פאַרשטייען נאָך ניט זייער אויפגאַבע. אמת, דער חילוק צווישן אַדרעס, וואָס דאַרף נאָר געבן אַן אַלגעמיינע פאַרשטעלונג וועגן דער שטימונג פון דער דומע, און צווישן אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס דאַרף אויסטייטשן אַלע איינצלהייטן, — איז נאָך ניט פאַר אַלעמען קלאָר. פילע ווילן דעריבער אַריינטראָגן אין אַדרעס אַלע זאַכן, וואָס ס׳קומט זיי נאָר אַרויף אויפן קאָפּ, פילע רעדן אַזוינס, וואָס ס׳האָט צום אַדרעס גאָר אַ ווינציגע

שייכות. און ס'רעדן בפירוש ניט די פירער פון די פּאַרטייען, ניט די באַקאַנטע און דערפּאַרענע טוער, וואָס זייער וואָרט הערט מען שטענדיג מיט אויפמערקזאַמקייט.

אָבער דאָך — וואָס איז אַזוי לאַנגווייליג? פּאַר וואָס פילט זיך ניט אַ פונק פון באַגייסטערונג אַפילו אין די שרייענדיגסטע רעדעס? פּאַר וואָס פילט זיך ניט, פּאַר וואָס קלינגט ניט אין דער שטים פון די רעדנער אַ טיפע איבערצייגונג, אַז זיי טוען דאָ אַ גרויסע און אַ וויכטיגע זאַך?

צי באַווייזט דאָס ניט, אַז די איבערצייגונג איז ניטאָ? צי באַווייזט דאָס ניט, אַז אָט־די פרייד, אָט־דאָס טרומייטערן, אָט־דאָס קלאַפּן אין די טאַצן, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט הערן פון די קאַ־דע'טישע בלעטער פּאַר דער דומע און בעת די דומע האָט זיך געקליבן, איז געווען נאָר אַ גע'מלאכה'טע זאַך, נאָר כדי זיך אַליין צו אונטערגעבן מוט?

די ערשטע דומע האָט ניט איבערגעלעבט ניט די גאָלדענע צייט פון ראַזפּאַרביגער יוגנט, ניט די זיכערע קראַפט און פעסטקייט פון בליענדע מיטעלע יאָרן. זי איז גלייך, נאָר וואָס זי איז געבוירן געוואָרן, אַריבערגעשפּרונגען אין אַ שוואַכע, אוממוטיגע עלטער, און מיט איר מויל, וואָס האָט שוין ניט קיין ציינער, שטאַמלט זי אָן אָן אויפהער גלייכגילטיגע זאַכן.

אַזאַ אויסדרוק מוזט איר אַרויסטראָגן, ווען איר זיצט אָפּ עטלעכע שעה אין אונזער רוסלענדער פּאַרלאַמענט.

אי דאָס, פאַרגעסט ניט, אַז מ'האָט זיך געאיילט. די סיבה, פּאַר וואָס די דומע איז עפּעס פּלוצלונג געוואָרן אַזאַ גרויסער מתמיד, און געזעסן אָן אָן אויפהער אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, איז פּאַר זיך אַליין אויך שטאַרק אינטערעסאַנט. מ'האָט וועגן דעם אָפן גאָר ניט גערעדט, נאָר געפילט האָט מען דאָס זייער שטאַרק.

די מעשה דערפון איז אַזוי. דעם 4טן מאַי האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין קלאַנגען, אַז דעם זעקסטן וועט זיין אַ שטיקל אַמנעסטיע — ניט פּאַר אַלע, נאָר פּאַר אַ טייל פון די „פאַרברעכער", און אַז די דאָזיגע אַמנעסטיע וועט זיין געגעבן ניט ווי אַן ענטפער אויפן אַדרעס פון דער דומע, נאָר ווי אַ זעלבסטשטענדיגער אַקט פון דערבאַרמונג, וואָס האָט ניט מיט דער דומע קיין שום באַרירונג. דער דומע איז דאָ געוואָרן שלעכט. פאַרשפּעטיגן מיטן אַדרעס, אָנקומען מיט אים, למשל, דעם זעקסטן בייטאָג, ווען די אַמנעסטיע וועט דערקלערט ווערן דעם זעקסטן אינדערפרי, הייסט באַקומען אַ פּאַטש אין פּנים, הייסט זיך מוזן מודה זיין, אַז אין די הויכע פענצטער באַיקאָטירט מען די דומע און מען וויל זיך ניט רעכענען מיט איר מיינונג. וואָס־זשע

טוט מען? בלייבט זיך איילן, אויסארבעטן דעם אדרעס בפירוש דעם פערטן, כדי ער זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם פינפטן, כדי ס'זאָל אויסזען, אז די אמנעסטיע פונעם זעקסטן איז אַן ענטפער אויפן אדרעס פון דער דומע.

אַט דעריבער האָבן די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע טיילן פון דער דומע פלוצלונג באַקומען אַזאַ גרויסן חשק צו ארבעטן אָן שום הפסקות, און דעריבער טאַקע האָבן די רעכטע (גראַף היידן, סטאַכאָוויטש) אַלעמאָל אריינגעטראָגן פאָרשלאָגן, אַז מען זאָל מאַכן אַ הפסקה אויף אַ שעה, אויף צוויי, און דעריבער טאַקע האָבן זיי גע'טענה'ט, אַז דער עולם איז מיד, אַז מען דאַרף דערפרישן דעם געדאַנק, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

דאָס איז געווען אַ שטומע מלחמה צווישן די רעכטע און די „לינקע”, וואו קיינער האָט ניט געזאָגט, וואָס ער מיינט, נאָר יעדער צד האָט פאַרשטאַנען דעם אנדערן אָן ווערטער.

צי האָבן נאָר די „לינקע” פאַרשטאַנען, ווי דאָס מאַכט נידעריג זיי אליין? צי האָבן זיי געפילט, אַז מיט איילעניש שפּייען זיי זיך אַליין אין פּנים אַ סך מיאוס'ער, ווי דאָס וואָלט קענען טאָן די רעגירונג מיט אַלע אירע אַגענטן?

וואַרשיינלעך, אַז זיי האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען. וואַרשיינלעך האָבן זיי גערעכנט, אַז זיצנדיג בסדר 16-17 שעה, ברענגען זיי אַ גרויסן קרבן זייער פאָטערלאַנד.

און פאַר מיינע אויגן האָט אַלץ געשוועבט אַן אנדער פאַרלאַמענט. אויך דער ערשטער אין זיין לאַנד. אויך אין אַ צייט פון רעוואָלוציע. אויך געזעסן אַ גאַנצע נאַכט — די נאַכט פונעם 4טן אויגוסט . . . יענער פאַרלאַמענט איז געווען יונג, פאַר יענע פאָלקס־פאַרטרעטער האָבן געשוועבט נאָר גאָלדענע, ריינע, ניט קיין באַפלעקטע, חלומות...

מאַי, 1906.

אַ טויטע איינריכטונג

(אין גאָסודאַרסטווענע דומע)

פינף שעה האָט געדויערט די זיצונג — אין זעקס שעה האָט אונזער דומע ניט אויפגעהערט צו באַווייזן זיך אַליין און דער גאַנצער וועלט, אַז זי שטייט אַן אַ שוץ און אַן אַ מאַכט נעגן דער באַוואָפנטער און עזות'דיגער מאַכט פון דער אַלטער זעלבסטהערשאַפט.

פיר טעג זיינען אַוועק, זינט ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַרצן ביי די דעפּוטאַטן דאָס וואָרט „אַמנעסטיע", פיר טעג האָט מען ניט אויפגעהערט רעדן און שרייען, און פאָדערן, און קלינגען אין אַלע גלעקער, — און „אויבן" שווייגט מען נאָך איצט, ווי פריער, און עס איז ניטאָ קיין סימן, וואָס זאָל באַווייזן, אַז אַן ענטפער איז נאָענט.

אָט דעריבער האָבן איינינע דעפּוטאַטן גענומען אויסזוכן „אויסער־געוויינלעכע" מיטלען. איינינע האָבן פאָרגעלייגט, מען זאָל שיקן צום קיסר אַ טעלעגראַמע און בעטן, ער זאָל געבן די אַמנעסטיע טאַקע היינט. איינינע האָבן געראָטן שיקן דעם פאָרזיצענדן פון דער דומע צום קיסר, ער זאָל ביי אים זיך משתדל זיין וועגן אַמנעסטיע פאַר אַלע אַרעסטירטע.

פאַר די אויגן פון אַלע, וואָס האָבן פאָרגעלייגט אַזוינע מיטלען, איז געשטאַנען אין זיין רויטן גלאַנץ דער טאָג פון ערשטן מאַי.

סאַוועליעוו, אַ מאָסקווער אַרבעטער, אין אַ בלויען העמד, אַ קאַ־דע'ט, האָט געשילדערט, וואָס מאָרגן וועט זיין. „עס גייט דער פּראָלעטאַרישער יום־טוב. איך בין אַליין אַן אַרבעטס־מאַן. איך שטעל מיר פאָר, וואָס עס וועט געשען. אומעטום האָט מען פאַנאַנדערגעקלעפּט צעטלען, אַז מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס זיינען פאַרבאָטן. נאָר דאָס וועט ניט העלפן. די אַרבעטער וועלן זיך פאַרזאַמלען. די אַרבעטער וועלן אַרויס אין גאַס אריין פאָדערן אַמנעסטיע פאַר זייערע חברים. עס וועלן פאַלן קרבנות, בלוט וועט זיך גיסן. לאָמיר זשע דאָס ניט דערלאָזן. לאָמיר זען צו באַרואיגן די אַרבעטער, לאָמיר דערפילן זייער גערעכטע פאָדערונג. איר זאָגט: אַזוי איז ניט געזעצלעך.

איך ווייס ניט, וואָס איז געזעצלעך, וואָס איז ניט געזעצלעך, איך ווייס איין זאַך: מען דאַרף זיך איילן, מען דאַרף בעטן, מען דאַרף פאָדערן, מען דאַרף ניט דערלאָזן צו נייע הריגות.״

אפילו קאָוואַלעווסקי, דער נעמעסינגטער, רואיגער, האַלב־רעאַקציאָנערער מאַקסים קאָוואַלעווסקי, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ היציגער רעדע. אים האָט געטריבן די מורא פאַר דעם רעוואָלוציאָנישן פּראָלעטאַריאַט. „עס קומען נייע שטורעמדיגע געשעענישן. מען דאַרף ניט שווייגן. מען דאַרף זיי אויסמיידן. מען דאַרף שיקן דעם פּרעזידענט מיט אַ בקשה צום קיסר.״

אַלע האָבן געפילט, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע. נאָר אַלע האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז זיך נעמען צו אַזאַ מיטל — דאָס הייסט אויפהערן צו שפּילן אין באַהעלטעניש, דאָס הייסט: אָדער פּועל'ן ביי די הויכע ספערן, זיי זאָלן דערפילן דעם וואונטש פון דער דומע, אָדער באַקומען פון דאָרט אַ נייעם פּאַטש אין פּנים און זיך מוזן מודה זיין, אַז ווייטער אַרבעטן האָט ניט קיין זין.

נאָר דאָס רוב פון דער דומע וויל ניט אַוועקשטעלן די פראַגע אַזוי אָפן און שאַרף. דער גרעסטער טייל וויל בעסער זיצן און זיך מאַלן קאָנסטיטוציאָנישע חלומות, איידער צערייסן דעם פאָרהאַנג פאַר די אויגן און דערזען דעם ריינעם אמת. און די פאַרשטייער פון אָט דעם רוב האָבן געפונען געגנוג שיינע ווערטער אין זייער ווערטער־בוך, כדי צו פאַרטונקלען דעם ריכטיגן אמת.

עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָך די אַלע שיינע ווערטער זיינען די פאָרשלאָגן צו שיקן דעם קיסר אַ טעלעגראַמע וועגן אַמנעסטיע און דאָס גלייכן דורכגעפאַלן. די קאַ־דע'טן האָבן צייט צו וואַרטן ביז זייער קאָמיסיע פון די 33 מענטשן וועט עס רואיג און געלאַסן אויסאַרבעטן אין דעם אַנטוואָרטס־אַדרעס אויף דער טראָן־רעדע.

דעם אמת דאַרף מען זאָגן, אַז שטייענדיג אויפן שטאַנדפּונקט פון דער נויטיגקייט צו אַרבעטן אין דער דומע, איז טאַקע קיין אַנדער ברירה ניט געווען, ווי דורכוואַרפן די דאָזיגע פאָרשלאָגן. וואָרים, ווי שטשעפּקין האָט אויפגעוויזן אין אַ גאַנץ לאַנגער רעדע, די פראַגע וועגן אַמנעסטיע איז דאָך ניט קיין פראַגע וועגן אַ מתנה, וואָס מען בעט לכבוד יום־טוב, נאָר אַ פאָדערונג אַ פּרינציפּיעלע, איינע פון די פאָדערונגען, וואָס גייען אַריין אין אַ גאַנצער פּראָגראַם. פאַרוואָס זשע זאָל מען מאַכן דערפון אַ מין באַזונדער הייליגקייט, פאַרוואָס זאָל מען וועגן דעם רעש'ן מער ווי וועגן אַלע אַנדערע? און וואָס

אייגנטלעך טויג די אַמנעסטיע, אויב עס איז ניט באַוואָרנט, אַז מען זאָל ניט קענען ווייטער אַמאָל אַריינזעצן די באַפרייטע אין זייערע פריערדיגע תפיסות?

:: :: ::

די זיצונגען אין דומע הויבן שוין אָן ווערן לאַנגווייליג. די היינטיגע דעבאַטן האָבן זיך געצויגן אָן אַ ברען, אָן באַגייסטערונג, דער עולם האָט געגענעצט. אין די רעדעס פון די היציגסטע רעדנער האָב איך ניט געהערט קיין טיפע איבערצייגונגען, קיין ערנסטן גלויבן. גלאַט, מען זאָגט, שיינע, געהויבענע ווערטער, און די ווערטער זיינען קאַלט ווי אייז און קענען קיינעם ניט רירן. אַרבעטן אַרבעט די דומע זייער שווער. שעה'ן לאַנג גייען אַוועק אויף נאַרישקייטן, אויף פאָרמעלע פראַגן פון רעגלאַמענט, יעדער קריכט רעדן, יעדער רעדט אָן אַ שיעור, ביי יעדער מינדסטער זאַך הויבט מען אָן פּילדערן.

מיר איז אויסגעקומען הערן ניט פון איין פויער, אַז עס איז זיי שוין נמאס געוואָרן דאָס פּלאַפּלען. „מען רעדט און מען רעדט, און קיין גוטס זעט מען ניט אַרויס." מען קען זיין זיכער, אַז אויב זיי וועלן נאָך עטלעכע טעג אַזוי פּלאַפּלען ווי היינט, וועלן דאָס אָנהויבן פילן ניט נאָר די פויערים אַליין.

— אַ טויטע איינריכטונג! — דאָס איז געווען דער געדאַנק, וואָס איז מיר אַרויף אויפן קאָפּ, ווען איך בין היינט געזעסן און באַטראַכט די גאַנצע אַרבעט פון אונזער רוסלענדער פּאַרלאַמענט.

מאַי, 1906.

ווי לאַנג?

(אין גאָסודאַרסטווענע דומע)

פינפטן מאַי.

— עפּעס טוט מען דאָ ניט דאָס, וואָס מען דאַרף, עפּעס איז דאָ ניט אַזוי, ווי עס געהערט צו זיין, — דאָס איז דער איינדרוק, וואָס איר טראָגט אַרויס פון דעם זיצן אין דומע.

און דאָס איז ניט קיין מיינונג פון אַן איינצלנער פּערזאָן.

נעכטן איז אינמיטן די דעבאַטן אַרויף אויף דער קאַפּעדרע אַ מיטגליד פון דער דומע און האָט מיט אַ הויך קול און מיט קלאָרע דבורים אויסגע־דריקט אָט די אַלגעמיינע שטימונג:

— דער זאַל איז די גאַנצע צייט ליידיג דעריבער, וואָס מיר הערן אַלץ אַזוינע זאַכן, וועלכע מיר דאַרפן ניט הערן.

און דער עולם האָט אים באַלוינט מיט אַ גאַנצן דונער פון אַפּלאָדיס־מענטן, און ווען דער דונער פון אַפּלאָדיסמענטן איז שטילער געוואָרן, האָט מען ווייטער אָנגעהויבן דאָס זעלביגע: דעפּוטאַטן זיצן און גענעצן, אָראַטאָרן רעדן לאַנגווייליגע זאַכן.

און אַלע האָבן ווי פריער געפילט, אַז דאָ רעדט מען אַלצדינג, נאָר ניט דאָס, וואָס ס'איז נויטיג צו רעדן.

און אין דעם פּרט איז דער מזל פון די ראַדיקאַלע רעדעס אפשר נאָך ביטערער, ווי דער מזל פון אַלע איבעריגע.

אָט שטייט אויפן קאַפּעדרע אַלאַדין. ער רעכנט זיך פאַר אַ פירער פון דער „טרודאָוואַיאַ גרופּאַ", אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. געלעבט אַ סך יאָרן אין אויסלאַנד. אַ מענטש מיט אַ קאָפּ — אַזוי שמועסט מען. אַ גוטער רעדנער. ער האַלט זיך שטאָלץ און זיכער.

איך קוק אויף די דעפּוטאַטן. זיי זיצן פאַרמאַטערט אויף זייערע ערטער. אַ העלפט שטולן זיינען אינגאַנצן ליידיג. די וואָס זיצן, האָבן אַזאַ פּנים, ווי איינער רעדט: מילא, וואָס קען מען טאָן? גענומען אויף זיך אַן עול — דאַרף מען טראָגן. ס'וועט גאָר ניט העלפן.

אפשר וועט אַלאַדין אַריינבלאָזן אַ פרישן גייסט אין די טרוקענע ביינער ?
אפשר וועט זיין וואָרט אָנצינדן ?

און ער הויבט, דאַכט זיך, אָן גאָר נישקשה :

„עס איז דאָ אַזוינע זאַכן, וואָס מען בעט זיי ניט ביי קיינעם, וואָס מען פאָדערט זיי ניט ביי קיינעם, וואָס מען קומט און מען מאַכט זיי אַזוי, ווי מען וויל. צו די זאַכן געהערט אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. ווען דאָס פאָלק האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, ווען עס האָט איבערגענומען די ממשלה אין זיינע הענט, ווען די פעסטונגען פון דער אַלטער אָרדענונג ליגן צעבראָכן אויף שטיקער, ווען די זיגרייכע אַרמייען שטייען אויפן גאַס גרייט צו נייע געפעכטן, — דאַן און נאָר דאַן איז מעגלעך אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און דאַן קומט אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג נאַטירלעך פון זיך אַליין. אַזוי איז געווען שטענדיג אין דער היסטאָריע און אַנדערש קען דאָס ניט זיין. . . .״

דאַכט זיך, גוט ? איר וואַרט שוין, אַז ער וועט גיין ווייטער אין דעם דאָזיגן דרך און דערקלערן, אַז ס׳איז פאַראַן נאָר איין וועג צו אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און אַז דער וועג איז בשום אופן ניט די איצטיגע גאָסודאַרסט־ווענע דומע ?

מאַכט ער פלוצלונג אַ שפרונג אָן אַ זייט, און הויבט אָן דערקלערן מיט דעם זעלבן פייער, אַז די דומע (די איצטיגע דומע !) וועט פאַנאַנדערשמידן די אַרבעטער זייערע הענט, אַז זי וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט צו קעמפן פריי און אָפן פאַר זייערע אינטערעסן, צו נעמען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט א. אַז. וו., א. אַז. וו., — דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן שוין ניט איין מאָל און ניט צען מאָל געהערט פון די קאַ־דע׳טישע הלל־זינגער.

און דער עולם זיצט און קוועטשט מיט די פלייצעס : צו וואָס האָט מען געדאַרפט אָט דעם לאַנגן שיר לכבוד אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג ?

דער רעדנער וויל סך־הכל דערווייזן, אַז ס׳איז נויטיג צו אָננעמען דעם אַדרעס צום קיסר אין דער געשטאַלט, ווי ס׳האָט אים אויסגעאַרבעט די קאָמיסיע פון 33, — וואָס זשע האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו „זיגרייכע אַרמייען אויפן גאַס״ ?

— פאַרשטייט איר מיך, — דערקלערט מיר אַ שכן מיינער, אויך אַ קאָרעספאָנדענט, — אַלאַדין איז פון די מערב־אייראָפּייאישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן, ער האַלט זיך פאַר דער שיטה, אַז מען דאַרף אָן אַ שטורעם, אָן אַ רעש, ביסלעכווייז גיין צום ציל. ניט אַזוי ווי אונזערע רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן...

פאַר אַלאַדינען — גאָר ניט קיין שלעכטע רעקאָמענדאַציע אין די אויגן

פון די קא־דע'טן. נאר די פראגע בלייבט אלץ ניט פארענטפערט: וואס פאר א שייכות צווישן דער איצטיגער דומע און די ראדיקאלע, שיעור ניט רעוואלוציאנישע רעדעס?

און וואס פאר א שייכות זיי האבן, אזא איינדרוק מאכן זיי און אזוינע געפילן דערוועקן זיי אין די הערצער פון אלעמען. ביי די פיינט — ניט קיין שנאה, ניט קיין האס, ביי די פריינט—ניט קיין פרייד, קיין אויפרעגונג. פוסטע דבורים — דאס פילן אלע.

א שטיקל פארוואונדערונג דערוועקן די ווערטער פון אן אנדער ארבעטער, מיכאילטשענקא. ער רעדט מיט דעם נוסח און מיט די ווערטער, ווי א שלעכטער רעדנער אויף א ניט קיין גראטענעם מיטינג. „דער ארבעטער־קלאס איז דער ערשטער קעמפער פאר פרייהייט. דער ארבעטער־קלאס טראגט אלצדינג אויף זיינע פלייצעס. דער ארבעטער וויל אליין לעבן ווי א מענטש, ער וויל ניט ארבעטן אויף זיינע פיינט. מיר פאדערן א גרינדונגס־פארזאמלונג", א. אז. וו.

מיינט איר אפשר, אז פאדערנדיג א גרינדונגס־פארזאמלונג זאגט ער זיך דערווייל אפ פון פארלאמענטארישע קאמעדיעס מיט אדרעסן, מיט נאך אזוינע זאכן? הויבט זיך גאר ניט אן.

טאקע דער זעלביגער רעדנער דערקלערט: „דער גאנצער אומגליק איז, וואס מיר זיינען דא אין דומע צעטיילט אויף קלאסן, דעריבער געדויערן אזוי די דעבאטן וועגן אדרעס. . . . "

לאגישער א ביסל איז געווען דער ארבעטער איליאין (פון מאסקווער גובערניע). ער האט געזאגט: „דער פראלעטאריאט שטרעבט צו א גרינדונגס־פארזאמלונג אויפן גרונט פון אלגעמיינעם א. אז. וו. וואל־רעכט. דעריבער פראטעסטיר איך אינעם נאמען פונעם פראלעטאריאט ניט נאר געגן דעם גאסודארסטווענעם סאוועט, נאר אויך געגן אדרעס."

דערפאר די פויערים הויבן אן צו ווערן פון טאג אויף טאג מער אומ־געדולדיג. זיי זייען געקומען אין דומע מיט א פעסטער איבערצייגונג, אז די דומע קען אלצדינג מאכן. זיי זעען נאך ניט, אז די דומע איז ארומגעוויקלט מיט א נעץ פון ביוראקראטישע געזעצן און קען אייגנטלעך גאר ניט מאכן. זיי מיינען אלץ, אז שולדיג איז דאס, וואס מען פארנעמט זיך מיט „זייטיגע" זאכן. זאל מען נאר אויפהערן פלאפלען, זאל מען זיך נעמען צו דער פראגע וועגן ערד, וועט שוין אלעס זיין גוט. אויף דעם באדן וואקסט אויס א ניט־גלויבונג צו די אינטעליגענטן, וואס פלאפלען...

נעכטן אויף די דעבאטן האט זיך דאס אלעס ארויסגעוויזן גאנץ שארף.

באַטשאַראָוו האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרלאַגע: אין אַדרעס זאָל די דומע אָנווייזן, אַז פאַר אַלע זאַכן וועט זי זיך נעמען צו דער ערד־רעפאָרמע. אים האָבן אונטערגעהאַלטן לעבעדיגע אַפּלאָדיסמענטן. און ווען נאַבאָקאָוו האָט שפּעטער אָנגעהויבן דערווייזן, אַז ס'איז אייגנטלעך ניטאָ קיין גרויסער חלוק, צי מען זאָל שרייבן אין דער אַגראַר־רעפאָרמע די „נויטיגסטע" אָדער די „נאָענטסטע" אויפגאַבע, — האָט זיך געלאָזט הערן אַ געשריי פון צווישן די דעפּוטאַטן: שרייבט די „ערשטע"!

נאָר דאָס איז נאָך גאָר ניט. שפּעטער איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע: שליסן דעם רייסטער פון די רעדנער. ווי נאָר מ'האָט אַריינגעטראָגן די פאָר־לאַגע, אַזוי איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן קאַפּעדרע אַ פּויער און האָט אָנ־געהויבן שרייען צו די פּויערים:

„ברידערלעך־פּויערים! איר זעט וואָס מען וויל מיט אונז טאָן? אונזער ערשטע אויפגאַבע דאַרף זיין די ערד. און דאָ טוט מען אַלע מעגלעכקייטן כדי צו פאַררוקן אונז אין אַ ווינקל, כדי צו פאַרשווייגן אונזער פראַגע. אונז פאַרגעסט מען, אויף אונז גיט מען ניט אַכטונג" א. אַז. וו., א. אַז. וו.

דאָ האָט איר אַ פראָלאָג צו דער קומענדיגער דראַמע, אַ פאָרבילד צו דעם, וואָס ס'וועט זיך טאָן אין דומע שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, ווען ס'וועט ווערן געשטעלט די פראַגע: פון וואָס זאָל די דומע אָנהויבן.

אויב עס וועט איר איבערהויפּט זיין באַשערט צו אָנהויבן...

:: :: ::

איינציגע פּויערשע רעדנער, באַזונדערס פון די מאַלאָרוסן (אוקראַינער), מאַכן דעם בעסטן איינדרוק — אַלס מענטשן. עפּעס זיינען זיי אַזוי פריש, אַזוי געזונט און לעבעדיג. אין די ווערטער קלינגט אַזאַ פריילעכע הלצה, אָפט אַ באַהאַלטן שטאָך־וואָרט. איך רעד דאָ, פאַרשטייט זיך, וועגן די פּשוט'ע פּויערים, ניט וועגן די פּויערישע אינטעליגענטן, וועלכע אונטערשיידן זיך זייער ווייניג פונעם טיפּ אינטעליגענט איבערהויפּט.

די פּויערים גלויבן נאָך דערווייל אין דומע. מען האָפט: זי וועט געבן. ווי לאַנג וועט דויערן די האָפענונג?

מאַי, 1906.

אין גאָסודאַרסטווענע דומע

13טער מאַי.

— אהא, עפּעס איז היינט שוין ניט וואָכעדיג, — דאָס איז געווען מיין ערשטער געדאַנק, ווען איך בין היינט צוגעגאַנגען צו דעם טאַווּרישן פּאַלאַץ.

די גאַס אַרום און אַרום איז פאַרפּלייצט מיט פּאָליציי. אויפן טראָטואַר געגנאיבער א סאָלדאַט מיט א ביקס, קענטיג — ער שטייט אויף דער וואַך. אין טויער א פּריסטאַוו, עטלעכע אָקאָלאָדאַטשניקעס קוקן מיט שאַרפע אויגן אויף יעדן, ווער עס קומט אריין. אין הויף דרייען זיך אַרום א פּאָר גענעראַלן, עטלעכע אָפיצערן, אַלעס זעט אויס א ביסל אומרואיג, עפּעס פילט זיך שוין פון ערשטן טריט א געשפּאַנטע שטימונג.

איך האָב א ביסעלע פאַרשפּעטיגט; די זיצונג איז באַשטימט אויף צוויי אַזייגער, איצט איז שוין א פערטל אויף דריי. איך גיי אריין אין פּאַלאַץ. אין פּאָרהויז, אין די אַרומיגע זאַלן — אַלעס פּוסט, ווי אָפּגעשטאָרבן, קיין איינציגער מענטש. געוויינלעך איז דאָ שטענדיג א רעש און א טומל פון מענטשן, איצט—שאַ שטיל. דאָס הייסט — אַלע געפינען זיך אין זיצונגס-זאַל.

דער זיצונגס-זאַל איז פול געפּאַקט. די דעפּוטאַטן אַלע אויף זייערע ערטער. אין דער לאָזשע פאַר קאָרעספּאָנדענטן איז אַזאַ ענגשאַפט, אַז מען קען זיך ניט געבן א ריר. איך גיב א קוק געגנאיבער, אין דער לאָזשע פון אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן איז ניט ווייניגער ענג. אויבן, אין די לאָזשעס וואו עס זיצט דאָס זייטיגע פּובליקום, איז א גאַנצע וואַנט פון קעפּ — איין קאָפּ העכער פונעם צווייטן. אונטן, דאָרט וואו עס ענדיגן זיך די שטולן פון די דעפּוטאַטן, האָט אויך אַריינגעשפּאַרט זייטיגער עולם.

ס'איז שטיל. נאָר צייטנווייז קייקלט זיך איבער אין זאַל פון איינעם צום צווייטן א נערוועזער באַפעל: „שאַ!" אַלע אויגן קוקן אין איין זייט — אהין, צו די שטולן פון די מיניסטאָרן.

דאָס ערשטע מאָל, זינט די דומע האָט זיך געעפנט, זיינען די דאָזיגע שטולן ניט ליידיג. עס זיצן א מאַן אכט-צען. די שטולן פאַר די מיטגלידער פונעם גאָסודאַרסטווענעם סאָוועט זיינען אַלע פאַרנומען. א רייע זקנים מיט

גלאַטע קעפּ; אַלע, אי די מיניסטאָרן, אי די מיטגלידער פון גאָסודאַרסטווע־נעם סאָוועט, זיינען אָנגעטאָן אין ציווילנע קלײדער.

איין געפיל האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן זאַל. דוכט זיך, מען קען הערן, ווי עס קלאַפּן די הערצער. איך קוק אויף די דעפּוטאַטן: די פּנים'ער שרעקלעך ערנסט, ווי ביי איינעם, וואָס שטייט פאַרן געריכט. קיין איינציגע באַוועגונג. קיין הוסט, קיין שאָרך.

לאַנגזאַם און עפּעס באַזונדער ערנסט קלינגט דער גלאָק פונעם פאָר־זיצנדן. די זיצונג איז געעפנט. דער פּרעמיער־מיניסטער גאָרעמיקין באַקומט דאָס וואָרט.

אויף דער קאַפעדרע גייט אַרויף אַן אַלטער גרויער מאַן מיט צוויי לאַנגע באַקן־בערד און אַ גלאַטע געשאָרענע קאָפּ. ער האַלט זיך רואיג. די באַ־וועגונגען לאַנגזאַם. ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר און לייגט אים אַנידער פאַר זיך. הונדערטער אויגן ווי פיילן האָבן אים דורכגעשטאָכן פון אַלע זייטן. הונדערטער אויגן שיטן אויף אים גליענדע פונקען פון אויבן, פון אונטן, פון רעכטס און פון לינקס.

ער לייענט שטיל. קוים וואָס מען קען הערן אין די הינטערשטע רייען. די ווערטער פאַלן, ווי אַ קאַלטער רעגן אין אָסיען־צייט. ניטאָ וואָס צו האָפן. אַמנעסטיע — ניין. אָפּשאַפן קריגס־צושטאַנד — ניין. בירגערלעכע גלייכ־באַרעכטיגונג — ניין. ערד פאַר די פּויערים — ניין. אַלץ ניין און ניין.

דאָס לייענען דויערט. מיט האַלב־פאַרלאָשענע אויגן קוקט דער אַלטער טשינאָווניק אויף די נייע פּערזאָנען, וואָס זיצן פאַר אים. זיי זיצן — ער שטייט. ער לייענט און ס'דוכט זיך, פון זיינע ווערטער בלאָזט ווי אַ קאַלטער פראָסטיגער ווינט אויף די צו פרי אויפגעבליטע בלימעלעך, ער רירט זיי אָן — און זיי פאַרוועלקן.

דאָס לייענען קומט צו ענדע. „פרייהייט און אָרדענונג. רואיגע שאַפנדע אַרבעט, באַרואיגן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג" — מיט די ווערטער ענדיגט זיך די היסאַרישע דערקלערונג. און מיר דאַכט זיך: פון אַלע עקן פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, ציען זיך טונקעלע שאָטנס, און שוועבן אין דער לופטן, און פילן אָן דעם זאַל, און לייגן זיך, ווי בליי, אויף די הערצער פון די פאַרזאַמלטע.

דאָס לייענען איז געענדיגט. דער מיניסטער האָט זיך פאַרבויגן און גייט צו זיין אָרט. עס באַגלייט אים אַ טויטע אומהיימלעכע שטילקייט. און אין דער שטילקייט וואַקסט און שפּרייט אויס זיינע פליגל דער צאָרן.

אַזוי דויערט אייניגע סעקונדן. קיינער טוט זיך ניט קיין ריר.

— נאַבאָקאָוו! — לאָזט זיך הערן די שטים פונעם פּאַרזיצנדן — און נאַבאָקאָוו גייט אַרויס אויף דער קאַפּעדרע מיט האַסטיגע טריט.

— . . . דאָס גאַנצע לאַנד, — זאָגט ער, — „איז מיט אונז. ניט מיר, נאָר די פּאָליטיק פון אונזער רעגירונג, די פּאָליטיק פון האַלבע ווערטער און ניט קיין אויסגעפילטע הבטחות, מאַכט אַ תל פונעם לאַנד. גראָבט זיך אונטער אונטערן לעבן פון רוסלאַנד. אַזאַ רעגירונג, וואָס וויל ניט דערפילן דעם ווילן פונעם פאָלק, אַזאַ רעגירונג, וואָס איז ניט קיין דינער ביי די פאַר־שטייער פונעם פאָלק, אַזאַ רעגירונג, וואָס וויל ניט פאָלגן, נאָר משפּט'ן און קריטיקירן — אַזאַ רעגירונג קענען מיר נאָר זאָגן איינס: טרעט אָפּ!

אָט די פאָדערונג: אַראָפּ פון די ערטער! פאַרשווינדט! זאָל מען אייך שוין ווייטער ניט זען! — אָט די פאָדערונג קלינגט, ווי דער הויפּט־טאָן, אין אַלע ווייטערדיגע רעדעס. פיל פייערדיגע רעדעס איז געהערט געוואָרן אין דומע אין דעם דאָזיגן טאָג. פיל אמת איז געזאָגט געוואָרן, פיל באַשולדיגונגען, גיפטיגע, שטעכנדיגע האָבן, ווי בייטשן, געשמיסן די פאַרשטייער פון דער אַלטער, פינצטערער מאַכט. פיל הייסע קוילן פון גליענדער שנאה זיינען אויסגעשאָטן געוואָרן אויף די קעפּ פון די טשינאָווניקעס, נאָר העכער פון אַלע, הילכיגער פון אַלע, פעסטער און מוטיגער פון אַלע האָט געקלונגען די פאָדערונג: אַראָפּ פון די מיניסטער־שטולן! טרעט אָפּ אייערע ערטער פאַר די לייט, וואָס מיר ווילן!

נאַבאָקאָוו האָט געענדיגט. אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן רייסט דורך די לופט. „בראַוואָ! בראַוואָ!" — דויערט עטלעכע מינוט.

נאָך נאַבאָקאָוו'ן רעדט ראָדיטשעוו. זיין קראַפט איז אין זיין היציגקייט, אין זיין שרעקלעכער אויפרעגונג. ער שרייט. ער פילדערט. „איר זייט שולדיג!" „איר זייט שולדיג!" „איר ווילט ניט קיין רעכט און ניט קיין אָרדענונג!" ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די מיניסטאָרן, און עס קומט אויס, אַז ער שרייט אויף זיי, ווי אַ האַר אויף זיין ניט געטרייעם דינער.

אויף דער קאַפּעדרע איז אַרויף אַניקין. ער איז נאָך אַ יונגער בחור. ניט קיין אָראַטאָר. אַ דינע שטים, ניט קיין פעסטע. נאָר איר הערט אין זיינע ווערטער אַן אומדערמידלעכע שנאה, און יעדעס וואָרט זיינס מאַכט אַ טיפן רושם.

„ווען איר זאָלט קענען מיט אַ צויבער־בליק אַרומקוקן אַלע טורמעס פון רוסלאַנד, וואָלט איר געזען, אַז דריי פערטל פון די פאַרשלאָסענע זיינען פּויערים. ווען איר זאָלט קענען מיט איין בליק אַרומכאַפּן די אומענדלעכע

ווייטקייט פון די רוסישע דערפער, וואָלט איר געזען דאָרט הויפנס הרוגים, הויפנס באַשענדעטע פרויען, הויפנס פאַרברענטע הייזער, — דאָס אַלץ איז דאָס לעבן און דאָס גוטס פון די פויערים! איצט זיינען מיר געקומען אַהער פאָדערן פרייהייט און ערד. און אונז ענטפערט מען: פריוואַט אייגנטום איז הייליג! פריוואַט אייגנטום! מיר ווייסן איר ווערט. פאַר איין פאַר־ברענטע פּריצישע נחלה סטראַשעט מען אויסברענען צענדליגע דערפער, — אַזוי היטן די אַגענטן פון דער רעגירונג דאָס פריוואַט אייגנטום פונעם פויער..."

:: :: ::

די צייט גייט. די רעדעס דויערן. הערט זיך איין: דער גרעסטער טייל זייערער איז ניט פריינטלעך צו דער רעוואָלוציע. דער גרעסטער טייל רעדנער, אַלאַדין אויך אין דעם כּלל, רעדן יעדערער אויף זיין שטייגער. מיר זיינען געקומען באַרואיגן דאָס לאַנד, מיר ווילן איינהאַלטן דעם שטורעם, ניט מיר וועלן זיין שולדיג, ווען פון די קוילן, וואָס עס צעבלאָזט די רעגירונג, וועט ווערן אַ מורא׳דיגע שריפה, ניט אויף אונז, נאָר אויף זיי, אויף די פאַר־שטייער פונעם אַלטן רעזשים, וועט פאַלן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אויסברוך.

רעדנער רעדן. דער אַראָפּ און דער אַרויף. רעכטע, מיטעלע, לינקע — אַלע דאָס זעלבע. דער מיט שפּאַט, דער מיט געלעכטער, דער מיט כּעס, דער מיט קאַלטער לאָגיק, דער מיט וויסנשאַפטלעכע ראיות, דער מיט לעבעדיגע פאַקטן פון דער לעבעדיגערווירקלעכקייט. אַ האָגל פון באַשולדיגונגען. אַ שטראָם פון פאַראַכטונג.

אַראָפּ! אַראָפּ פון די ערטער! פאַרשווינדט!

עס רעדט שטשעפּקין:

„נאָך דער איצטיגער דערקלערונג פון דער רעגירונג וועלן זיך ווייטער אָנהויבן אַגראַרישע אומרועןן, עס וועלן זיך ווייטער אָנהויבן שטרייקן, עס וועלן ווייטער וואַרפן דאָס לערנען די סטודענטן. דאָס לאַנד וועט ווייטער אָנהויבן מיטפילן דער רעוואָלוציע. פון איין זייט קריגס־צושטאַנד, פון דער אַנדערער — דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם, מיר וועלן זיך ניט דערשרעקן ניט פאַר דאָס ניט פאַר יענעס. מיר וועלן זאָגן אָפן: אַזאַ מיניסטעריום, וואָס קען ניט די גרונט־געזעצן פון דער מלוכה, אַזאַ מיניסטעריום, וואָס טרעט אַרויס געגן ווילן פונעם לאַנד — מוז אַראָפּ פון זיין שטעל!"

עס גייט אַרויס וויגאַווער, ער רעדט אין דומע דאָס ערשטע מאָל. דער

עולם איז שוין א ביסל פארמאטערט. די זיצונג דויערט די פינפטע שעה, נאָר קוים גייט ער ארויף צו רעדן, ווערט שטיל, אלע הערן. ער רעדט וועגן גלייכע בירגערלעכע רעכט. „נישט שטענדיג פארשטייט די רעגירונג, וואָס זי זאָגט, נאָר שטענדיג פארשטייט זי, וואָס זי זאָגט ניט.״ פון בירגערלעכער גלייכבארעכטיגונג האָט זי קיין וואָרט ניט געזאָגט, דאָס הייסט זיך באהאלטן. דאָס איז פחדנות.

איך האָב ווינאַווער׳ן קיינמאָל ניט געזען אין אזא שטימונג.

די דעפוטאטן זיצן און שאָקלען צו מיט די קעפּ.

:: :: ::

עס איז שוין נאכט. עלעקטרישע לאָמפּן פארגיסן דעם זאַל מיט א ים פון ווייסן ליכט. עס האָבן שוין גערעדט מער פון פופצן רעדנער. עס איז שוין ארויסגעטראָטן דער יוסטיץ־מיניסטער מיט א נייער דערקלערונג, וואָס איז נאָר געווען, ווי בוימל אויפן פייער. עס האָט שוין אָפּגעהאלטן א גלענצנדע רעדע קאָוואלעווסקי און האָט ארויסגערופן א פריילעכע, הילכיגע באגריסונג פון דער גאנצער פארזאמלונג, עס האָט שוין גערעדט גראף הײדן — דער זעלבער גראף הײדן, וואָס פילט דאָ שטענדיג ארום זיך א פיינטלעכע לופט.

איצטיגס מאָל האָט מען אים באלוינט מיט אזוינע רוישנדע אפּלאָדיס־מענטן, ווי עס האָט זיי ניט ארויסגערופן דער באליבטסטער רעדנער. גראף הײדן האָט געענדיגט מיט די ווערטער: „איך בין פעסט איבערצייגט, אז דאָס איצטיגע מיניסטעריום דארף אוועק.״

עס האָט שוין געענדיגט זיין רעדע מיכאַיליטשענקאָ. „ניט דאָס פאָלק לעבט צוליב זיינע באאמטע, נאָר די באאמטע צוליב דעם פאָלק. אויף אונזער וועג שטעלט מען איין שטרויכלונג נאָך דער צווייטער. אין איצטיגער לאגע קענען מיר גאָרניט טאָן. פון דער דומע ווילן מיר מאכן א פשוט׳ן „שפּרעך־זאַל״. מיר קענען דאָס ניט ליידן. ווילן מיר, ס׳זאָל לעבן דאָס פאָלק, דארף שטארבן די אלטע אָרדענונג. מיר, ארבעטער, האָבן געקעמפט פאר פרייהייט, מיר האָבן געוואָלט באשאפן א בעסער לעבן אי זיך, אי דעם גאנצן פאָלק. מיר גלויבן אין דער קראפט פונעם פאָלק. נאָר מיט זיין קראפט וועט דאָס פאָלק זיך באפרייען. זיין פרייהייט ליגט אין זיינע אייגענע הענט. אונזער ארבעט איז: קעמפן, קעמפן און קעמפן!״

דער סוף פון דער זיצונג איז נאָענט. אלע ווייסן שוין פאראויס, אז

א רעזאָלוציע וועט אָנגענומען ווערן אַ שאַרפע. מ'האָט זיך פריער נאָך צוזאַמענגערעדט. ס'איז אַלץ אָרגאַניזירט.

זשילקין טראָגט אַריין די רעזאָלוציע. קיינע ויכוחים. זי ווערט אָנגענומען מיט אַלע שטימען קעגן זיבן — די חברה פון „רעכטלעכער אָרדענונג".

דער זאַל רוישט ווי אַ מיל. דעפוטאַטן דריקן איינער דעם אַנדערן די הענט. עס איז אַ רעש. דער גלאָק פון דעם פּאָרזיצנדן קלינגט.

איך פאַרלאָז די דומע.

אין גאַס איז שטיל. די זון האָט זיך געזעצט. די לופט איז קיל. דער סאָלדאַט שטייט נאָך אַלץ אויף דער וואַך. איבערן גאַס גייען עטלעכע פּאָליציסטן און פירן צוויי אַרבעטער: וואָרשיינלעך אַרעסטירטע. אויף דער זעלבער גאַס, וואו די דומע, איז דער באַרימטער „דאָם פּרעדוואַריטעלנאַוואַ זאַקליוטשעניאַ".

מאַי, 1906.

אין גאָסודאַרסטווענע דומע

16טער מאַי.

די דומע האָט היינט ווייטער אויסגעטאָן אירע שבת'דיגע קלײדער, פאַר־לאָשן די העלע פאַרבן, אָראָפּגעלאָזן דעם קלינגענדיגן טאָן און זיך ווייטער גענומען צו וואָכעדיגער אַרבעט.

וואָכעדיגע שטימונג, וואָכעדיגע רעדעס. אָן אַ פּיצל אויפרעגונג, אָן אַ פונק פון התפּעלות.

און מיינט ניט, אַז אויפן טאָגעס־אָרדענונג שטייען דוקא וואָכעדיגע פראַגן. גאָר פאַרקערט. מען רעדט אַרום גאַנץ וויכטיגע אָנפראַגן (אינטערפּעל־לאַציעס) דעם מיניסטעריום. די ערשטע אָנפראַגע וועגן די טעלעגראַמען צום קיסר, וועלכע בעטן מען זאָל פאַנאַנדערטרייבן די דומע און וועלכע ווערן געדרוקט אין די אָפיציעלע צייטונגען. די אַנדער אָנפראַגע וועגן דעם, וואָס אין פּאָלטאַווער גובערניע איז אַרעסטירט געוואָרן אַ לערער אָן שום אורזאַכע. די דריטע אָנפראַגע וועגן דעם, וואָס אין עטלעכע און צוואַנציג גובערניעס איז אַ הונגער, מענטשן שטאַרבן פון ניט עסן, פון קראַנקהייטן, וועלכע זיינען צוזאַמענגעבונדן מיטן הונגער, און די רעגירונג ניט נאָר זי קומט אַליין ניט צו הילף, נאָך זי שטערט נאָך מיט אַלע מעגלעכקייטן די פּריוואַטע פּערזאָנען און פּריוואַטע חברות, וועלכע ווילן העלפן די נויטבאַדערפטיגע.

נאָר די דומע האָט איר גאַנצן פולוער אויסגענוצט אין דער שבת'דיגער זיצונג, — ווען זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט די מיניסטאָרן. אַרויסגעלאָזט אַלע קוילן, פאַרטעמפּט אַלע שווערדן. איצט איז ווייטער אַלץ גרוי און קויטיג. דער גייסט פון אַ קאַ־דעט שוועבט איבער דער זיצונג.

אַ מערקווירדיגע זאַך! די אייגענע געדאַנקען, די אייגענע ווערטער, וועלכע האָבן אין דער באַרימטער זיצונג פון זיך געשאָטן פונקען, די אייגענע רעדנער, וועלכע האָבן דעמאָלט אָנגעצונדן מיט באַגייסטערונג די הערצער — די אייגענע דערוועקן איצט ביי קיינעם ניט קיין שום געפיל. און די זיצונג גייט זיך אַזוי גלייכגילטיג, אַזוי לאַנגווייליג.

פאַרוואָס? אפשר פילט די פאַרזאַמלונג, אַז דאָס אַלץ איז אומבאַדייטנד

און קליינלעך אין פאַרגלייך מיט דעם וויכטיגן און אַלגעמיינעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן ערשט נישט לאַנג און וואָס איז דערווײַלע נאָך געבליבן אַ בלויזער געשריי?

דעפּוטאַטן דרייען זיך אַרום אַהין און אַהער. מען שטייט אויף, מען גייט אַרויס און מען גייט ווייטער אַריין. קיינער הערט אייגנטלעך ניט. די אָנפראַגן ווערן אָנגענומען איינשטימיג און דאָס דערוועקט ביי קיינעם ניט קיין שמחה.

אַפילו אין די קולואַרן איז היינט אויך וואָכעדיג. פּוסט. אַ דריי־פיר דעפּוטאַטן דרייען זיך אַרום איבערן לײדיגן קאָלאָנען־זאַל. איינציגע זיצן ביי די טישן און שרייבן. איך דערזע מיינעם אַ באַקאַנטן דעפּוטאַט זשיגעל, פון דער טרודאָוואַיאַ גרופּע. ער זיצט ביים טיש און שרייבט און ווינקט מיר פון ווייטנס מיטן קאָפּ.

מיך אינטערעסירן אין דער דומע מער פון אַלעמען די פּויערים און די אַרבעטער. מיר איז שווער צו באַקומען אַ גענוי בילד וועגן דעם, וואָס עס טראַכטן און ווי עס פילן די דאָזיגע דעפּוטאַטן. אַ שמועס מיט די קאַ־דע׳טן,— זאָגן אייך דעם אמת, דערוועקט אין מיר זייער ווייניג אינטערעס. דאָס רוב זיינען זיי אינטעליגענטן, זיי האָבן אַלע גאַנץ גוט איינגע׳חזר׳ט זייער פּראָגראַם, פאָלגן פּאַרטעפּלעך זייער פּאַרטיי־דיסציפּלין, און וועט איר מיט זיי אָנהויבן רעדן, וועט איר באַקומען אַן ענטפער וואָרט אין וואָרט אַ לייט־אַרטיקל פון „רעטש" אָדער פון „דומאַ".

די פּויערים און די אַרבעטער זיינען גאָר אַן אַנדער זאַך. דאָס אַלץ איז פאַר זיי ניי. עס דערוועקט אין זיין פאַרשידנאַרטיגע געפילן. די טרודאָוואַיאַ גרופּע איז ניט אַזוי שטאַרק, זי זאָל זיי קענען גענוג צוזאַמענבינדן מיט פּאַרטיי־דיסציפּלין. פילן זיך גוט אין דער דאָזיגער סביבה קענען זיי ניט. זייערע שמועסן זיינען אָפט אָריגינעל און העכסט אינטערעסאַנט.

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעג איך זשיגעל׳ן (זשיגעל איז אַן אַרבעטער. ער האָט, וואַרשיינלעך, געלייענט ביכלעך און איז נאָך זיין שטימונג ניט קיין רעוואָלוציאָנער).

— אויף כּפּרות! — הער איך אַ קורצע, ענערגישע תּשובה.

— נו?

— גאָרניט. אַזוי וועט עס געוויס ניט בלייבן. אָדער ס׳וועט ווערן בעסער — זיי וועלן אַוועקגיין צו אַל־די שוואַרצע יאָר („זיי" מיינט מען די מיניסטאָרן), אָדער ס׳וועט ווערן נאָך ערגער ווי אַצינד.

ער גיט אַ ביסל אַ טראַכט און זאָגט ווייטער:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן — מער פון אַלעמען שרעקן מיך די גרויזאַמע מעשים, וואָס וועלן זיך אָנהויבן דערנאָך.

— ווען — דערנאָך?

— ווען די דומע וועט זיך ווענדן מיט אַן אויפרוף צום פאָלק.

— און איר מיינט, זי וועט דאָס טאָן?

— אַ ברירה וועט זי האָבן? איך האָב זייער שטאַרק מורא, אַז עס גייט דערצו. אויב „זיי" וועלן ניט אָפּטראָגן די ביינער, וועט מען מוזן דאָס טאָן.

— זאָגן אייך: וואָלט איך ניט מורא געהאַט פאַר בלוט. די מעשה איז אָבער: דאָס פאָלק איז ניט אָרגאַניזירט.

— ווי הייסט?

— מ'איז ניט פאַרטיק צום קאַמף. ס'הייסט — ווילן וויל מען, נאָר מ'איז טעכניש ניט גרייט, און די סאָלדאַטן — זאָגט איר: קען מען זיך אויף זיי פאַרלאָזן? מאָרגן וועט מען זיי צוזאָגן נאָך צוויי קאָפּיקעס אַ טאָג, וועלן זיי שיסן, וועמען מ'וועט הייסן. אויף זיי איז אַ קנאַפּער בטחון.

— איר זייט דערין זיכער?

— מ'קען ניט זאָגן אויף געוויס. אודאי איז די לאַגע איצט קלערער. מיר און זיי. דאָס פאָלק און די בלוט־זויגער. קלייבט אויס... ווער קען זאָגן, אויף וועמעס זייט זיי וועלן זיך שטעלן?

ער פאַרטראַכט זיך.

עס גייען צו עטלעכע מענטשן, און דער שמועס ווערט איבערגעריסן.

דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער פון די פויערים און אַרבעטער שמועסן וועגן מיליטער. איינער אַ פאַלטאַוווער פויער האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז ס'וואָלט געווען אַ גליכע זאַך, די דעפּוטאַטן זאָלן זען האָבן פאַרבינדונגען יעדער מיט די סאָלדאַטן פון זיין גובערניע. דאָס וואָלט קענען צונוץ קומען אין אַ שווערער צייט.

— לאַסאַל האָט געזאָגט, אַז יעדע קאָנסטיטוציע האַלט זיך אויף האַרמאַטן, — אַזוי האָט ער פאַרענדיגט זיין מערקווירדיגן שמועס.

מאַי, 1906.

אַרום דומע

איך האָב שוין טעלעגראַפירט, אַז די דומע האָט שווייגנדיג אָראָפּ־געשלונגען די נייע באַליידיגונג — דאָס, וואָס אין די הויכע פענצטער האָט מען ניט געוואָלט עמפּאַנגען די דעפּוטאַציע מיטן ענטפער אויף דער טראָן־רעדע. דערביי איז פאָרגעקומען אייניגע כאַראַקטעריסטישע געשעענישן אין די קולוארן פון דער דומע, וועגן וועלכע איך וויל איך דאָ דערציילן.

אַז איך בין אָנגעקומען היינט אין דומע, האָב איך שוין געטראָפן אין איינעם פון די זאַלן אַ פאַרזאַמלונג פון דער „טרודאָוואַיאַ" גרופּע. געשמועסט האָט מען וועגן דעם, ווי זאָל מען זיך פאַרהאַלטן צו דעם פאַקט, וואָס די דעפּוטאַציע איז ניט געוואָרן עמפּאַנגען. אַלע זיינען געווען מסכים, אַז מען דאַרף אויסדריקן די שטימונג דורך אַ רעזאָלוציע. נאָר מכח דעם אינהאַלט און דעם טאָן פון דער רעזאָלוציע איז געווען פאַרשידענע מיינונגען. אַ טייל פאַרזאַמלונג האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל דעם אַדרעס גאָרניט דערלאַנגען און אין דער רעזאָלוציע זאָל מען זאָגן, אַז מען איז אויפגעבראַכט געגן אַזאַ באַ־ליידיגונג. דער גרעסטער טייל איז געווען אַ סך ווייכער און האָט גע'טענה'ט, אַז דעם אַדרעס דערלאַנגען מוז מען, נאָר אין דער רעזאָלוציע דאַרף מען אָנערקענען דעם פאַקט, אַז די פאָרשטייער פונעם פאָלק האָבן נאָך עד היום קיין מעגלעכקייט ניט צונויפרעדן זיך מיטן קיסר, פונקט ווי עס איז געווען ביז אַהער. ביידע טיילן זיינען געשטאַנען פעסט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס טאָר ניט זיין קיין מניעה זיך נעמען צו דער ווייטערדיגער אַרבעט און אַז אָנהויבן אַ מחלוקת וועגן אַזאַ פראַגע, צי זאָל דער אַדרעס איבערגעבן ווערן דורכן מיניסטער, צי דורך אַ דעפּוטאַציע פון דער דומע, — איז ניט כדאי.

מיך האָט געוואונדערט אַזאַ רואיג פאַרהאַלטן זיך פון די מיטגלידער פון דער „טרודאָוואַיאַ" גרופּע. דער פאַקט איז צו אַ שרייענדיגער, די באַ־ליידיגונג נאָך צו פרי, די פאַרב פון שאַנדע שטייט נאָך צו היים אין פּנים פון דער דומע, אַז די ראַדיקאַלע טיילן זאָלן ניט פּרוּוון אויסדריקן זייער שטימונג אויף אַ שאַרפערן אופן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען דעם פּירוש פון

אַזאַ געלאַסנקייט אין אַזאַ מאָמענט. דעם פּירוש האָט מיר דערקלערט איינער פון דער „טרודאָוואַיאַ" גרופּע. עס לאָזט זיך אויס, אַז אין דער גרופּע איז געווען זייער אַ געהויבענע שטימונג, אַז פּילע זיינען געווען גרייט אויף די אַנטשלאָסנסטע טריט, מכח אַ שאַרפער רעזאָלוציע איז אודאי ניטאָ וואָס צו רעדן, נאָר — נאָר די פירער האָבן נעכטן אַ גאַנצן טאָג איינגע'טענה'ט מיטן עולם, מען האָט געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, מען האָט אַזוי ענערגיש געפירט די אַגיטאַציע, ביז מען האָט זיי קוים־קוים איינגערעדט, אַז עס איז ניט כדאי צו שטעלן זיך אין דער דאָזיגער פראַגע אויף אַ רעוואָלוציאָנישן וועג. אַ טייל פון דער גרופּע איז אַלנפאַלס געווען זייער אויפגערעגט, נאָר די פּירער האָבן זיי אַזוי אוועקגעשטעלט די פראַגע: נעמט איר אָן אַ שאַרפע רעזאָלוציע, דאַרפט איר זיין גרייט דערצו, אַז מען וועט פאַנאַנדערלאָזן די דומע. און די דאָזיגע וואָרנונג האָט געווירקט...

איך אַליין האָב אויך געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי עס האָט זיך געפירט די אַגיטאַציע. מען האָט אָנגעוויזן, אַז די פראַגע איז נאָר אַ פאָרמעלע פראַגע, ס'איז ניט כדאי איבער אַזאַ קליינינקייט צו מאַכן אַ קאָנפליקט. איינינע האָבן אַפילו גע'טענה'ט, אַז די דומע האָט די ערשטע איבערגעטראָטן געוויסע דינים (זי האָט געשיקט אַ דעפּוטאַציע, און אין די תקנות שטייט, אַז זי דאַרף נאָר שיקן צום קיסר איר פּאָרזיצנדן) און דעריבער טאָר זי ניט אָננעמען אַ רעזאָלוציע פון קאַמף.

לסוף האָט מען באַשלאָסן צו אַריינטראָגן אין דומע אַזאַ רעזאָלוציע: דאָס, וואָס מען האָט ניט אויפגענומען די דעפּוטאַציע, „באַווייזט נאָר, אַז איצט אויך האָט דאָס לאַנד ניט קיין מעגלעכקייט דורך זיינע פאָרשטייער צונויפרעדן זיך מיטן קיסר." נאָר אַזוי ווי פאַר דער דומע שטייען זייער וויכטיגע אויפגאַבן, וועלכע ס'איז ניט מעגלעך אָפּצולייגן, דעריבער גייט זי איבער צו איר געוויינלעכער אַרבעט.

עס האָט זיך נאָך ניט געענדיגט די אָפּשטימונג פון אַלע פאָרגעלייגטע רעזאָלוציעס, ווי ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט זיך אַריינגערוקט ווינאַווער. מיט זיין געוויינלעכן שמייכעלע האָט ער זיך געווענדט צו דער גרופּע מיט אַזאַ מין בקשה אינעם נאָמען פון די קאַ־דע'טן: היות די פּאַרטיי פון „פאָלקס־פרייהייט" האָט שוין אויסגעאַרבעט אַ באַשטימטע רעזאָלוציע, היות עס וואָלט זיין גלייך, אַז די רעזאָלוציע זאָל אָנגענומען ווערן איינ־שטימיג, בכן בעט ער די גרופּע זי זאָל אויסהערן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס די קאַ־דע'טן ווילן אָננעמען בפירוש די און ניט אַן אַנדער רעזאָלוציע.

די גרופּע איז מסכים געווען צו אויסהערן די דערקלערונג, און אויף

דער סצענע טרעט אַרויס מיליוקאָוו. ער איז ניט קיין מיטגליד פון דער דומע, נאָר ער געפינט זיך דאָ אַלס קאָרעספּאָנדענט און איז צווישן די קאַ־דע׳טן איינער פון די וויכטיגסטע רעדלפירער. דער אינהאַלט פון זיין לאַנגער רעדע איז אין קורצן אַזוי:

די קאַ־דע׳טישע פּאַרטיי לייגט פאָר פאָלגענדע רעזאָלוציע: „אָנערקענענדיג, אַז די באַדייטונג פונעם אַדרעס ליגט אין זיין אינהאַלט, און ניט אין דעם אופן, ווי ער וועט דערלאַנגט ווערן, גייט די דומע איבער צו איר געווינלעכער אַרבעט.״ די קאַ־דע׳טישע פּאַרטיי איז זיכער, אַז אַ שאַרפע רעזאָלוציע וועט מוזן ברענגען צו אַ צוזאַמענשטויס. אין די הויכע פענצטער קוקט מען אויפן אַדרעס ווי אויף דער גרעסטער חוצפה. די רעגירונג איז גרייט צו אַנטשלאָסענע טאַטן. פאַר דער דומע איז וויכטיג, אַז דער צוזאַמענשטויס זאָל פאָרקומען ניט אין דער פראַגע, נאָר דעמאָלט, ווען ס׳וועט זיך אַרומקלערן אַ וועלכער ניט איז געזעץ. אין דער אויסלענדישער פּרעסע און צום טייל אין דער געזעלשאַפט שמועסט מען שוין אַזוי אויך וועגן דעם, אַז די דומע פאַררייסט זיך צופיל, אַז זי נעמט צו אַ שאַרפן טאָן. אויב זי וועט איצט אָננעמען אַ שטעכעדיגע רעזאָלוציע, וועט די רעגירונג האָבן אַן אויסרייד, אַז די דומע האָט זיך געשטעלט אויף אַ רעוואָלוציאָנישן וועג. דאָס לאַנד האָט געשיקט זיינע אויסגעקליבענע מיט אַ באַשטימטן ציל. אויב די דומע וועט צעטריבן ווערן איבער אַזאַ קליינינקייט, וועלן ניט אַלע זאָגן, אַז די רעגירונג איז שולדיג אין אַלצדינג. מען דאַרף דעריבער זען מאַכן אַ סוף פון דעם אינצידענט וואָס גיכער. מען דאַרף פאַרמאַכן די טיר, דורך וועלכער עס קענען אַריין אַלערליי אומדערוואַרטעטע געשעענישן. מען דאַרף אָננעמען די רעזאָלוציע גאָר מיט קליינע דעבאַטן. קיין פּאָלעמיק דאַרף ניט זיין. די דומע דאַרף זיך האַלטן אַזוי, אַז ניט זי פאַלט אָן די ערשטע, נאָר זי ווערט זיך פאַר אַן אָנפאַל. מען דאַרף ניט אַרויפוואַרפן די שולד אויף די מיניסטאָרן, ווייל דאָס וואָלט הייסן אַריבערלייגן די זאַך פון אַ גרעסערן אויף אַ קלענערן. מען דאַרף ניט מאַכן דעם מיניסטער פאַר אַ שעיר לעזאזל, ווייל דאָס וואָלט נאָר פאַרקלענערט דעם פּראָטעסט.

מיליוקאָוו׳ס ווערטער האָבן געהאַט זייער ווירקונג. באַלד ווי ער איז אַוועק האָט זיך געלאָזט הערן דאָס גלעקל פונעם פּאָרזיצנדן. אַלע האָבן פאַרנומען זייערע ערטער אין זאַל. די קאַ־דע׳טן האָבן אַריינגעטראָגן זייער רעזאָלוציע. גערעדט האָבן סך־הכל דריי רעדנער — און די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיג.

מאַי, 1906.

אַקאַדעמישע פרייהייט און פּאָליציי

עס איז אַן אַלטע געשיכטע מיט די אוניווערזיטעטן אין רוסלאַנד, דאָך בלייבט זי שטענדיג ניי. עס קען ניט עקזיסטירן קיין פרייע העכערע שול אין אַ לאַנד פון פּאָליצייאישער זעלבסטהערשאַפט, עס קען ניט זיין, אַז אין איין ווינקעלע זאָל זיך לאָזן הערן אַ וואָרט פון אמת אין דער זעלבער צייט, ווען אַרום און הערשט דער קולאַק און די בייטש.

אייגנטלעך איז אין רוסלאַנד דאָס נאָרמאַלע אַקאַדעמישע לעבן פאַר־שוואונדן שוין אַ משך פון אַ יאָר אכט. די גאַנצע צייט האָט דער שטרייט זיך געפירט פאַר זייער אַ קלאָרער און איינפאַכער זאַך: די רעגירונג האָט געוואָלט מאַכן די העכערע שול פאַר אַ פּאָליצייאישן צירקל, וואו עס ווערן אויסגעאַרבעט „אַנשטענדיגע", „וואויל־דערצויגענע" באַאַמטע; די סטודענטן, דער בעסערער טייל פון זיי, האָבן געוואָלט זען אין דער שול אַזאַ אָרט, וואו זיין קענען הערן דאָס פרייע וואָרט פון דער פרייער וויסנשאַפט און אויס־אַרבעטן פון זיך מענטשן און בירגער.

וואָס שטאַרקער ס'האָט זיך צעפלאַקערט די רעוואָלוציע אין לאַנד, דאָס שאַרפער איז געוואָרן דער שטרייט אין די שולן. פונעם 9טן יאַנואַר 1905 האָט זיך דאָס אַקאַדעמישע לעבן אָפּגעשטעלט און פון דעמאָלט אָן זיך כמעט ווי ניט באַנייט.

איצט שטייען ווייטער די העכערע שולן פאַר דער זעלביגער, גוט באַ־קאַנטער אַלטער פראַגע, אויף וועלכער ס'איז פאַראַן נאָר איין ענטפער: פּאָליטישע פרייהייט. עס איז דאָך אַ חוזק, עס איז אַ ווילדע, אוממעגלעכע זאַך, אַז אין דער צייט, ווען אין לאַנד ווערן יעדן טאָג אויפגעבויט צענדליגע תליות, זאָל איינמיטן די גרעסטע שטעט פון רוסלאַנד עקזיסטירן אַן אָפּ־געצאַמטער, פאַרשלאָסענער גן־עדן, וואו אויסדערוויילטע זיצן רואיג און שעפּן נחת פון דער ריינער תורה. און עס איז נאָך ווילדער און נאָך אומ־מעגלעכער, אַז אַ רעגירונג, וואָס פאַרפאָלגט מיט דער גרעסטער אכזריות יעדן פרייען געדאַנק, אַ רעגירונג, וואָס שטראָפט מיט טויט און קאַטאָרגע פאַר יעדן מינדסטן פּראָטעסט, אַ רעגירונג וואָס האָט דערקלערט אַן אָפענע

מלחמה אַלעמען אין לאַנד, אחוץ די שוואַרצע עכט־רוסישע באַנדע, — אַז אַזאַ רעגירונג זאָל קענען לײַדן אַן אויטאָנאָמען אוניווערזיטעט, וואו טויזנטער סטודענטן, דאָס הייסט טויזנטער רעוואָלוציאָנער־געשטימטע, יונגע רוסלענדער בירגער, זאָלן קענען זיך פאַרזאַמלען און רעדן וועגן אַלע ברענענדיג פראַגן פונעם טאָג, און קענען אויסשמידן אַ פרייען גערדאַנק און אַ פעסטן ווילן, און קענען אַנטוויקלען זייערע קרעפטן צום קאַמף.

און די פעלד־געריכט־פּאָליטיק האָט ניט לאַנג געוואַרט און האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף די העכערע שולן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין מאָסקווע און אין קיעוו. דער מאָסקווער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט מודיע געווען דעם רעקטאָר פון אוניווערזיטעט, אַז אויב עס וועלן ווייטער פאָרקומען אין אוניווערזיטעט רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון „זייטיגע" פּערזאָנען, וועט ער, דער רעקטאָר, באַקומען אַ שטראָף אי דורכן משפּט, אי אויפן אַדמיניסטראַטיוון וועג. אין קיעוו האָט דער רעקטאָר אויף זיך אַליין גענומען אַ פּאָליצייאישע פליכט און גאָר פון אָנהויב אָן ניט דערלויבט קיין אַלגעמיין־פּאָליטישע סטודענטישע פאַרזאַמלונגען. סטודענטן ווערן מאַסנווייז אַרומגעזוכט און אַרעסטירט. די זאַלן פון די העכערע שולן זײַנען פאַרפּלייצט מיט שפּיאָנען, ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן, די אינעווייניגסטע פּאָליציי — די אינספּעקציע האָט ווייטער אַמאָל אויפגעלעבט, און ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן זײַנען די טירן און טויערן פון די אוניווערזיטעטן באַוואַכט מיט פּאָליציי און מיט סאָלדאַטן, באַוואָפנט מיט שווערדן און ביקסן.

דער מאָסקווער אוניווערזיטעט איז דערוויילע געשלאָסן. אַ דעפּוטאַציע פון פּראָפעסאָרן איז אַוועקגעפאָרן שתדל'נען אין די הויכע פענצטער. די בורזשואַזע ליבעראַלע פּרעסע זאָגט מוסר די סטודענטן, זיי זאָלן אַליין היטן די אוניווערזיטעטן פאַר אַן אָנפאַל פון פּאָליציי, דאָס הייסט, זיי זאָלן אַליין ניט אַרײַנלאָזן קיין „פרעמדע" אין דעם טעמפּל פון וויסנשאַפט, כדי די פּאָליציי זאָל ניט האָבן קיין אויסרייד. די ליבעראַלע בעלי־טובה'ניקעס רעכענען אַפילו, אַז אויב מען וועט פאַרמאַכן אייך אוניווערזיטעט, דאַרפן די איבעריגע זיך פונדעסטוועגן ניט פאַרמאַכן מיטן גוטן ווילן, ווייל אַז די „פרעמדע" זײַנען דאָ נאָך אַ פּוסטער אויסרייד, דערין קען ביי קיינעם קיין צווייפל ניט זיין. אַז ווען אַפילו די סטודענטן זאָלן זיך שטענדיג אַליין פאַרזאַמלען, וואָלט דאָס אויך ניט געפעלן די אויבער־הענקער און פּאָגראָמשטשיקעס (פאַרגעסט ניט, אַז צווישן די סטודענטן גופא איז פאַראַן זייער אַלטע, גוט דערפאַרענע פּאָליטישע אַגיטאַטאָרס, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ גאַנץ שווערן וועג פון פּאָליטישער אַרבעט) — דערין איז אויך קיין

צווייפל ניטאָ. און אַז די אוניווערזיטעטן קענען ניט זיין אַ קוואַל פון וויסנ־שאַפט ביי דער איצטיגער צייט און מוזן ווערן אָדער אַ נעסט פון פּאָליטישער אַגיטאַציע, אָדער אינגאַנצן געשלאָסן, — דאָס האָט דאָס לעבן שוין דערוויזן גענוג מאָל.

די ליבעראַלע בורזשואַזע פּאָליטיקער רופן די סטודענטן צו פאַרזיכטיג־קייט, ראָטן ניט געבן דער אַדמיניסטראַציע קיין מעגלעכקייט זיך אַריינמישן אין די אינעווייניגסטע ענינים פון די העכערע שולן. ווען די סטודענטן וואָלטן וועלן פאָלגן די דאָזיגע עצה, וואָלט דאָס געהייסן: אָפּזאָגן זיך פון אַ וועלכער ניט איז אָרגאַניזאַציע, פאַרגעסן אָן יעדער פּאָליטישער דערציאונג, פאַרשליסן זיך יעדער אין זיין ווינקל און געהאָרכזאַם שטודירן די פּאָליציי־אישע וויסנשאַפט.

צום גליק איז דער גייסט פון דעם רוב סטודענטן צו לעבעדיג, די שטרעבונגען צו הייס און די האָפענונגען צו ליכטיג, אַז זיי זאָלן קענען פאָלגן די „וויכע" עצות פון די ליבעראַלע בלוטלאָזע און מוטלאָזע זקנים.

אָקטאָבער, 1906.

דווינסקער געזעצגעבונג

וואָס פאַר אַ פאַרברעכן דאַרף מען באַגיין, אַז מען זאָל באַקומען אין רוסלאַנד טויט־שטראָף?

אַ קלאָרע תשובה גיט דערויף דער דווינסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר אין אַ באַזונדערער פאַראָרדענונג, וואו ער רעכנט אויס די „פאַרברעכן", פאַר וועלכע מען ווערט איבערגעגעבן צום מיליטערישן פעלד־גריכט.

דער צעטל איז גרויס. טויט־שטראָף פאַר אַן אָנפאַל אויף אַ טשינאָווניק, אויף פאָליציי, אויף מיליטער, פאַר אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, פאַר באַרויבן אַלערליי קאַזיאָנע און פריוואַטע איינריכטונגען, פאַר האַלטן אויפרייסונגס־מאַטעריאַלן, — מילא דאָס איז ניט ניי: פאַר אַזוינע זאַכן פלעגט מען פריער אויך אין רוסלאַנד זעלטן אַרויס מיטן לעבן.

פון אַזוינע פאַרברעכן, ווי פירן אַן אַגיטאַציע צווישן חיל און צווישן פאָליציי אָדער פאַרשפרייטן צווישן זיי אויפרופן, איז אויך ניטאָ וואָס צו רעדן: ווי עס איז באַוואוסט, גרייט מען אין די הויכע פענצטער אַ נייעם געזעץ וועגן באַשטראָפן אויפן שווערסטן אופן די אַגיטאַציע צווישן מיליטער. דער דווינסקער סאַטראַפ האָט דאָ נאָר פאַראויסגעזען דעם ווילן און די כונה פון זיין בעל־הבית.

ניי זיינען די איבעריגע פונקטן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיין איינציגער פון דווינסק, אפילו דער רואיגסטער און פרידלעכסטער, קען כלל ניט זיין זיכער, אַז ער וועט ניט אַריינפאַלן אין די הענט פונעם מיליטערישן פעלד־געריכט.

צו דעם משפט ווערט מען איבערגעגעבן פאַר אַזוינע זאַכן, ווי קאַליע מאַכן די וואַסער־לייטונג, די בריקן, די שלוזן, אפילו פאַר קאַליע מאַכן די ברונעמס אָדער די פשוט'ע וועגן; צו דעם משפט ווערט מען איבערגעגעבן דערפאַר, וואָס מ'האָט באַליידיגט אָדער אַרויסגעוויזן אַן אָפענעם אומ'כבוד צו אַ פריסוטסטווענעם אָרט! ס'איז גענוג, הייסט עס, איר זאָלט וואו ניט איז אין אַ קאַנצעלאַריע וואַרפן אַ קרומען קוק אָדער זאָגן אַ קרום וואָרט אַ טשינאָווניק, כדי איר זאָלט באַקומען אַ „גיכן" משפט און אַ פסק אין געשטאַלט פון טויט־שטראָף.

נאָר דאָס איז נאָך אַלץ ווייניג. צום פעלד־געריכט ווערט מען איבער־געגעבן פאַר אַזוינע פּשוט'ע, געוויינלעכע „פאַרברעכן", וועלכע פלעגן פריער זיך געפינען אין דער שליטה פון מיראָוואָי־סודיא און וועלכע האָבן ניט קיין שום פּאָליטישן און איבערהויפּט קיין שום וויכטיגן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. דער צענטער פונקט פון די תקנות פון דווינסקער סאַטראַפּ גיט איבער צום פעלד־געריכט „פאַר גוואַלד־טאַטן געגן אַ פּריוואַטע פּערזאָן, פאַר צונעמען פּריוואַטע פאַרמעגן, פאַר אַריינרייסן זיך אין פרעמדע פּריוואַטע דירות, פאַר אַריינרייסן זיך אין אַנדערע (פּריוואַטע) געביידן."

אויף דער פּראַקטיק הייסט דאָס: אויב אימיצער האָט זיך צעקריגט מיטן צווייטן, מיט אַ פּשוט'ן שטאָט־איינוואוינער, און האָט אים געגעבן אַ פּאַטש, קען ער איבערגעגעבן ווערן צום פעלד־געריכט („גוואַלד־טאַטן געגן אַ פּערזאָן"), אויב אימיצער האָט צוגע'גנב'עט וואו ניט איז די מינדעסטע זאַך, קען ער איבערגעגעבן ווערן צום פעלד־געריכט! אויב אימיצער איז אַריינגעגאַנגען אין יענעמס דירה געגן זיין ווילן, צוליב ריין פּריוואַטע גע־שעפטן, ווי עס טרעפט גאַנץ אָפט אין געוויינלעכן לעבן, אָדער אפילו ניט אין אַ דירה, נאָר אין אַ קראָם, אָדער אַ שפּייכלער, אָדער אַ שטאַל („אַריינ־רייסן זיך אין אַנדערע געביידן"), קען ער איבערגעגעבן ווערן צום טויט־שטראָף.

נאָר דער צעטל איז דערמיט נאָך אַלץ ניט פאַרענדיגט. דער דווינסקער נעזעץ־געבער האָט מורא געהאַט, אפשר האָט ער פאַרט עפּעס פאַרזען. באַ־וואָרנט ער זיך מיטן 11טן פּונקט. ער פאַרשפּרעכט איבערגעבן צום פעלד־געריכט „איבערהויפּט פאַר אַזוינע פאַרברעכן, וועלכע ער, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועט געפינען, אַז מ'איז זיי באַגאַנגען אין אַזאַ אָרט, אָדער ביי אַזוינע באַדינגונגען, וועלכע זיינען באַזונדערס געפערליך דער מלוכה און דער געזעלשאַפט" — קורץ גערעדט, פאַר אַזוינע פאַרברעכן, וועלכע ער וועט געפינען פאַר נויטיג!

און געגנוג איז ביי אַזוינע פאַרברעכן די עדות פונעם ערשטן בעסטן שפּיאָן אָדער פּאָליציי־מאַן, און דער „פעלד־געריכט" האָט קיינמאָל ניט קיין טעות, און זיינע משפּטים זיינען שטענדיג קורץ און דייטליך: שיסן, הענגען! און קלאָגן זיך איז ניטאָ וואו.

אָט אַזאַ ווערט האָט איצט באַקומען אין רוסלאַנד דאָס לעבן פון אַ בירגער.

אָקטאָבער, 1906.

פּאָגראָמען

אויף האַמלער שלאַכטפעלד

זיי גייען מיט שנעלע טריט — פּאַראָוים — די העלדן פון דער אַלטער אין בלוט־איינגעטונקענער, מיט האַס און קללות באַשאָטענער אָרדענונג.

פריער מיט יאָרן האָט די פּאָליציי אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען. און מיליטער האָט זיך נאָר אויפגעהאַלטן רואיג און געלאָזט רויבן, ברענען, קוילען און באַשענדן.

ס׳איז אוועק אַ שטיקל צייט. פּאָליציי האָט ווי פריער אָרגאַניזירט פּאָגראָמען, כוליגאַנעס האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים. מיליטער איז דערביי שוין ניט געשטאַנען ליידיג. עס האָט געהאָלפן אי הרג׳ענען, אי ראַבירן.

איצט איז געקומען אַ נייע צייט. מיליטער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן דעם פּאָגראָם. טשערקעסן האָבן זיך זעלבסטשטענדיג אַ לאָז געגעבן אויף דער פרידלעכער באַפעלקערונג. קיין כוליגאַנעס איז כמעט ניט געווען. סאָל־דאַטן און נאָך סאָלדאַטן פון אַלערליי סאָרטן האָבן געבערענט און גערויבט, און געשאָסן און געמאַכט אַ חורבן פון דער שטאָט.

און כדי צו איינשטילן דעם מיליטער־פּאָגראָם, האָט מען געשיקט דעם גענעראַל אָרלאָוו, דעם גרויסן העלד פון ליפלאַנד, דעם זיגער אויף די באַלטישע פעלדער.

וואָס וועט ער איינשטילן? געגן וועמען וועט ער גיין מיט זיינע אָטריאַדן?

ניט געגן די רויבער און מערדער, נאָר געגן פאָלק, געגן די פרידלעכע בירגער. ניט געגן די וואָס שלאָגן, נאָר געגן די וואָס ווערן געשלאָגן, — געגן די אומגליקלעכע, פאַראַרימטע, דערשלאָגענע, אין לייד און טרערן פאַרזונקענע איינוואוינער.

אונז רויבט מען, און אונז גייט מען באַרואיגן! אונז קוילעט מען, און פון אונז פאָדערט מען דאָס געווער! אויף אונז לאָזט מען אַרויף די ווילדע באַנדעס און שיכור׳ע סאָלדאַטן, און ביי אונז פירט מען איין קריגס־צושטאַנד און מען שטעלט אונז פאַר קריגס־געריכט.

אונזערע הייזער באַשיט מען מיט אַ האָגל פון קוילן, און אונז פאַר־שפּרעכט מען, אַז אונזערע הייזער וועלן ווערן צוגענומען אין קאַזנאַ.

וואס איז דאס? א וואנזיניגער חלום? א ווילדע פאנטאזיע פון א צעמישטן? א בלוטיגער געלעכטער?

:: :: ::

א צייט פון מלחמה. א ברייטע, א גרויסע מלחמה; ברייט — ווי דאס ברייטע רוסלאנד, גרויס — ווי דער גרויסער ציל, וואס שימערט און לייכט פאר די אויגן.

א צייט פון מלחמה. די מאסקען אראפ. דער פיינט איז א פיינט און קען ניט אויסזען ווי א פריינט. דער שיינער קראנץ פון פאלשע ווערטער — אראפגעריסן, אין שטויב צעטראטן. אפן די שטרעבונג, קלאר דער ווונטש.

א צייט פון מלחמה. צוויי גרויסע ארמייען. דאס פאלק און זיינע באדריקער. עס גייט א קאמף פארן לעבן.

„פארשווינד!" — האט געשריען דאס פאלק צו די שווארצע חיילות פון זיינע באדריקער. „דעם קאפ געבויגן! אין יאך אריין!" — האט געענטפערט די שווארצע ארמיי.

א צייט פון מלחמה. די שווערדן געשארפט. דער פיינט קען ניט שווינען. ס'איז אלעם דערלויבט. אלעס געשטעלט אויף דער קארט.

א צייט פון מלחמה. די באדריקער, — זיי קעמפן מיט צארן און יאוש. פון רייד צו הריגות, פון שריפות צו תליות, פון ריטער צו פינצטערע תפיסות. זיי קעמפן פארן לעבן...

א מלחמה — זיי ווייסן פון קיין רחמנות. ניטא קיין געזעץ אין מלחמה. ניטא קיין גערעכטיגקייט אויפן פעלד פון שלאכט. די קראפט — זי בויט דארט איר טראן.

און עס זידט דער שטרייט. און עס בלאנקט דאס געווער. און עס פלאקערט דער צארן און עס ברויזט דער שטורעם.

און די פיינט פונעם פאלק האבן זיך גענומען פארן לעצטן און שארפסטן געווער.

אויסראטן אלעם אויפן וועג פון דער מעכטיגער פרייהייטס-ארמיי. מאכן א מדבר ארום און ארום. צעטרעטן די בליענדע פעלדער, די פרוכט-בארע גערטנער צעהאקן, פארוויסטן די שטעט און די דערפער, די פויגלען, דאס פי און די חיות — אומברענגען אלעס. מאכן א מדבר, א וויסטן, א פינצטערן מדבר. און דער מדבר וועט איינשלינגען די מעכטיגע פרייהייטס-ארמיי, און די העלדן וועלן פארשווינדן אין פלאם און אין רויך.

און די פיינט פון פאָלק האָבן גענומען פאַרוויסטן. און זיי וואַרטן ניט, ביז דער פיינט וועט זיי טרעפן פנים אל פנים, ביז אַ שווערד און אַ שווערד וועט זיך טרעפן.

זיי רויבן, פאַרוויסטן, פאַרניכטן.

אין די גאַסן פון האָמעל . . .

דאָרט האָט דער פיינט פון פאָלק פאַרזייט די זאָמען פון טויט און פאַרוויסטונג. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער וועג.

אין די גאַסן פון האָמעל...

אויפן פעלד פון מלחמה איז ניט מעגלעך קיין פרידלעכע אַרבעט. פון בליענדע פעלדער אַנטלויפט דער פרידלעכער דאָרפס־מאַן, פון די גערטנער פאַרשווינדט די פריילעכע, מונטערע יוגנט, און יונגע און אַלטע, און שוואַכע און שטאַרקע — אַנטלויפן אין פינצטערע וועלדער, און בילדן אַטריאַדן, און האַס און נקמה באַוואָפנט די פרידלעכע אָרעמס, און פּאַראַויס גייט מען, פּאַראַויס אַנטקעגן דעם שונא, דעם שונא, וואָס ברענט און פאַרניכטעט די פעלדער מיט זייערע בלומען. און שווער איז דער האַס, און הייס די נקמה.

אין די גאַסן פון האָמעל...

דאָרט האָט דער פיינט פונעם פאָלק פאַרזייט די זאָמען פון פאַרוויסטונג. די פרוכט וועט אויסוואַקסן און וועט צייטיג ווערן — אַ פרוכט פון גיפטיגן צאָרן, אַ רייכער פרוכט פון ביטערן קאַמף...

אויף די חורבות וואַקסן נייע אַרמייען. די פאָן פּאַראַויס. פעסט און זיכער אין די אייזערנע אַרבעטער־הענט... עס קלינגט דער קאַמפס־רוף...

— פּאַראַויס !...

פעברואַר, 1906.

ביאַליסטאָק

1. אין וואַגאָן

לײדיג. געװײנלעך איז אין דעם צוג צװישן װילנע און ביאַליסטאָק פול אָנגעפּאַקט מיט אידן. איצט איז פּוסט. אין אַלע װאַגאָנעס צוזאַמען װעט איר קוים אָנצײלן צװײ צענדליג אידן. אין מײן װאַגאָן זיצן אין די װינקלעך אַ פּאָר פיגורן. ס׳איז שטיל. קײנעם װילט זיך ניט רעדן. אויף אַלע פּנים׳ער, אין יעדן קוק, אין יעדער באַװעגונג זע איך דאָס זעלבע פאַרבאָרגענע געפיל, דעם זעלבן געדאַנק, װאָס עגבערט דעם מח. ביאַליסטאָק! דאָס װאָרט פלאַקערט אין דער לופטן און צינדט אָן אַלע אויגן מיט אַ טונקעלן פײער.

דער העלער זומער־טאָג פינקלט מיט גאָלדענעם זונען־שײן, לײכט מיטן ליבלעכן גרינקײט פון פעלדער, שמעקט מיטן ריח פון בליענדע קרײטער. און דאָ ליגט אויסגעגאָסן אַ טויטער אומעט און עס שװעבט אין די אויגן אַלץ דאָס זעלבע, אַלץ דאָס זעלבע: אַ טויט און אַ חורבן, אַ קלאָג און אַ יאָמער.

נאָך גראָדנע װערט אין װאַגאָן אַ ביסל לעבעדיגער. אַנטקעגן מיר אויף דער באַנק זעצט זיך אַװעק אַ אידל. ער איז פלאַם־פײער, און עס רעדט אין אים יעדער אבר.

ער איז אַלײן אַ ביאַליסטאָקער. ער האָט הינטערן שטאָט ניט קײן גרויס פאַבריקל. זײן נאָמען איז ס־קאָלסקי. אַ טאָג פאַר דעם פּאָגראָם האָט אים זײנער אַ באַקאַנטער פּאָליצײיִשער נאַדזיראַטעל מודיע געװען, אַז ס׳װעט זײן אַ פּאָגראָם און האָט אים געראַטן ארויספאָרן מיט דעם װײב און מיט די קינדער. ס־קאָלסקי האָט דאָס װײב מיט די קינדער אַװעקגעשיקט פון שטאָט, און אַלײן איז ער געבליבן. בעת דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן איז ער געװען בײ זיך אין פאַבריק, און דאָס האָט אים געראַטעװעט דאָס לעבן.

איך װיל זיך דערקונדיגן, װער אײגנטלעך האָט געקוילעט און געראַבעװעט, אחוץ די סאָלדאַטן, װאָס איז אַזוינס דער מין, װעלכן מיר רופן מיטן אַלגעמײנעם נאָמען כוליגאַנעס.

מײן אידל מײנט, אַז איך פרעג אים, װער האָט אָרגאַניזירט די הריגה. ער װערט אין כעס און הויבט אָן כמעט שרײען אויף אַ קול.

— וואָס פרעגט איר דאָ שאלות? איר ווייסט ניט? פון וואַנען זייט איר דאָס געקומען? ווער מאַכט די פּאָגראָמען? די פּראַוויטעלסטוואָ (רעגירונג). אָט ווער עס מאַכט די פּאָגראָמען. איר זאָלט וויסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל: קיינער איז דאָ ניט שולדיג אַחוץ די רעגירונג! דאָס האָט זי געדונגען די כוליגאַנעס, דאָס האָט זי געשיקט דאָס חיל. און וואָלט זי ניט געוואָלט, איז גענוג געווען איין וואונק, אַז אַלעס זאָל ווערן רואיג.

אַרום אונז פאַרזאַמלען זיך די איבעריגע פּאַסאַזשירן. עפּעס פילט מען זיך היימלעכער, אַז מען רעדט, פּונקט ווי די הויכע שטימע צערייסט די צויבער־קייטן פון גראָען אומעט.

— נישקשה! — —רעדט ווייטער מיין שכן. — עס וועט נאָך זיין נאָך אַ פּאָגראָם, עס וועט פאַרגאָסן ווערן נאָך מער בלוט, נאָר זייט זיכער, — מיר וועלן אונזערס אויספירן. ביאַליסטאָק בלייבט ביאַליסטאָק. מיר וועלן דאָס ניט פאַרשוויינן!

די קריסטן, מיינט ער, זיינען דאָ ניט שולדיג. געאַרבעט האָבן פּשוט געדונגענע שוואַרצע מאה'ניקעס. אים אַליין האָבן זיינע אַרבעטער־קריסטן אַרויסגעפירט פון פאַבריק, וואו ער האָט זיך באַהאַלטן, און אין סאַמע פייער פון פּאָגראָם געקויפט אים אַ בילעט און אַריינגעזעצט אין וואַגאָן. געפירט זיך ווי ברידער. זיינער אַרבעטער איז אין דער גרעסטער שיסעריי געפאָרן אין שטאָט אַריין געוואָר ווערן, צי לעבט זיין מוטער. דער בופעטשיק אויף ביאַליסטאָקער וואָקזאַל האָט באַהאַלטן ביי זיך צוועלף אידן און זיי באַהאַנדלט אויפן פריינטלעכסטן אופן.

עס ווערט טונקעלער. אַ פּאָר פּאַסאַזשירן גייען אַרויס פון וואַגאָן אויף דער נאָענטער סטאַנציע. עס ווערט ווייטער אומעטיג. שטיל און טונקל.

2. אין שפּיטאָל

וואונדן. מענטשן אין היץ. שטילע קרעכצן. אַ הערשאַפט פון ווייטאָגן. וויפיל איז דאָ פאַרוואונדעטע? דוכט זיך, אָן אַן עק. זיי פילן אָן אַלע אָפּטיילונגען פון דעם קראַנקן־הויז. אויבן, אונטן, אין הויף — אומעטום...

ווי אין אַ מיליטערישן לאַזאַרעט נאָך אַ שטאַרקן געפעכט. נאָר די קראַנקע זיינען זייער ווייניג ענלעך צו סאָלדאַטן...

אָט ליגט אַ איד. ער איז אַלט אַ יאָר פערציג, אויב ניט מער. זיין קאָפּ איז אַרומגעבונדן אַרום און אַרום מיט אַ ווייסן באַנדאַזש, דאָס בלוט טריפט דורך דער וואַטע און פאַרבט אויף רויט די הינטערשטע זייט און דאָס ציכל

פון קישן. אויפן קאָפּ א זעקל מיט אייז. די אויגן זיינען האַלב־פאַרמאַכט און גלאַנצן פון היץ. ער קאָן ניט איינליגן. ער וויגט זיך אויפן בעט — רעכטס און לינקס, רעכטס און לינקס, ווי אַן אוטאָמאַט. זיין רעכטע האַנט איז אינגאַנצן פאַרבאַנדאַזשירט. ביי דער לינקער האַלט אים זיין טאָכטער — א יונגע פרוי. זי זיצט אויפן בענקל לעבן בעט און קוקט אויפן קראַנקן, און עס דאַכט זיך: אירע אויגן קענען ניט קוקן אויף דער ליכטיגער וועלט, קענען זיך ניט ווענדן אויף רעכטס און אויף לינקס, אירע אויגן קענען נאָר זיין צוגעשמידט צו איר פאָטער, וועלכער ליגט און ראַנגלט זיך מיטן טויט.

לעבן בעט דרייט זיך זיין ווייב — א שוואַנגערע...

אָט ליגט אַן אַנדער איד. זיין קאָפּ איז אַנגעטאָן אין א פּאַנצער פון וואַטע, פון טיפעניש קוקט אַרויס נאָר איין אויג, אַן אויג א שוואַרצס און א פינצטערס. ער קוקט שעה'ען־ווייז אין איין פּונקט, און עס דאַכט זיך: ער טראַכט עפּעס א גרויסן, טיפן, אומענדלעך טיפן און שווערן געדאַנק. אויפן דעק ליגט זיין נאַקעטע האַנט, א דאַרע, בלאַסע, אויסגעמאָגערטע האַנט, א האַנט פון א מת.

און ווייטער און ווייטער — די זעלביגע בילדער.

איינעם בינדט איבער דער דאָקטאָר די וואונדן. מען נעמט אַראָפּ די וואַטע — די לינקע זייט און די ברוסט זיינען צעשטאָכן: א גאַנצע ריי פּיר־קאַנטיקע לעכער. דאָס האָבן די סאָלדאַטן געאַרבעט מיט שטיקעס (שפּיזן)...

יונגע לייט איז פאַראַן ווייניגער. מערסטנטיילס עלטערע מענטשן.

אין שפּיטאָל איז הייס. די זון בראָט. עס שטיקט דער ריח פון רפואות. פליגן זשומען.

און ביי די געזונטע איז אויף אַלע פּנים'ער א מין פאַרוואונדערונג, ווי א פאַרגליווערטע פראַגע: וואָס איז דאָס?

עס ליגט א איד פון א יאָר זעכציג־זיבעציג. א בלייך פּנים. בלייכע אויגן. די הויט — פאַרמעט, די נאָז געל ווי וואַקס און פאַרשאַרפט. ער איז פאַרטראַכט. ווי ניט דאָ איז ער. דער בויך און די ברוסט איז ביי אים פאַרוואונדעט: געשטאָכן מיט שטיקעס. לעבן אים זיצט א יונג מיידל, כמעט א קינד, און טרייבט פון אים די פליגן. אין אירע אויגן איז די זעלביגע שטילע פראַגע.

איך גיי אַריין מיטן דאָקטאָר אין דער פרויען־אָפּטיילונג. אַלץ דאָס זעלביגע, אַלץ דאָס זעלביגע... הענט, פיס, בריסט, זייטן, קעפּ, אויגן — אַלעס

צעבראָכן, צעפּליקט, צעריסן, אונטערגעשלאָגן, געלעכערט. אַלץ די זעלביגע פאַרבלוטיגטע באַנדאַזשן.

איינע אַ קראַנקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און זיצט אויף דער פּאָדלאָגע אָנגעשפּאַרט אָן ראַנד פון בעט: אַזוי איז קילער. זי שאָקלט זיך רעגלמעסיג און קרעכצט אין טאַקט צו יעדער באַוועגונג.

ווייסע פיגורן ליגן אויף די פאַרפלעקטע בעטן און קוקן צום באַלקן...

אָט איז די אַמבולאַטאָריע. אַהער קומען אַזוינע פּאַרוואונדעטע, וואָס קענען נאָך גיין.

איינעם אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציג בייט מען דעם באַנדאַזש. אַ וואונד אין קאָפּ. די האָר זיינען אָפּגעגאָלט און איך זע אַ טיפן קאַרב, וואו עס קען אריין אַ גאַנצער פינגער. די וואונד איז נאָך ניט פאַרנייט און האָט רויטע, מיט בלוט־אָנגעגאָסענע ברעגן. זי גייט איבער דער ברייט פון דעם שאַרבן...

פּאַציענטן איינער נאָך דעם צווייטן. דאָ אַ וואונד אין קאָפּ, דאָ אַ האַנט, דאָ אַן אויג, דאָ דאָס פּנים צעקאַליעטשעט.

וויפיל איז דאָ אַזוינע אין שטאָט? ווער ווייס?

:: :: ::

פון אונטערשטן שטאָק טראָגט אַ אידענע איר טאָכטער אויפן אויבערשטן. די קראַנקע איז ניט עלטער פון פופצן יאָר. זי האָט ארומגעכאַפּט דעם האַלז פון דער מוטער מיט אירע נאַקעטע הענט און קרעכצט שטיל. דאָס גאַנצע בילד — די מוטער מיטן קינד, מאַכט אַ גרויזאַמען איינדרוק.

— שרייבט! — הער איך לעבן מיר אַ צאַרנדיגע שטים. — שרייבט! דערציילט. אָט דעם קינד האָבן זיי געריסן די ציין פונעם מויל. שרייבט!

איך קוק זיך אום. אַ בלאַס פּנים מיט ברענענדיגע אויגן קוקט אויף מיר מיט אומענדלעכער שנאה און פאַראַכטונג.

— דאָס האָבן זיי, אָט די קאָרעספּאָנדענטן, אָנגעמאַכט, — רעדט מיין שכן, און עס קומט אויס, ווי אַ שלאַנג צישעט — דאָס זיינען זיי די ימח שמו'ניקעס שולדיג. ווען מיר האָבן ניט געהאַט קיין קאָרעספּאָנדענטן, האָבן מיר פון קיין פּאָגראָמען ניט געוואוסט...

די אַרומיגע אידן שטייען און קוקן אויף מיר מיט אַ מיטגעפיל, ווי איינער רעדט: וואָס קען מען מאַכן מיט אַ משוגענעם?

פון אויבן פירט מען אַ קראַנקן אונטער די הענט.

יוני, 1906.

די שרעקן אין ביאַליסטאָק

אין גאַס

אַז איר גייט איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק, וועט איר ניט באַמערקן קיין געדריקטע שטימונג. אין די גאַסן איז אַ גרויסע אויפלעבונג. הייפלעך מענטשן פאַרזאַמלען זיך אויף יעדן ווינקל. מען רעדט מיט גרויס התלהבות. מען אַמפּערט זיך. מענטשן דרייען זיך אַהין און אַהער, און אויף די פּנים׳ער ליגט ניט קיין אימה: אַ מענטש ווערט צו אַלעם געוואוינט. מיר איז אויסגעקומען צו הערן דערציילונגען פון אַזוינע פאַקטן, וואָס די האָר פלעגן זיך מיר שטעלן קאַפּויר. און די, וואָס האָבן מיר דאָס איבערגעגעבן, האָבן גערעדט מיט אַ קאַלטער, גלייכגילטיגער שטים. אַ פּנים, אַז דעם מענטשנס נערוון קענען זיך דערנערן נאָר ביז אַ געוויסן גראַד.

אויף דער גאַס קענט איר איצט זען אַזוינע סצענעס. עס פּאָרט אַ וואָגן מיט זאַכן. דער פורמאַן איז אַ קריסט. אין אַ מינוט רינגלט אים אַרום אַ הייפל אידן. מען הייסט וויזן, צי פירט ער ניט קיין אָנגערויבטע חפצים. מען עפנט אַלע בינדלעך, אַלע קעסטלעך. מען קוקט איבער. און עס טרעפט, אַז מען געפינט.

און אויף צייטונגען איז אַ הונגער אינעם פּולן זין פונעם וואָרט. אידישע צייטונגען רייסט מען ממש פון די הענט. איר גייט איבערן גאַס, זעט איר, ווי מענטשן שטייען איינער לעבן צווייטן, איינער לעבן צווייטן, און שלינגען די געדרוקטע שורות. די הייזער פון די צייטונגס־אַגענטן זיינען אין געוויסע שטונדן באַלאַגערט פון מענטשן.

און בכלל, ווען ניט די אויסגעבראָכענע שויבן אין אַלע הייזער אויף די גרעסטע גאַסן און ניט די פאַרשלאָסענע קראָמען, וואָלט איר נאָך דער געשטאַלט פון די מענטשן גופא ניט געקענט גאָר זיך פאָרשטעלן, אַז דאָ אָקאָרשט איז געווען אַ פּאָגראָם, אַז איבער יעדן פון אָט די מענטשן האָט ערשט נעכטן געשוועבט דער טויט. אַ פאַקט איז, אַז די שטימונג פון דער באַפעלקערונג איז געוואָרן נאָך דעם פּאָגראָם אַ סך מער רעוואָלוציאָנערער, אַז צו די „דעמאָקראַטן״ איז איצט די סימפּאַטיע אַ סך גרעסער ווי פריער.

— אַ ברכה אויף זייער קאָפּ! מיר האָבן געזינדיגט אַנטקעגן זיי, — איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון אַזוינע לייט, וואָס האָבן צו דער רעוואָלוציע שוין געוויס קיין שייכות ניט.

:: :: ::

באַטראַכטן אַלע צערואינירטע מאַגאַזינען איז ניט מעגלעך. זיי זיינען פאַרשלאָסן. און דעריבער זעט אויס די גאַס ווי יום־טוב׳דיג. נאָר ווער עס האָט כאָטש אַ קליין שטיקעלע פאַנטאַזיע, ווער עס קען זיך פאָרשטעלן, אַז אָט די אַלע פאַרשלאָסענע טירן און פענצטער האָבן זיך געעפנט מיט אַ מאָל, אַז זיי אַלע האָבן אַ קוק געגעבן אין גאַס אַריין מיט אַלע זייערע פינצטערע לעכער, אַז זיי אַלע האָבן אַן אָטעם געגעבן אויף דער ליכטיגער וועלט מיטן אָטעם פון טויט און פאַרוויסטונג, וועלכע ליגן אין יעדן ווינקעלע, אין יעדן שפּעלטעלע, אויף יעדער איינציגער זאַך, ווער עס קען זיך פאַרטיפן אין דעם אומעט, און אין דעם טיפן שמערץ, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אונטער דער לייכטער דעק פון אויפרעגונג, ווער עס האָט זיך צוגעקוקט אויף דאָס אַלעס, וואָס ס׳קומט איצט פאָר אין די גאַסן פון ביאַליסטאָק, — דער וועט אויף אַ לאַנגער, לאַנגער צייט פאַרגעסן צו לאַכן.

אָט איז גאָטליב׳ס הויז, וואו עס וואוינט דער קאַזיאָנער רב. אונטן, אין קעלער־שטוב, וואוינט אַ קרעמער. ער דערציילט מיר, וואָס ס׳איז מיט אים געשען. מען האָט צערויבט זיין קראָם. מען האָט אויף פּיץ־פּיצלעך צע־ברעקלט זיין גאַנץ הויז־געשיר, מען האָט ניט געלאָזט קיין גאַנץ שפּענדל. ער דערציילט מיר, — און איך זע ניט אין זיינע אויגן קיין טרויער. וואָס איז? זיין ווייב מיט זיינע קינדער זיינען געבליבן געזונט. און געשטאַנען זיינען זיי אַ האָר פונעם טויט. ער, דער מאַן, איז געשטאַנען אינעם ראָם פון דער טיר (די וואַנט איז אין קעלער־שטוב זייער אַ דיקע) צוגעבויגן צו דער ערד, ווען די קוילן זיינען געפלויגן נעבן אים דורכן פענצטער פון דער רעכטער און פון דער לינקער זייט. דאָס ווייב זיינס האָט אָנגעקלאַפּט צו אַ קריסט, וואָס וואוינט אין דעם זעלבן הויז, האָט מען איר דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין ברוסט און זי אַרויסגעוואָרפן צוזאַמען מיטן קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף די הענט. האָט דער מאַן מיט מסירת נפש זי אַרויסגעפירט אין הויף און באַהאַלטן אין אַ שטעלכל. דאָרט, אין מיסט, צווישן שפּענדלעך, אונטער אַ באַרג אַלטע קעסטלעך, זיינען זיי געלעגן, דריי ווייבער מיט קינדער, און האָבן געשטיקט אין פאַרצווייפלונג די מיילער פון זייערע קינדער, זיי

זאָלן ניט געבן קיין פּיפּס. ניט ווייט אין אַ קלאָזעט האָבן זיך פאַרשטעקט פינף מאַנספּערזאָן אויך מיט קליינע קינדער און זיינען געזעסן אין אַנגסטן.

און דאָ, אַ טריט פון זיי, האָט די ווילדע באַנדע געאַרבעט אירע מעשים. דער הויף איז געווען פאַרפלייצט. דער אָנפירער איז געווען אַ קליין שייגעצל — דעם הויז־וועכטער׳ס זונדל. ס׳איז געגאַנגען קולות ביז אונטערן הימל.

דאָס אייגענע שייגעצל האָט גאָטליב׳ס קוואַרטיר אָפּגעראַטעוועט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט געזאָגט צו די כוליגאַנעס: „מען טאָר ניט" — און זיי האָבן געפאָלגט...

נאָר דאָס איז נאָך גאָר ניט. דער דאָזיגער איד איז וואַרשיינלעך אַ פאַרמעגלעכער. ער שפּירט זיך נאָך ניט אַזוי שלעכט. קומט אהין, וואו די אָרימקייט וואוינט, וואו דער טויט, די קראַנקהייט און דער דלות האָבן גע־שלאָסן אַ דרייפאַכן בונד. קומט אהין — וועט אייך פאַרגליווערט ווערן אין די אָדערן אייער בלוט און דאָס ליכט פונעם טאָג וועט אייך טונקל ווערן אין די אויגן.

יוני, 1906.

די שרעקן אין ביאַליסטאָק

יאָמער

צוויי גרויסע אויגן קוקן אויף מיר. פייכט פון טרערן, פול מיט אַן אומאויסגעשפּראָכענער פראַגע, קוקן און זעען מיך ניט.

זי רעדט צו מיר — זי רעדט צו זיך אַליין. אַ פרוי פון אַ יאָר פערציג. דער פנים בלאַס. דאָס קול ציטערט. איך זע נאָך די שאָטנס פון טויט, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אין יעדן קלאַנג פון די רייד, אין יעדן ריר פון דער האַנט, אין יעדן ציטער פון אירע געזיכטס־ציגע פילט איר נאָך דעם נאָר־וואָס איבערגעלעבטן גיהנום.

— פריינט מיינער! ניט געפּרואווט זאָלט איר ווערן פון זיין ליבן נאָמען. בעקער זיינען מיר — איך מיט מיין זון. מיר זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבעט. ס'איז געווען האַלבער טאָג. מיר האָבן זיך אויף גאָרניט געריכט. פלוצלונג לויפט אַריין די קריסטין, אַ שכנ'טע, דערשראָקן, טויט. „אַנטלויפט! זייט זיך מציל! ס'איז שלעכט!" וואָס טוט מען? עס הערן זיך געשרייען. עס טראַסקען שויבן. וואוהין לויפט מען? וואו זוכט מען אַ רעטונג? רבונו של עולם! דער טויט קומט. וואָס וועל איך דאָ קלערן? אין צווייטן צימער איז דער אויוון. וועל איך אַריינקריכן און זיך באַהאַלטן אונטן אין לאָך. די וואַנט איז אַ דיקע. ציגל. אַ קויל וועט ניט טרעפן. אפשר וועט דאָס העלפן. איך ליג. דער זון איז געבליבן. ער איז אַרויף אויפן באַנק אַראָפּ־נעמען די קליידער, האָט דער גאַראָדאָוואָי אין אים אויסגעשאָסן דורכן פענצטער. די קויל האָט געטראָפן אין אויוון, אָט דאָ.

איך הויב אויף דעם קאָפּ. פון דעם ווינקל אויבן איז אָפּגעבראָכן דריי ציגל. דער זון איז געשטאַנען ביים וואַנט, און די קויל איז פאַרבייגעפלויגן לעבן אים.

די ציטערדיגע, מיט טרערן־אָנגעזאַפּטע שטימע ציט ווייטער די גיהנום־געשיכטע.

— כוליגאַנעס אַרום דער שטוב. מען ברעכט שוין די שויבן. אַ געשריי.

א ליאַרעם. טויזנט ווילדע חיות האָבן אָנגעשאַרפט זייערע ציין. פריינט מיינער! וואָס זאָל איך אָנהויבן צו טאָן, וואוהין זאָל איך זיך ווענדן?

— קום, זאָג איך צום זון. לאָמיר לויפן אין הויז, לאָמיר זיך באַהאַלטן ביים קריסט. מיר לויפן אין טויט־שרעק. מיר קלאַפּן. די טיר איז פאַר־שלאָסן. הינטער אונזערע פּלייצעס וואַקסט דער ליאַרעם. דער חלף ליגט אויפן האַלז. מיר רייסן אויף די טירן מיט געוואַלט. דער קריסט איז ניטאָ. זיין ווייב ליגט צו בעט. זי איז אַ קימפּעטאָרין. זי איז אַליין אַ האַלב־טויטע פאַר שרעק. „האָט רחמנות! ליבע, טייערע, גיט אונז ניט אַרויס.״ יענע ציטערט: „וואָס זאָל איך דאָ טאָן? זיי וועלן געוואַר ווערן, וועלן זיי אונז אויך הרג׳ענען, זיי וועלן ניט קוקן, וואָס מיר זיינען קריסטן.״ מיר בלייבן. מיר זיצן אַלע און ס׳אַנטפּאַלט אונז דער מאַמעס מילך. אין מיין הויז ווילדעווען כוליגאַנעס. מיר שווייגן. וואָס העלפט דאָס וויינען?

— אָט אַזוי, ליבינקער, זיינען מיר אָפּגעזעסן דעם גאַנצן דאָנערשטאָג, דעם גאַנצן פרייטאָג. און שבת הויבט אָן שרייען די קריסטין: זי וויל ניט! זי האָט מורא. און אין שטאָט איז נאָך דער אייגענער פייער. איך בעט זי, איך פאַל צו די פיס. וואָס ווילסטו: מיר זאָלן אויסגיין פאַר דיינע אויגן? זי האַלט זיך אירס: זי האָט מורא. ס׳איז פאַר איר אַ סכנה. האָט זיך אַריינ־געמישט איר מאַן. ער זאָגט מיר: טוט אויס די שיך און גייט באָרועס, און טוט זיך אָן אַ פּויערשע פאַטשיילע — וועל איך זאָגן: איר זייט מיין מוטער. און דעם זון אייערן וועל איך באַהאַלטן אין בעט ביי מיין ווייב, — זי איז אַ קימפּעטאָרין וועט זי קיינער ניט טשעפּען.

— און אַזוי איז געווען, און אַזוי האָבן מיר איבערגעלעבט אונזערע ווייסטע טעג. און אַז מיר זיינען צוריק אין שטוב אריין, איז געווען ליידיג. פּוסט. ניטאָ גאָרניט. גאָרניט. נאַקעט זיינען מיר אַרויס. אין איין העמד. אוים!

איך באַטראַכט די שטוב. ס׳איז ניט קיין גוזמא: אין שטוב איז גאָרניט געבליבן. אַ צעבראָכענע באַנק. אַן אַלטער שטרוי־זאַק. און מער גאָרניט. פּעדערן פליען נאָך וואו ניט וואו אין דער לופטן.

די פאַרגייענדע זון פאַרבט די ווענט אין רויטער בלוטיגער פאַרב. איך גיי אַרויס, די מענטשן בלייבן דאָ. זיי וועלן זיצן די גאַנצע נאַכט מיט זייער קומער, מיט די בילדער פון שרעק, די נאַכט־שאָטנס וועלן זיי וועבן טרוימען פון טויט.

קומט, לאָמיר גיין ווייטער.

דעם טויט אין די אויגן

איך האָב זי באַגעגנט אין גאַס. זי האָט געטראָגן צוויי גרויסע פּעקלעך מיט שמוציגע וועש, מיט אַלטע שמאַטעס, אין יידע הענט. דאָס האָט זי ערגעץ דערקענט איר האָב און גוטס און טראָגט עס אַהיים.

זי איז אַ אידענע פון אַ יאָר זיבעציג. הויך און דאַר, מיט אַן איינגעשרומפּן פּנים און מיט אַפּגעבליאַקעוועטע אויגן. זי איז געווען דערציילן אַלץ, אַלץ וואָס זי האָט איבערגעטראָגן. זי איז געווען אויסגיסן, ארויסוואַרפן פונעם האַרצן אַלצדינג, וואָס דאָרטן האָט אָנגעזאַמלט אין די בלוטיגע טעג.

זי רעדט האַסטיג, שנעל, מאַכט מיט די הענט. זי לעבט נאָך אַ מאָל איבער די טויטלעכע שרעקן.

עס האָבן אָנגעהויבן זיך טראָגן קלאַנגען, אַז עס גייט אַ פּאָגראָם, האָט זי אוועקגעשיקט איר טאָכטער מיט די דריי קינדערלעך־עופה׳לעך אין דאָרף אַריין. זאָלן זיי כאָטש ווערן געראַטעוועט. די טאָכטער האָט אויפן וועג אויך געזען דעם טויט פּנים אל פּנים. גוט וואָס ס׳האָט זיך באַגעגנט אַ באַקאַנטער גוי און האָט געזאָגט צו די כוליגאַנעס: טשעפּעט ניט, דאָס זיינען מיינע.

זי אַליין איז געבליבן אין שטאָט. זי מיט איר מאַן. וואוהין זאָלן זיי גיין? געקומען כוליגאַנעס מיט פּאָליציאַנטן. זיי האָבן פאַרשלאָסן די טיר. מען קלאַפּט. זיי עפענען ניט. מען ברעכט. זי זאָגט דעם מאַן: וואָס איז די פּעולה? מען דאַרף אַריינלאָזן. וואָס גאָט וועט געבן. זי עפנט די טיר. זיי זיינען דאָ. זי בעט זיך: האָט רחמנות, מיר האָבן קיינעם ניט געטשעפּעט. זיי הויבן אויף אַ גרויסן האַמער און האַלטן אים איבער איר קאָפּ. „וועסט געבן געלט — וועסטו לעבן. ניט — האָסטו דעם טויט אויפן אָרט.״ דער אַלטער אירער איז אַ איד אַ כעסן. ער האָט אָנגעהויבן שרייען: ניטאָ קיין געלט. זי האַלט אים אָפּ, טרעט אַרויס און ענטפערט: „כ׳וועל געבן; וויפיל ווילט איר?״ מען האָט זיך באַדונגען אויף פינף רובל. וואו נעמט מען די פינף רובל? דער מאַן האָט געלט אין קעשענע, אַ רובל פופציג. האָט ער מורא אַרויסנעמען: זיי וועלן צונעמען אינגאַנצן. און דאָ וויגט זיך איבער איר קאָפּ דער שווערער האַמער: „גיב, אַז ניט שטאַרבסטו.״ האָט גאָט געהאָלפן, אַ קריסט אַ באַקאַנטער אין דרויסן האָט דערהערט און האָט פאַר זיי איינגעצאָלט די פינף רובל.

געפּאַטערט. אוועק די כוליגאַנעס. בלייבט אַ סאָלדאַט. זאָגט ער צו דער אַלטער: „גיב געלט, אַז ניט לייג איך דיך אוועק אַ טויטע.״ און ער מאַכט ניט קיין שהיות, ער טרייבט ניט קיין קאַטאָוועס. זי בעט זיך: „נאַדיר

צוואַנציג קאָפּיקעס.״ לאַכט ער: „דאָס הייסט געלט? גיב, אַלטע, גיב געלט!״ זי דינגט זיך. זי האָט ניט. לייגט איר פּאָר אַ שענדלעכע זאַך, וואָס זי קען עס ניט דערציילן... אַ קיצור, ער בעט ביר. קיין ביר האָט זי אויך ניט. זאָגט זי אים: גלויב מיר, וועסטו קומען אַן אַנדערש מאָל, וועל איך דיר געבן ניט קיין פלאַש, צען פלעשער ביר. אָבער איצט זעסטו דאָך, איך האָב ניט. וואו זאָל איך דיר נעמען ביר?

איז ער, דאַכט זיך, שוין גוט, און טשעפּעט זי ניט, און גייט אַוועק. מיינט זי — זי איז שוין פּאַרטיג. האָט ער צוגעשיקט אַנדערע כוליגאַנעס. און איינער מיט אַ ברייטן האַק־מעסער האָט איר געגעבן אַ קנאַק אין מח און האָט איר געשפּאָלטן דעם קאָפּ, און אין זייט און אין פּוס האָט זי אויך באַקומען וואונדן, נאָר קליינע. אין קאָפּ האָט זי אַ טיפן קאַרב און גייט פאַר־באַנדאַזשעוועט.

דאָס האָב אירס האָט מען איינגאַנצן צעראַבירט.

זי דערציילט. אַרום אונז אויפן טראָטואַר האָט זיך פאַרזאַמלט אַ הייפל מענטשן — אַן ערך פופצן. אַן אַלטער איד מיט אַ גרויער באָרד שטייט אָנ־געשפּאַרט אויפן שטעקן און קוקט אַזוי, אַז איך ווייס ניט, צי איז ער טויב, צי האָט ער זיך אַזוי שרעקלעך פאַרטראַכט. די איבעריגע שאָקלען אומעטיג מיט די קעפּ. עס ווערט טונקל.

זיי שווייגן!

הערט!

פינף־און־דרייסיג קינדערלעך האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט אין איין צימער. פינף־און־דרייסיג קינדערלעך פון אַלערליי עלטער: גרויסע, קליינע און גאָר פּיצעלעך. און זיי אַלע האָבן געשוויגן! זיי האָבן אַליין געשוויגן! זיי זיינען נעלעגן און געשוויגן. זיי האָבן געוואוסט, זיי האָבן געפילט, אַז שרייען הייסט ווערן געטויט. און זיי האָבן געשוויגן. קיינער האָט זיי ניט געהייסן. קיינער האָט זיי דאָס מויל ניט פאַרשטאָפּט. זיי זיינען אַליין געווען קלוגינקע. זיי האָבן אַליין געשוויגן!

זיי וועלן אויסוואַקסן, אויב ביז דעמאָלט וועלן זיי ניט געקוילעט ווערן אין אַ נייעם פּאָגראָם. זיי וועלן אויסוואַקסן און ווערן מענטשן. שטעלט אייך פאָר דעם גיהנום איצט אין דער קינדערשער נשמה, שטעלט אייך פאָר, וואָס זיי וועלן מיטנעמען פון די קינדערשע יאָרן אויף די עלטערע טעג.

„די גאַנצע וועלט איז ניט ווערט איין איינציגע קינדערשע טרער.״

וויפיל ווערטן איז ווערט דער שרעק פון אַט די פינף־און־דרייסיג קליינע אידעלעך, וואָס זיינען געלעגן צוזאַמענגעשפּאַרט אין איין שטייגל און אַליין געשוויגן?

עדות און פאַקטן

פון אַלע פאַקטן, וואָס ס'האָבן מיר איבערגעגעבן מענטשן, וועלכע זיינען אַליין דערביי געווען, רעכן איך פאַר נויטיג צו פאַרעפנטלעכן פאָלגענדע.

א) זלמן ביאַלאָסטאָצקי (די עדות האָבן מיר דערלויבט צו פּובליקירן זייערע נעמען), אַן ארבעטער, אַ פּאַקירער, האָט מיר דערציילט וואָס ער האָט אַליין געזען.

ראַבירן האָט מען אָנגעהויבן דאָנערשטאָג האַלב־צוויי. צוערשט איז מען אָנגעפאַלן אויף וועלער'ס הויז, אויף פּאָפּאָווישציזנע. די זעלבסט־שוץ האָט דאָרט צוויי מאָל פאַרטריבן די כוליגאַנעס. און זיי זיינען מער ניט געקומען. לעבן איין הויז איז געשטאַנען אַ אידישער בחור, דער עלטערער גאָראָדאָוואָי בערען האָט אין אים אויסגעשאָסן און געטראָפן אין זייט. דער בחור האָט זיך קוים אריינגעשלעפּט אין אַ הויז אריין, באַגאָסן מיט בלוט, און איז באַלד אויסגעגאַנגען.

דער זעלביגער זלמן ביאַלאָסטאָצקי איז אָפּגעזעסן ביז שבת, פון דאָנערשטאָג אָן, אין לאַפּידוס'עס הויז אויף פּאָפּאָווישציזנע. די סאָלדאַטן פון וולאַדימירסקן פּאָלק האָבן געשאָסן אין די פענצטער פונעם הויז.

שבת אינדערפרי, זיבן אַזייגער, האָט דער עדות געזען אַט וואָס. עטלעכע סאָלדאַטן פון אוגליטשער פּאָלק האָבן געהאַלטן אונטער־רעק, גירט, זייף, בערשטלעך א. אַז. וו. זיי האָבן פאַנאַנדערגעשפּריט זייערע שינעלן און האָבן אין זיי איינגעפּאַקט די אַלע זאַכן. נאָכדעם האָבן זיי די שינעלן צונויפגעוויקלט, ווי געווייגלעך, ארומגעבונדן מיט רימענדלעך, אָנגעטאָן אויף זיך און אַוועקגעטראָגן.

פרייטאָג ארום צוועלף איז ניט ווייט פון זעלבן לאַפּידוס'עס הויז דער־שאָסן געוואָרן אַ קריסט. אין דעם הויז געפינט זיך אַ וועש־מאַסטערסקאַיאַ פון אַ קריסטין ווידאַסלאַווסקאַ. פּאָליציי האָט אויף דער קוואַרטיר געהאַט אַן אויג, ווייזט אויס, דעריבער ווייל דער זון פון ווידאַסלאַווסקאַ, וועלכער דינט אין באַנק, איז פריער מיט אַ שטיקל צייט געזעסן אין טורמע. ווי די מעשה איז, אין דער קוואַרטיר האָט מען געשאָסן און מען האָט דורכ־געלעכערט הענגענדע קליידער, געמאַכט לעכער אין די ווענט א. אַז. וו. אין

דער מאַסטערסקאַיאַ האָט געאַרבעט אַ קריסטלעך מיידל. אַזוי ווי בעת'ן פּאָגראָם האָט מען קיין זאַך ניט געקענט קריגן, האָט זי געבעטן אירן אַ באַקאַנטן, אַ קריסט, ער זאָל גיין איר ברענגען עפּעס עסן. אַז ער איז אַרויס פון שטוב האָט מען אים דערשאָסן.

ב) ברײַנע דראַזנע, אַן אַרבעטאָרין, איז דאָנערשטאָג, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם, אַרויס פון פאַבריק, נאָר אַזוי ווי גיין אַהיים איז געווען אוממעגלעך, איז זי אַריין צו אירער אַ באַקאַנטער אין קאָנטאָראָ־וויטש'עס הויז, אויף ניקאָלאַיעווסקער גאַס. געגנאיבער דעם הויז געפינט זיך אַ לײדיגער קאַזיאָנער פּלאַץ. ער איז ווארשײַנלעך געווען דער פאַר־זאַמלונגס־פּונקט פון די כוליגאַנעס. דאָנערשטאָג האָט זי דאָרט געזען אַ מאַן פופציג כוליגאַנעס, צווישן זיי איין סאָלדאַט, עטלעכע באַדינטע פון קאָנקע א. אַז. וו., וועלכע זײַנען געווען פאַרזאַמלט און וועגן עפּעס זיך בּאַראַטן. נאָכדעם האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעטיילט אויף קליינע גרופּקעס פון אַ מאַן פינף־צען און זײַנען אַוועק אַ טייל אויף באַזאַרי, אַ טייל אויף פאַבריטשנע גאַס. באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אין די בײדע ערטער איז אַ פּאָגראָם.

פרײַטאָג האָט די זעלביגע עדות'טע געזען דאָרט פאַרזאַמלטע כוליגאַנעס אַ מאַן צוויי־הונדערט. צווישן זיי אײַזנבאַן־באַאַמטע, טשינאָווניקעס, זייטשן און אַנדערע. זי האָט באַמערקט צווישן זיי אויך איבערגעטאָנענע פּאָלי־ציאַנטן. מען איז געזעסן אויף די בענק, אויף שטיינער אַרום און אַרום און זיך גע'עצה'ט. אַ טייל פון זיי איז נאָכדעם אַוועקגעגאַנגען אויף ניקאָלאַיעוו־סקער גאַס. דער קלענערער טייל, צוזאַמען מיט קליינע שקצים'לעך, האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבערן בולוואַרל, געוואָרפן שטיינער אין די אידישע הײַזער און צעראַבירט אַ פּאָר קראָמען. ווען מ'האָט געראַבעוועט אַ קעז־געשעפט, האָט דער פּאַטרול (אַ מאַן צוואַנציג סאָלדאַטן) געהייסן אַרויסטראָגן אַ ברעט קעז און האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעצט און גענומען עסן.

שבת איז זי, ברײַנע דראַזנע, געשטאַנען אין טויער פון קאָנטאָראָ־וויטש'עס הויף אָנגעטאָן ווי אַ שיקסע (אין די טעג זײַנען פילע אידישע מיידלעך אַרויסגעגאַנגען אָנגעטאָן ווי שיקסעס, אַפילו מיט צלמ'לעך אויף די העלדזער). ניט ווייט פונעם טויער איז געשטאַנען אַ פּאַטרול, אַזוי, אַז מען האָט געקענט הערן אַלץ, וואָס די סאָלדאַטן האָבן גערעדט. צום פּאַטרול איז צוגעגאַנגען אַ מאַן פופציג כוליגאַנעס און עפּעס געפרעגט, און זי האָט דײַטלעך געהערט, ווי די סאָלדאַטן האָבן געענטפערט: „הײַנט טאָר מען ניט" (סעוואָדניאַ ניעלזיאַ).

ג) דוד ראָנים איז אַליין אַ דרוזשיניק פון דער פרייער פּאָזשאַרנער דרוזשינע. שבת אינדערפרי איז ער אַרומגעגאַנגען אָנגעטאָן אין זיינע אוניפאָרם־קליידער איבער ניקאָלאַיעווסקע גאַס. ער האָט געזען, ווי אַן אָפיצער פירט אַ אידיש מיידל פאַר אַ האַנט. לעבן גראַנד האָטעל האָט ער זי אָפּגעלאָזן און האָט איר אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט זי זאָל גיין ווייטער. דער אָפיצער איז אַוועקגעגאַנגען. דאָ האָט זיך באַוויזן דער עלטערער גאָראָדאָוואָי לאָבאַנאָווסקי אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, מיט אַ קינזשאַל אין איין האַנט און אַ רעוואָלווער אין דער צווייטער, ער האָט אויסגעשאָסן אין דער מיידל און האָט איר צעלעכערט דאָס פּנים. זי האָט אים געזען, און האָט אים אַ געשריי געטאָן: „לאָבאַנאָווסקי, וואָס טוט איר?" אַז דער גאָראָדאָוואָי האָט דערהערט זיין נאָמען, האָט ער זיך תיכּף אויסגעדרייט און איז איילנדיג אַוועקגעגאַנגען.

ד) אַ קריסט, פּ. איוו. ז־צקי, האָט מיר דערציילט:

אויפן ראָג פון שעיה'ס געסל און סטאָלעצקער גאַס האָבן אַ מאַן צוואַנציג כוליגאַנעס אָנגעהויבן ברעכן אַ קראָם. איז געקומען די זעלבסטשוץ און האָט אָנגעהויבן שיסן. די כוליגאַנעס זיינען זייער שנעל אַנטלאָפן. אַ מינוט צען נאָכדעם זיינען אָנגעקומען די סאָלדאַטן פון דעם צוועלפטן דראַגונער פּאָלק. באַלד נאָך זיי זיינען צוריקגעקומען די כוליגאַנעס. עס איז געשטאַנען פּאָליציי, סאָלדאַטן פון דער קאָנוואָינער קאָמאַנדע (ניט ווייט איז די קוואַרטיר פון דער קאָנוואָינער קאָמאַנדע) און אַזוי פּובליקע. די כוליגאַנעס האָבן אויפגעבראָכן אַ קראָם און אָנגעהויבן זיך טיילן מיט די קאָנוואָינע סאָלדאַטן. די קאַוואַלעריע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און פרידלעך געשוויגן. ווען אין קראָם איז שוין גאָרניט געווען, האָט דער אָפיצער געזאָגט צו די כוליגאַנעס: „גייט אַוועק פון דאַנען!" — זיינען זיי באַלד אַוועקגעגאַנגען.

ווען אַ איד פלעגט דורכגיין דורכן גאַס, פלעגן די סאָלדאַטן שרייען פון ווייטן צו די קריסטן, זיי זאָלן אַוועקגיין אָן אַ זייט, און פלעגן שיסן אין דעם אידן.

ה) לייזער כודקאָווסקי, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון מאַנדזשוריע, איז שבת אינדערפרי געגאַנגען צום וואָאינסקי נאַטשאַלניק. אויף שעיה'ס געסל, לעבן מאָעס'עס הויז, האָט ער געזען, איז געשטאַנען סאָלדאַטן — פּעכאָטע, עטלעכע אָפיצערן פון דעם עלפטן און צוועלפטן קאַוואַלעריע פּאָלק — און אויך באָגאַיעווסקע, דער נאַטשאַלניק פון ביאַליסטאָקער גאַרניזאָן. אַן אָפיצער האָט געהאַלטן פאַרן האַנט אַ אידיש אינגעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין און האָט זיך געמאַכט לוסטיג

איבער אים. דער עדות האָט געהערט ווי דער אָפּיצער האָט מיט חוזק גערעדט צום אינגעלע: „דו ביסט דער אָרטאַאָר.״

צוזאַמען מיט די אָפּיצערן איז געשטאַנען אַ שטאַטסקער מענטש אין אַ געלן מאַנטל און מיט אַ באָרד וואָס איז אונטן גרוי און ביי די זייטן נאָך געל. עס איז געווען קענטיק, אַז ער פירט דאָ די גאַנצע קאָמאַנדע. ער האָט גערעדט מיט באַגאַיעווסקע׳ן, מיט די אָפּיצערן און האָט עפּעס געוויזן מיטן האַנט אויף שאַסעינע גאַס.

הינטער די סאָלדאַטן און אָפּיצערן זיינען געשטאַנען כוליגאַנעס אַ מאַן זעכציק.

דער חורבן

עס איז ניטאָ אויף דער שפּראַך פונעם מענטשן געניגנג פאַרבן צו איבער־געבן די ווירקלעכע געשטאַלט פון פאַרווירסטונג און צעשטערונג, וועלכע איר באַגעגנט דאָ אונטן אויף יעטווידן טריט.

וואָס עס וואַרפט זיך מער פון אַלעמען אין די אויגן — דאָס איז די וואונדערלעכע בריה׳שאַפט, מיט וועלכער מען האָט פון אַלעס געמאַכט אַ תל. איר קוקט און פאַרשטייט ניט: וויפיל האָט מען דאָ געדאַרפט האָבן געדולד, וויפיל זיכערהייט, וופיל אכזריות און רציחה, מען זאָל אַזוי צעברעכן, צע־רייסן און קאַליע מאַכן יעדעס פּיצעלע אין קראָם, אין דער וואוינונג — אומעטום, צו וואָס מ׳האָט זיך נאָר צוגערירט.

גייט אַריין אין אַ צעראַבירטער קוואַרטיר. אַלעס, וואָס נאָר מ׳האָט גע־קענט צונעמען, אַלעס, וואָס ס׳אָט זיך געלאָזט אַוועקטראָגן — האָט מען צוגענומען, אויסגעראַמט. קליידער, וועש, לייכטער, זייגערס, אַפּילו קופּערנע און בלעכענע כלים — גאָרנישט איז ניט געבליבן. און דאָך דוכט זיך אייך, אַז די קוואַרטיר איז פול. איבערגעקערטע טישן, אויסגעבויגענע אַלמערס, אומגעוואָרפענע קאַמאָדן, אויף אַ זייט ליגן די געבעטן — און קוקט זיך צו — זעט איר, אַז אין יעדער זאַך איז דאָ אַ מום. די טישן צעהאַקט, ביי די אַלמערס אויסגעבראָכן די טירלעך, צעשפּאָלטן די געזימסן, ביי די בעטן אָפּגעבראָכן די פיסלעך, ד שפּיגלען אויסגעזעצט, די בענקלעך צעקאַליעטשעט. עס הענגט אַ לאָמפּ — האָט מען די קייטעלעך איבערגעריסן און די גלעזער צעבראָכן. אַ פּושקע פאַר צדקה — אָפּגעריסן פון וואַנט און צעהאַקט. פון די קישנס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ארויסגעלאָזן די פעדערן, פון די סעניקעס — אויס־געשאָטן און פאַנאַנדערגעשפּרייט די שטרוי. אַפּילו ביי אַ פּאָר תפילין האָט

מען צעשניטן אויף שטיקלעך די רצועות. אין דער גאַנצער דירה איז גע־בליבן גאַנץ נאָר איין אַלטע פּאָר הויזן — און זי ליגט ווי אַ יתום אויפן בעט צווישן דער גאַנצער מהומה. און דאָס אַלץ איז באַשאָטן פון אויבן מיט צעריסענע בלעטער פון ספרים, מיט שטיקלעך צעריסענע וועש, מיט עפּעס שמאַטעס, ברעקלעך גלאָז, שערבלעך פּאַיאַנס, שפּענדלעך און מיסט. אין איין קעלערשטוב האָב איך געזען איז די גאַנצע פּאָדלאָגע נאַס און אין איינ־ציגע ווינקעלעך שטייען נאָך לוזשעס מיט וואַסער. דאָס האָט די קאָמאַנדע, נאָך דער אַרבעט, אַוועקגייענדיג, געעפנט די קראַנען פון דער וואַסער־לייטונג, כדי צו פאַרטרינקען די גאַנצע דירה.

אָט איז אַ גאַלאַנטעריי־קראָם. די איינזאַמע לאָדן זעלבסטפאַרשטענדלעך אויסגעבראָכן, צעריסן, צעקנייטשט: מיט געצייג האָט מען זיך פון אָנהויב אָן פאַרזאָרגט אין אָן אייזן־געשעפט. אין קראָם איז האַלב־פינצטער. איר קוקט זיך איין. עס ליגט אַ גאַנצער באַרג פּאַפּירענע קעסטלעך אָנגעוואַלגערט איינס אויפן צווייטן, און איר זעט ניט קיין איין גאַנצע זאַך, אַפילו ניט קיין גאַנץ קעסטעלע, אַקוראַט ווי אימיצער האָט אומיסנע זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — דאָס אַלץ פאַרניכטן, און ניט ווילנדיג קומט אייך אַרויף אויפן געדאַנק: „אַ שדים־טאַנץ!"

פּונקט ווי ס'האָט אַ שריפה דאָ געפלאַקערט, און פון די אַלע פאַרשידנ־אַרטיגע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען, איז דאָ געבליבן נאָר איין גלייכ־גילטיגער בערגל אַש.

אָט איז אַ זייגער־געשעפט. דאָ איז ליידיג. מען האָט אָפּגערייניגט אויף גאָר. אין אַלע צעראַבירטע קראָמען איז געוויינלעך אַ שרעקלעכע ענגשאַפט פון די אָנגעוואָרפענע זאַכן. דאָ איז געראַם. עס גיט נאָר אַ פּאָר הילצערנע פּוטלאַרן פון זייגערס, וועלכע ס'איז וואַרשיינלעך געווען ניט באַקוועם צו טראָגן, און עס וואַלגערט זיך אויף דער פּאָדלאָגע אַן אַלטער ציפער־בלאַט. דערפאַר הינטער דעם מאַגאַזין געפינט זיך דעם אייגנטימער'ס קוואַרטיר. דאָרט, אין די צוויי צימערן, קענט איר שוין זען דאָס געוויינלעכע בילד פון צעשטערונג. די לאָדן זיינען צוגעמאַכט, אין דירה איז פינצטער, פון יעדן ווינקעלע קוקן אַרויס עפּעס מאָדנע שטיקלעך זאַכן, איבערגעמישט אין טונקעלע שאָטנס. אונטער די פיס פּלאָנטערן זיך מיר שופלאָדן, צעבראָכענע קינדערשע שפּילכלעך, אַן אַלבאָם מיט אויסגעריסענע בלעטער, עפּעס שטריק־לעך, בענדלעך, פּאַפּירלעך — און דאָס אַלץ איז איינגעטונקט אין אַ מאָדנער מרהשחורה, און מיר דאכט זיך, אַז דאָס איז ניט קיין ווירקלעכקייט, אַז דאָס מאָלט מיר מיין צערייצטע פאַנטאַזיע אַזוינע משוגע'נע, וואַנזיניגע בילדער,

און ווען איך זאָל נאָר זיך אָנטאָן אַ כח, וואָלטן פאַרשווינדן די אַלע געשפּענסטער און איך וואָלט ווייטער דרזען דעם ליכטיגן טאָג.

ניין! הינטער מיר גייט דער באַלעבאָס פון דער דירה און רעדט עפּעס מיט זיין גלייכגילטיגער גרויער שטימע. די ווערטער פאַלן ווי שווערע טראָפּן רעגן אין האַרבסט־צייט, און פאַרגרעסערן די מרה־שחורה.

ניין! ס'איז ניט קיין חלום. ס'איז אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז שרעקלעכער פון דעם שרעקלעכסטן חלום.

אָט קוקט אין גאַס אַריין אַ שוואַרצע, פאַררויכערטע לאָך, ווי אַן אויסגעשטאָכן אויג, פון וואַנען עס גיסט זיך נאָך דאָס שוואַרצע בלוט. קוקט זיך איין. דאָ איז געווען אַ קראָם, האָט מען זי אָנגעצונדן אינעווייניג. דאָס גאַנצע הויז איז געבליבן, נאָר די קראָם האָט אויסגעברענט. איר זעט נאָר אַ פיר־קאַנטיגע שוואַרצע נעסט, פול מיט שטיקענדיגן ריח פון געברענטע האָלץ, אויסגעהאַנגען אומעטום מיט שוואַרצע, אָפּגעברענטע, צעפּוילטע שטיקליך ברעטער און פּאַפּיר. ווי אַ טויטער שילד איבערן טויטן נעסט הענגט אַן אָנגעברענטער, צעקנייטשטער בלעך: אַ פּנים די פייער־צונגען האָבן זיך ארויסגעשטעקט אויף דרויסן און געלעקט די אויסנווייניגסטע ווענט. עפּעס איז דאָ אַזוינס, וואָס ס'ציט אייך צו אָט דעם שוואַרצן לאָך, פּונקט ווי עס ציט אַ מענטשן אין דער טיפעניש פון אַן אָפּגרונט. עס ווילט זיך נישט אוועקגיין. איר מאָלט אייך דאָס בילד: שיכור'ע מענטשן, פאַר'שיכור'ט פון וויין און פון בלוט, מאַכן זיך לוסטיג, זינגען און וויצלען זיך. אין דרויסן קנאַלן די ביקסן, ערגעץ ביי אַן עק הויז ליגט אַ פאַרוואונדעטער און ראַנגלט זיך מיטן טויט, און דאָ באַגיסט מען האַסטיג די סחורה מיט נאַפט און מען צינדט אָן און מען לאַכט.

ווייטער, ווייטער!...

אָט איז אַ קראָם פון געפעס. דער באַלעבאָס האָט זיך באַוואָרנט. אויף דעם פענצטער אַ פעסטער לאָדן פון אייזערנע פרענטעס. די טיר אַ שטאַרקע. מ'האָט זיך געמאַטערט: ניט געקענט צעברעכן. אַריינגיין איז געווען אוממעגלעך, האָט מען דורך די לעכער צווישן די פרענטעס געוואָרפן שטיינער אין שויב־פענצטער. צעבראָכן די כלים אויף פיצלעך. עס ליגן קליינע שערבלעך און ס'איז אַפילו ניט צו דערקענען וואָס ס'איז דאָ געווען פאַראַ זאַכן. צווישן דעם גאַנצן חורבן, ווי אַ דענקמאָל אויף אַ שלאַכט־פעלד, שטייט אַ קליינינקע סטאַטועטקע פון דריי פרויען־פיגורן מיט אָפּגעבראָכענע קעפּלעך. און ווי אויף חוזק ליגט אויבן אויף אַ פּאָליצקע גרינע גלעזערנע קוגל און שמייכלען נאַריש, — עס טוט זיי הנאה, וואָס זיי לעבן...

ווייטער !...

פֿאַרמאַכטע לאָדן. פֿאַרשלאָסענע טירן. זיי באַהאַלטן דעם סוד פֿון טויט און ווילן אים נאָך דערווײַלע ניט דערציילן. וואו זיינען זייערע איינוואוינער ?

אין אַ קרעמל קריכן אַרום צווישן דעם חורבן אַ מאַמע, אירע קינדערלעך, אַ אינגעלע, אַ מיידעלע, עפּעס עלטערע — ס'איז ניט צו מערקן אין דער פינצטער, עפּעס טוען זיי שטילערהייט און ס'דאַכט זיך, אַז דאָס איז ווערים קריכן אַרום און גראַבלען זיך אין אַ הויפֿן מיסט...

דערפֿאַר דאָרט, וואו ס'איז געפֿאַלן דער גורל צו הרג'ענען — דאָרט איז אין די שטוב־זאַכן דער חורבן ניט גרויס. איך בין געוועזן אין פֿאָדליאַשוק'ס הויז, וואו ס'איז גע'הרג'עט געוואָרן צוועלף אַרבעטער, איך בין געוועזן אויך אין פֿאָלמאַנ'ס מויער, וואו ס'איז גע'הרג'עט געוואָרן לאַפּידוס'עס דריי קינדער (אַ זון פֿון איין־און־צוואַנציג יאָר, אַ טאָכטער פֿון צוואַנציג און אַ זון פֿון זיבעצן יאָר). אין די ביידע הייזער, באַזונדערס אין לאַפּידוס'עס דירה, איז געריבט ווייניג. ס'איז נאָר אַלץ צעוואָרפֿן, איבערגעקערט, אויסגעמישט, דער גרעסטער טייל זאַכן איז דאָך געבליבן.

דער פֿאַקט איז איינער פֿון די העכסט כאַראַקטעריסטישע אין דעם דאָזיגן מייסטערהאַפֿטן פּאָגראָם.

יוני, 1906.

די שרעקן אין ביאַליסטאָק

וואָס האָט געטאָן די זעלבסטשוץ?

וואָס האָבן געקענט טאָן איינציגע צענדליג, אפילו איינציגע הונדערט ארבעטער, באוואפנטע מיט ברויניגגס, געגן א גאנצער דיוויזיע (4 פּאָלקן) סאָלדאטן מיט ביקסן? און דאָך מוז מען זאָגן, אז די ווירקונג פון דער זעלבסט־שוץ האָט זיך געלאָזט פילן אין שטאָט גאנץ דייטליך.

נאָך מער, אויב אין די ארבעטער־קווארטאלן, אין די אָרעמסטע, איז ניט געווען קיין פּאָגראָם, האָט מען דאָס צו דאנקען דער זעלבסט־שוץ.

איך האָב גערעדט מיט ארבעטער, פון וועלכע איינציגע האָבן אליין גע־נומען אין דער זעלבסט־שוץ אָן אָנטייל. ס'איז מיר אויסגעקומען אויך צו הערן מיינונגען פון אָרטיגע שטאָט־בעלי־בתים. אלע מיינונגען שטימען איינע צו דער אנדערער און דער אלגעמיינער איינדרוק איז אזא, אז אָן דער זעלבסט־שוץ וואָלט די הריגה געווען נאָך שרעקליכער, נאָך אומגעהויער גרעסער.

ארויסגעטראָטן איז די זעלבסט־שוץ פון אָנפאנג אין גרעסערע גרופּן. א מינוט צען נאָכן אָנהויב פונעם פּאָגראָם זיינען ארויסגעגאנגען צוויי ארבעטער פון א הויף אויף פּאָפּאָווישציזנע (א פּלאַץ ניט ווייט פון ליפּאָווער), באוואָפנט מיט ברויניגגס. אויף זיי האָבן זיך באלד א לאָז געטאָן פּאָראָוים גאָראָדאָוויעס, נאָכדעם כוליגאנעס. דאן זיינען ארויסגעגאנגען א מאן פופצן ארבעטער און האָבן אָנגעהויבן שיסן מיט ברויניגגס. ארויסגעלאָזן האָבן זיי ניט ווייניגער ווי הונדערט קוילן און האָבן אָפּגערייניגט דעם גאנצן פּלאַץ: עס זיינען ניט געבליבן ניט די פּאָליציאַנטן, ניט די כוליגאנעס; אלע אַנט־לאָפן. שפּעטער א ביסל זיינען געקומען דראגונער און האָבן אָנגעהויבן שיסן. די זעלבסט־שוץ האָט אָפּגעטראָטן. די כוליגאנעס זיינען ווייטער געקומען און זיך גענומען צו דער ארבעט.

אויף דעם זעלבן פּלאַץ איז שפּעטער א ביסל פּאָרגעקומען א נייער צוזאמענשטויס. סאָלדאטן זיינען ארויסגעגאנגען פון מיליטערישן וועטערי־נארנעם לאזארעט און געוואָרפן שטיינער אין די אידישע הייזער. כוליגאנעס האָבן אויך גענומען שטיינער פון ברוק און געוואָרפן. פינף אידישע ארבעטער האָבן זיך באוויזן פון א געסעלע און אויסגעשאָסן איינציגע מאָל. געשטאנען זיינען זיי דערביי הינטער א ווינקל פון א שטיינערנעם הויז, וואָס גייט ארוים אויף פּאָפּאָווישציזנע. די כוליגאנעס זיינען אויך דאָ זיך פּאנאנדערגעלאָפן. נאָר באלד זיינען געקומען סאָלדאטן און האָבן אזוי לאנג געשאָסן, ביז זיי האָבן דאָס שטיינערנע הויז געמאכט, ווי א רעשעטע.

נאָך די דאָזיגע פּראָבעס איז געוואָרן קלאָר, אַז מלחמה האַלטן מיט די כוליגאַנעס, ניט האַלטנדיג אין דער זעלבער צייט אַ מלחמה מיט די סאָלדאַטן, איז פּאָלקאָם אוממעגלעך. געגן די סאָלדאַטן ארויסגיין אין אָפענעם שטרייט איז אָבער געווען צו ווייניג קרעפטן.

אמת, ס'איז געווען נאָך אַנדערע וועגן: שיסן פון די הויפן, אַנפאַלן אויף די סאָלדאַטן הינטערוויילעכס, פון אַ ווינקל הויז אָדער פון אַ שמאָלינקן געסעלע. נאָר די ארבעטער האָבן פארשטאַנען, אַז דאָס וואָלט נאָר פּראָוואָצירן דעם חיל צו מאַכן נאָך אַ גרעסערן חורבן, צו שיסן נאָך מער אין די הייזער און אין די הויפן. מ'האָט דעריבער באַשלאָסן: די סאָלדאַטן ניט טשעפּען, אָנפאַלן נאָר אויף די כוליגאַנעס. זען שיצן פון זיי, וואו און וואָס עס וועט זיין מעגלעך. דערצו איז נויטיג געווען ניט האַלטן זיך אינאיינעם, נאָר זיך פארשפּרייטן גרופּקעסוויז אויף אַ גרעסערן שטח.

אַ שעה דריי נאָכן אָנהויב פון פּאָגראָם איז דער באַשלוס פארווירקלעכט געוואָרן. פון דעם מאָמענט אָן זיינען די מיטגלידער פון זעלבסט־שוץ שוין נעווען די גאַנצע צייט אויפן גאַס. אין קיין באַזונדערע קוואַרטירן איז מען שוין ניט געזעסן. וואו ס'איז מעגלעך געווען, האָט מען געמאַכט פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלן.

ס'איז זייער שווער צו באַקומען אַ גענויע פאַרשטעלונג וועגן דער ארבעט פון דער זעלבסט־שוץ אין אָט די פּאַרטיזאַנישע צוזאַמענשטויסן. מיר זיינען נאָר באַוואוסט איינצלנע פאַקטן.

אַזוי, אויף כאַנאַיקעס (אַן ארבעטער־קוואַרטאַל) האָבן זיך באַוויזן אין איין געסל כוליגאַנעס און זיך געוואָלט נעמען צו דער ארבעט. אַ גרופּע פון זעלבסט־שוץ האָט זיי פארטריבן און זיי האָבן זיך מער ניט באַוויזן. לעבן בית עולם איז ארויסגעלאָפן אַ סטראַזשניק און האָט אָנגעהויבן שיסן אין די ארבעטער, נאָר זיי האָבן אים פארטריבן און ער איז אַנטלאָפן.

אויפן ראָג פון סאַדאָווע און סענדערס געסל האָבן דריי גאָראָדאָוואָיעס ארעסטירט צוויי ארבעטער, וועלכע האָבן אָפּגענומען ביי די כוליגאַנעס דאָס אָנגעראַבעוועטע פארמעגן. אַ גרופּע זעלבסט־שוץ איז אויף זיי אָנגעפאַלן און באַפרייט די ארעסטירטע.

אויף ביאַליסטאָטשאַנער גאַס האָט מען פארטריבן די כוליגאַנעס.

אויף פּאָלעוואָי גאַס האָבן דאָנערשטאָג זיך באַוויזן כוליגאַנעס בראש מיט אַ גאָראָדאָוואָי און האָבן אָנגעהויבן ווארפן שטיינער. די זעלבסט־שוץ האָט זיי פארטריבן.

בכלל האָט ביים מיליטער געדאַרפט בלייבן אַזאַ איינדרוק, אַז ס'איז

פאַראַן אַ גאַנץ באַדייטנדע קראַפט ביי דער זעלבסט־שוץ, און דאָס האָט אָפּגעראַטעוועט די אַרבעטער־קוואַרטאַלן.

גאַנץ סוראַזשער, פּאָסקעס, כאַנאַיקעס, אַרגענטינע זיינען געבליבן אומ־באַרירט. און דאָרט וואוינען די אַרבעטער און ס'איז דאָרטן דער נעסט פון „קראַמאָלע".

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געשען?

דער תירוץ איז קורץ: מיליטער האָט מורא געהאַט אַהין צו גיין. די געסעלעך זיינען דאָרט שמאָלינקע, קרומע, מיט אַ סך פאַרשידענע גענג. באַ־האַלטן זיך דאָרט איז גאַנץ לייכט. מען האָט זיך געשראָקן פאַר באָמבעס (און ווי עס איז באַקאַנט, איז אין אָנפאַנג סוראַזשער גאַס טאַקע געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע), מיליטער איז וואַרשיינלעך געווען איבערצייגט, אַז אין די דאָזיגע אַרבעטער־געסלעך וועט אויסקומען צו פירן זייער אַ שווערע מלחמה מיט דער זעלבסט־שוץ. געגאַנגען זיינען אין שטאָט קלאַנגען, אַז ביי דער זעלבסט־שוץ איז פאַראַן זעקס טויזנט מיטגלידער. און אַזוי ווי אין יענע מקומות איז דערצו קיין רעכטע מאַגאַזינען ניטאָ, דעריבער האָט מען די גאַנצע „אַרבעט" אויסגעפירט אין די רייכע קוואַרטאַלן.

מען דאַרף נאָך באַמערקן, אַז פון אָנפאַנג, וואו נאָר עס פלעגן זיך באַווייזן די סאָלדאַטן אויפן גרענעץ פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, למשל אויף פּאָפּאָווושציזנע, אויף סוראַזשער גאַס, פלעגן זיי באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד. דאָס האָט נאָך געמוזט פאַרשטאַרקן די איבערצייגונג ביים מיליטער, אַז די דאָזיגע קוואַרטאַלן זיינען, ווי אַן אָפיצער האָט זיך אויסגעדריקט: אַן אמת'ער „פאָרט־אַרטור".

אויפן ראָג סוראַזשער און ליפּאָווער איז דעם גאַנצן דאָנערשטאָג, פרייטאָג און שבת געשטאַנען פון איין זייט אַ פּאַטרול סאָלדאַטן, פון דער אַנדערער — די זעלבסט־שוץ. די סאָלדאַטן האָבן געשאָסן און האָבן קיינעם ניט גע־טראָפן, ווייל די זעלבסט־שוץ איז געשטאַנען הינטער צוויי ווינקלען פון געסלעך. און ניט די און ניט די האָבן געוואָגט צו אָנפאַלן איינע אויף די צווייטע.

פון גראָדנע איז אָנגעקומען 10 מיטגלידער פון זעלבסט־שוץ, מען האָט זיי פאַרהאַלטן. זעקס זיינען אַנטלאָפן, די איבעריגע פיר, ווייסט מען ניט וואו זיי זיינען.

פון סאָקאָלקע איז געקומען 10 מיטגלידער — אכט האָבן זיך אומ־געקערט צוריק, צוויי האָט מען דער'הרג'עט.

יוני, 1906.

די שרעקן אין ביאַליסטאָק

פּאָליציי און סאָלדאַטן

די לופט אין ביאַליסטאָק איז נאָך איצט אַזוי פיל אָנגעזאַפּט מיט בלוט, אַז מען קען פון קיין אַנדער זאַך ניט רעדן, נאָר פון די שרעקלעכע מעשים, און אומעטום, וואו נאָר איר קומט, אומעטום הערט איר דאָס זעלביגע, אומעטום דערציילט מען נייע און נייע גרויזאַמקייטן פון דער גרויסער בלוט־באָד, און ווידער און ווידער וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אייערע אויגן דאָס בילד פון אָרגאַניזירטן מאָרד, וואו די מערדער זיינען זיכער אין זייער קראַפט און טוען זיך לאַנגזאַם, געלאַסן, מיט ישוב־הדעת, מיט אַ באַזונדערן נחת זייער אַרבעט פון טויט, און קיינער, קיינער האָט ניט בכח אָפּצוהאַלטן די האַנט פונעם מערדער.

— וואָס ווילט איר ? — זאָגט צו מיר אַ איד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַזאַ גרויסן, אומדערמידלעכן טרויער אין די שוואַרצע, טיף איינגעגראָבענע אויגן, וועלכע איך האָב נאָר געזען ביי כראָנישע קראַנקע, וואָס ליידן יאָרן־לאַנג פון אַ שווערן ווייטאָג, און וועלכן איך באַגעגן דאָ אין ביאַליסטאָק אויף יעטווידן טריט. — וואָס ווילט איר, נשמה מיינע ? פאַר וואָס זאָלן זיי דאָס ניט טאָן ? אַז ביקסן האָבן זיי, סאָלדאַטן האָבן זיי, קוילן פעלט ניט, און לוינען לוינט זיי אויך — וואָס־זשע נאָך ? יושר ? ביי אונזער נאַטשאַל־סטוואָ מענטשלעכקייט ?

— און זאָגט מיר, מיין פריינט — כאַפּט מיך דער זעלביגער איד אָן פאַרן אַרבל מיט אַ פּלוצלעכער האַסטיגער באַוועגונג — זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער וועט דאָס זיי ניט לאָזן מאַכן טאַקע דאָ אין ביאַליסטאָק, היינט, מאָרגן, ווען זיי וועלן וועלן, אַ נייעם פּאָגראָם ? פאַרוואָס ניט ? וואָס וועט זיי שטערן ? און קענט איר זיין באַוואָרנט, אַז ניט ? אָט שטייט ער, דער זעלנער, אויף יענער זייט גאַס. אָט קוקט ער אויף אונז. פאַרוואָס זאָל ער ניט אָנהויבן שיסן אינמיטן דערינען ? און זאָל נאָר איינער אויסשיסן, זאָל נאָר ערגעץ וואו ווערן אַ טומל, אַזוי וועט מען אָנהויבן שיסן פון אַלע זייטן, און וויפיל וועט דאַן פאַלן הרוגים — קענט איר דען איבערציילן ?

אָט די איבערצייגונג, אַז ווען נאָר נאַטשאַלסטוואָ וועט וועלן, וועט מען קענען מאַכן אַ נייעם פּאָגראָם, אָט די איבערצייגונג, אַז געגן סאָלדאַטן מיט ביקסן, וואָס שיסן אין די גאַסן און אין די הייזער, איז ניטאָ קיין שום רפואה, אָט די איבערצייגונג, אַז די סכנה הענגט שטענדיג איבערן קאָפּ און

אַז דער חלף פונעם שוחט קען יעדע מינוט אָנהויבן ווייטער שעכטן אָן רחמים, אַט די איבערציייגונג מאַכט די שטימונג שרעקלעך געשפּאַנט. עס פּילט זיך, עפּעס ווי אַ גרויסע סטרונע איז אָנגעצויגן ביז דעם לעצטן גראַד, ווייטער קען מען שוין ניט, און זאָל מען נאָר זיך צו איר צורירן, אַזוי וועט זי פּלאַצן מיט אַ מורא׳דיגן קנאַל, און אַלעס ארום און ארום וועט פּלאַצן, און אַלעס וועט ווערן אַנדערש, איידער ס׳איז ביז אַהער געווען.

און ביאַליסטאָק איז אָנגעטאָן אין אַ פּאַנצער פון מיליטער — אַקוראַט ווי בכיון, כדי צו פאַרשאַרפן די דאָזיגע שטימונג. און סאָלדאַטן אויף יעדן טריט, סאָלדאַטן שטייען מיט ביקסן אין די גאַסן, סאָלדאַטן גייען אַטריאַדן־ווייז פון איין עק שטאָט ביז דעם צווייטן, סאָלדאַטן אויפן טראַמוואַי, סאָל־דאַטן אויפן וואָקזאַל, סאָלדאַטן אין די הויפן, סאָלדאַטן אין די גערטנער — סאָלדאַטן, סאָלדאַטן, סאָלדאַטן... איר קענט זיך ניט געבן קיין ריר — איר זאָלט ניט דערזען פאַר זיך אַ ביקס מיט אַ שטיקע, און עס דאַכט זיך — ווען מען נעמט אַראָפּ פון דער שטאָט אָט דעם אייזערנעם פּויסט, וואָס האָט אָקאָרשט אָפּגעטאָן אַזאַ טייוולשע אַרבעט און היט איצט זיין אייגענעם קרבן, ווען מען זאָל כאָטש ניט זען די סאָלדאַטן פאַר די אויגן, — וואָלט שוין געווען גרינגער צו לעבן, וואָלט מען גיכער געקענט צו זיך קומען, וואָלט מען געקענט אויב ניט פאַרגסן, איז כאָטש צוגעוואוינען זיך צום גרויסן אומגליק.

ווער קען זיי אָבער זאָגן אַ דעה?

און מיט באַזונדערער חוצפּה פּאַרט אַרום די באַוואָפנטע מאַכט איבערן שטאָט, און קוקט מיט גדלות פון אַ זיגער אין אייערע אויגן: אָט בין איך! אָט קוק מיך אָן! אפשר געפעלט איך דיר ניט?

און פאַרנאַכט, ווען די זון הויבט אָן פאַרגיין און די באַוועגונג אין גאַס הערט אויף — נאָך אַכט־ניין אַזייגער האָט מען מורא זיך ווייזן אויפן גאַס — און אין שטאָט פאַרשפּרייט זיך אַ געהיימניס. פולע שטילקייט, און די שווערע טריט פון די סאָלדאַטסקע שטיוול קלינגען הילכיג און פּעסט איבער די שטיינער פונעם ברוק און דער איינוואוינער קוקט מיט אומרו אַרויס דורכן לאָדן פון זיין פענצטער: וואָס טוט זיך עפּעס דאָרט אין גאַס אין דער שטילקייט פון דער נאַכט? — אין דער דאָזיגער צייט הויבן זיך אָן פאַנאַנדער־פליען איבער די שטומע גאַסן די קלאַנגען פון אַ פריילעך און לעבעדיג לידל, וואָס רייסט זיך אַרויס פון הונדערטער געזונטע העלזער: דאָס זינגען די סאָלדאַטן זייערע סאָלדאַטסקע לידער.

און די אָפיצערן שפּילן אין קאָרטן, און די אָרגאַניזאַטאָרס און די העלדן

פון דער שחיטה ווארטן אויף א גוטן לוין פאר זייער ארבעט און זעען פאר זיך א גלענצנדע צוקונפט.

„אויף קיין זיגער איז ניטא קיין משפט", — כל זמן ער איז א זיגער, ווען דער אייגענער זיגער וועט ווערן א באזיגטער, וועט מען אים דערמאנען אלע זיינע „נצחונות" און באצאלן פאר זיי מיט א פולער האנט.

א שטראף-עקספעדיציע

ווען איך האב באזוכט די פאמיליע לאפידוס, וועלכע האט אנגעווארן אין פאגראם צוויי זין און איין טאכטער און ביי וועלכער ס'איז אחוץ דעם איין טאכטער פון גרויס צער אראפ פונעם זין, — האט באזונדערס צוגעצויגן מיין אויפמערקזאמקייט איין באמערקונג, וועלכע איך האב דארטן געהערט.

— דאס איז ניט געווען קיין פאגראם, — האט געזאגט איינער פון די שטוב־מענטשן, — דאס איז געווען אן אמת'ע שטראף־עקספעדיציע, כולי־גאנעם זיינען דא געווען נאר לפנים—א דעקאראציע צו פאליציי און מיליטער.

דער הויפט־טוער אין פאגראם איז געווען פאליציי און מיליטער.

וועגן זייערע מעשים ווייסט יעדער פון די ביאליסטאקער איינוואוינער צו דערציילן אן אן עק.

איינע, א היגע באלעבאסטע, האט מיר דערציילט, וואס זיי האבן אויסגעשטאנען אין טאג פון פאגראם.

ווען מ'האט אנגעהויבן שיסן, האבן זיי זיך באהאלטן אלע, עטלעכע געזינדן, אין דעם וואנע־צימער און האבן זיך דארט געשטיקט שטילערהייד. די קינדער האט מען אריינגעלייגט אין וואנע און מען האט זיי געהייסן שווייגן. אן אימה. אין דרויסן שיסט מען — א קנאל נאך א קנאל, פלוצלונג הערט מען — מען קלאפט אין טיר, גראבע שטימען: „עפנט, פארשאלטענע זשידעס!" יענע שווייגן, מען ציטערט, עס טרעפט ניט א צאן אויף א צאן. „עפנט!" דאס קלאפן ווערט שטארקער. „עפנט, אז ניט וועלן מיר שיסן." ניטא קיין ברירה, מוז מען עפענען. די פרויען פאלן איינע דער אנדערער אויף די העלזער, מען זעגנט זיך, א ביטער געוויין. צי וועט מען זיך נאך זען אויף דער וועלט? געעפנט. עס גייען אריין אן אטריאד סאלדאטן, א פאר פאליצייסקע, איינינגע כוליגאנעם, די ביקסן אויסגעשטעלט אפריער, גרייט צום שיסן. „זשידעס, מיר מוזן אייך טויטן — פון אייער שטוב האט מען געשאסן." — סטייטש, ווער, וואו? — ניטא קיין ענטפער. „הער פעלד־פעבעל! זאלן מיר שיסן?" — אזוי פרעגן די סאלדאטן. דער טויט — אט־אט, ער איז שוין דא. די גרעסערע מענטשן אין שטוב שטייען פארשטיינערט.

צוויי קליינינקע מיידעלעך, איינע פון 7, די אנדערע פון 5 יאָר, בלייכע, האַלב־טויטע, הויבן אויף די הענטלעך צום הימל און זאָגן: „גרויסער גאָט! מען וויל אונז שיסן!" דאָס מאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז אַפילו איינער פון די כוליגאַנעס האָט אָנגעהויבן גלעטן די קינדערלעך איבער די קעפּ און זיי באַרואיגן: „עס וועט אייך גאָרניט זיין." די עלטערע הויבן אָן בעטן רחמים. די סאָלדאַטן מיט די פּאָליציייסקע האַלטן זיך אַן עצה. און דאָ שטייען די סאָלדאַטן מיט אויסגעשטעלטע ביקסן און עס ווילט זיך זיי שיסן — זיי גייען אַרויס. מען זעט אין זיי — זיי האָבן ניט קיין געדולד, זיי פרעגן אַלץ דעם גאָראָדאָוואָי: שיסן צי ניט?

בקיצור, מען האָט זיי באַצאָלט שיינע עטלעכע רובל, און ערשט דעמאָלט האָבן זיי מסכים געווען ניט שיסן גלייך, נאָר פריער אַרומזוכן די שטוב. דערביי האָבן זיי מזהיר געווען, אַז אויב זיי וועלן געפינען כאָטש אַ רמז פון געווער, וועלן זיי ניט איבערלאָזן אין שטוב קיין איין לעבעדיגן מענטשן. די גאַנצע צייט, וואָס עס איז געגאַנגען די זוכונג, האָבן די סאָלדאַטן געהאַלטן זייערע ביקסן אָנגעשטעלט און די פּאָליציייסקע זיינען געשטאַנען מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן. אַזוי האָט געדויערט ניט ווייניגער ווי צוויי שעה, און ערשט נאָך דעם האָבן זיי פאַרלאָזן דאָס הויז.

פּונקט אַזאַ מעשה האָט מען מיר אויך דערציילט (איבערגעגעבן האָט דאָס מיר מאיר הורוויץ, אַן איינבינדער) איז פאָרגעקומען אין יאַנאָווסקי'ס הויז. דאָרט איז אַ אידענע געגאַנגען צו קינד, מען האָט געמוזט רופן אַן אַקושערקע, האָט מען זיך געדרייט אַהין און אַהער, דאָס האָבן באַמערקט די סאָלדאַטן, איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ גאָראָדאָוואָי און דריי סאָלדאַטן. אין שטוב איז געווען אחוץ דער קימפּעטאָרין, עפּעס אַ 16 ווייבער און 4 מאַנספּערזאָן. ס'איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ שרעק. די סאָלדאַטן שטייען און שווייגן, דער גאָראָדאָוואָי האָט זיך מישב געווען אַזוי: „די ווייבער וועלן מיר ניט טשעפּען — זיי זיינען ניט שולדיג, נאָר די מאַנסבילן, די שוואַרצע בלוזקעלעך (שוואַרצע בלוזקעס איז אין ביאַליסטאָק אַ סימן פון „קראַמאָלע") — מיט זיי וועלן מיר זיך צערעבענען." מ'האָט צוגערופן איינעם פון די בחורים: „קום אַהער." יענער איז צוגעגאַנגען, איין סאָלדאַט האָט אויסגעשאָסן, נאָר ער האָט קיינעם ניט געטראָפן, דער אַנדערער האָט גענומען שלאָגן דעם בחור מיטן פּריקלאַד (שפּעטער האָט מען אים אַרעסטירט און געשלאָגן אין אוטשאַסטאָק מכות רצח). די איבעריגע דריי האָבן ניט געוואָלט וואַרטן, זיי זיינען אַרויף אויפן בוידעם און אַראָפּגעשפּרונגען פון עם צווייטן שטאָק, און אויף אַזאַ אופן זיך געראַטעוועט דאָס לעבן.

יוני, 1906.

די לינדן־ביימער בליען

מיט לינדן־ביימער זיינען באזעצט אין ביאליסטאָק איינציגע גאַסן. גרינע שאָטנס וואַרפן זיי אויף די צערויבטע, פּאַראָומערטע הייזער. אין דער צייט פון דעם פּאָגראָם און נאָך דעם האָבן די ביימער געבליט.

העל האָט געשיינט די זון, סאַמעט איז געווען דער בלויער הימל. די פרישע זומער־לופט — קריסטאַל. און אין די גאַסן האָט די באַנדע מערדער געטאָן מיט שמחה איר בלוטיגע אַרבעט. פריילעך איז געווען די סעודה. היים איז געווען דאָס בלוט. שטאַרקער האָט עס פאַר׳שיכור׳ט, איידער אַלטער, אויסגעהאַלטענער וויין.

די לינדן־ביימער בליען! אַ זומער־ווינטעלע שאָקלט לאַנגזאַם די גרינע צווייגן. געלער בלומען־שטויב שיט זיך אין דער העלער, פינקלדיגער לופט. לעבעדיג אין די גאַסן, יום־טוב׳דיגע פּנים׳ער, יום־טוב׳דיגע שטימען. סאָל־דאַטן שטעכן מיט ביקסן און לאַכן, און ווינצלען זיך מיט די קריסטאַלעכע דינסט־מיידלעך. כוליגאַנעס שלעפּן זאַכן פון אַ שטוב און געפינען דאָרט אַ גרויסע מציאה: אַ אידן, אַ פאַרבאַהאַלטענעם אידן! — „אהער! גיט אים אהער!” אַ געפילדער. הילכיגע רופן. נייגעריגע בליקן. „חבר! אַ האַמער! ווער האָט אַ האַמער?” — ס׳איז דאָ! איינס און צוויי! איינס און צוויי! אָט אזוי!... אַ טייכעלע בלוט,, אַ קליין טייכעלע בלוט. פונעם טייכל הויבט זיך אַ פּאַרע... „גוט געאַרבעט!” — זעט, אפשר איז ער נאָך גאָר ניט גע׳פּגר׳ט — אַ הויב אין דער לופטן, אַ שליידער, און ווייטער, און ווייטער... ער ליגט... דאָס בלוט ווערט שוין פאַרגליווערט און טונקל. אויפן טויט־בלאַסן פּנים ליגט אַ גרויער שטויב. די לינדן־ביימער שאָקלען לאַנגזאַם מיט זייערע גרינע צווייגן.

די לינדן־ביימער בליען! דער הימל גייט אַוועק אין דער הויך און פאַר־שפּרייט זיך אָן אַ גבול, אָן אַ ברעג. דער בלומען־דופט שוועבט אין דער לופטן, און גלעט אייך, און דערציילט אייך פון ליבלעכע טרוימען. אין העלע יום־טוב׳דיגע קליידער איז אָנגעטאָן דער עולם אויפן גאַס. העלע בליצן וואַרפן די שטראַלנדע אויגן. העלע אויסגעשרייען שטעכן דורך די לופט. „חברים, אהער! אָט דאָ.” אַ טראַסק, אַ קלונג, עס הילכט, עס ציטערט דאָס הויז, געעפנט. „הורא!” — אהער! אַן ענגשאַפט, אַ טומל! אַ גאַנצע כוואַליע פון בענדער האָט זיך אויסגעגאָסן איבער די קעפּ. ווייסע, רויטע,

געלע, גרינע. זיי פלאַטערן, זיי שוועבן, זיי פאַרפלאָנטערן די פאַר'שיכור'טע קעפּ. מענטשן דרייען זיך, ווי משוגעים, מענטשן טאַנצן, און שרייען, און פילדערן. הורא!...

די לינדן־ביימער בליען! די זון איז שוין פאַרגאַנגען. די בלעטער הענגען פּייכט פון טוי, און רירן זיך ניט. ערגעץ פאַלט אויף זיי אַ רויטער אָפּשיין. וואָס איז דאָס? דער ראַנד פון הימל איז רויט באַפאַרבט, אין גאַס איז שטיל, טויט, קיין נפש. שטומע רייען הייזער קוקן מיט אַ גרויל אין דער שטומער נאַכט אַריין. ערגעץ ווייט הויבן זיך צום הימל לאַנגע פייער־צונגען, עס ברענט. רויטע וואָלקנס טראָגן זיך איבערן טונקעלן הימל, ערגעץ שיסט מען, טראַך!... טראַך!... דאָ איז רואיג, דאָ איז אַ בית־עולם. נאָר אין די קברים ליגן לעבעדיגע מענטשן, אין די לעבער וואוינט מיט זיי דער בלינדער שרעק, וואָס פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. אין די לעבער וואוינען די שרעקנס־בילדער, וואָס ציען פון אייך אַרויס דאָס לעבן און גיסן אַריין קאַלטע בליי אין אייער צעהיצטן מח. שאַ! רירט זיך ניט! רירט זיך ניט, לעבעדיגע מתים, מאַכט ניט קיין באַוועגונג! ליגט און שטומט! און פאַרשטאָפּט די מיילער פון אייערע קינדער! דער שונא איז נאָענט. שטילער! ער שלאָפט ניט! ער לויערט! שטילער! דער טויט גייט.

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז שמעקנדיג־זיס, די שטערן פינקלען אין צויבער־פּראַכט. די לופט איז פול מיט סודות. דער גאָרטן האָט זיך צו־גענייגט צו דער ערד און דערציילט איר עפּעס מיט זיין רירנדער בלעטער־שפּראַך, בלומען־ריחות און שטערן־שיין. וואָס־זשע קרעכצסטו, מיין אָרימער ברודער? דו האָסט זיך דאָך געראַטעוועט פון טויט, דו האָסט זיך באַהאַלטן ביזן קאָפּ אין קויט און די מערדער וועלן דיך ניט באַמערקן. דו ליגסט אַזוי שוין דעם גאַנצן טאָג, דיין אָרט איז זיכער, דו ביסט ניט איינער אין אַזוינע ערטער באַהאַלטן, וואָס־זשע וויינסטו? וואָס־זשע קייקלען זיך בלוטיגע טרערן איבער דיין אויסגעמוטשעטן מאַרטירער־געזיכט? וואָס ברענען זיי ווי פייער דיין קראַנקע נשמה? ברודער! אומגליקלעכער ברודער!

די נאַכט הערט זיך איין, זי זאַפּט אין זיך איין די שטילע קרעכצן און די גליענדע טרערן און פאַרשפּרייט איבער אַלעם איר מאַנטל פון שאָטנס, שטערן־שיין און בלומען־דופט. אויפן עק גאַס ליגט אַ פאַרוואונדעטער, ער קרעכצט שוין ניט, ער ליגט צונויפגעקנייטשט ווי אַ ליידיגער זאַק און הויכט אַרויס זיין נשמה אין דער שטילער נאַכט אַריין.

בלומען־ריחות און שטערן־שיין, די לינדן־ביימער בליען...

יוני, 1906.

צום נייעם יאָר

הערט זיך איין: פון אָדעס ביז וואַרשע, פון ביאַליסטאָק ביז סעדלעץ, פון איין עק אידישן תחום ביז דעם צווייטן, קלינגט אַ שווערער, אומענדלעך טיפער, אומענדלעך ביטערער זיפץ.

קוקט זיך איין: אין שטעט און שטעטלעך, אין אַלע ערטער, וואו ס'לעבט אין ווייטאָג דער איד — דער מאַרטירער, האָט אַ טויט־שרעק אויסגעשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגל, און בלייכע פּנים'ער קוקן מיט פאַרצווייפלונג דעם נאָענטן טויט אין די אויגן.

מיט שרעק שטייט מען אויף, מיט שרעק לייגט מען זיך אויף דעם געלעגער פון יאוש און טרויער. מיט אַ צעבראָכענעם געמיט באַגעגנט מען דעם ליכטיגן טאָג, מיט אַ קומער עמפּאַנגט מען די פינצטערע שאָטנס פון נאַכט. מיט אַ פאַרקלעמטן האַרץ קוקט די מוטער אויף אירע קינדער: צי וועלן זיי דערלעבן דעם מאָרגנדיגן טאָג?

דער שונא הערשט. דער שונא האָט אויסגעשפּרייט זיין האַנט. ער גייט. און טויט און פאַרוויסטונג זייט ער אין אַלע עקן. און פון דער ערד שרייט דאָס הייסע קאָכיגע בלוט, שרייט און זידט און פאָדערט נקמה.

קוקט זיך איין: אין דער פינצטער, איינגעהויקערט, מיט אַ פאַרגליווערטער אַנגסט אין די אויגן, שטיל, ווי די שאָטנס, איילן הונדערטער, איילן טויזנטער אַהין, קיין מערב־זייט, אַרויס פון דעם גיהנום, ווייטער אַ ביסל פון דער הערשאַפט פון טויט.

מען לויפט. מען קוקט זיך ניט אום. הינטער די פּלייצעס שפּאַנט דער שרעק מיט האַסטיגע טריט און אָטעמט אויף די לויפנדע מיט אַן אָטעם פונעם קבר, און טויטע טרוקענע ביינער קלאַפּן צום טאַקט און לאַכן מיט אַ ווילדן געלעכטער...

מען לויפט — ווער עס קען! וואוהין וועט איר לויפן, — איר מיליאָנען, וואָס קענט זיך ניט רירן פון אָרט, איר מיליאָנען אויסגעמוטשעטע, הונגעריגע מענטשן, וואָס קענט ניט אַרויס פון דעם פייער? וואוהין וועט איר גיין?

ווי וועט איר רעטן אייער לעבן און דאָס לעבן פון אייערע קינדער? וואו איז די הילף?

אייער הילף איז אין אייך אַליין! איר אַליין זיינט דאָס שטאַרקסטע געוועהר. פאַרברענט אין צאָרן אייער זעל, פאַרטרינקט אין גיפטיגער שנאה אייער גייסט. פאַרהאַרטעוועט מיט פעסטן ווילן אייער האַרץ. און זאָגט זיך אַנטשלאָסן: מיר מוזן ברעכן דעם שונא, מיר מוזן צעטרעטן די שלאַנג, אויסרייסן, אויסראָטן, פאַרטיליגן אירע אַלע הונדערטער קעפּ.

אין אונז איז אונזער הילף. אין אונזער האַנט, אין דער האַנט פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע, איז אונזער רעטונג. מיר אַלע, פאַר־אייניגט און שטאַרק, וועלן אַריינשטעקן אונזער באַפּאַנצערטע האַנט אינעם טיפן האַלז פון דער ווילדער חיה און וועלן זי מיט אייזערנעם כח צערייסן אויף צווייען. דאַן וועט ווערן אַ סוף.

פעסט — געגן שונא! פאָרוועררטס — אַנטקעגן דעם ליכטיגן טאָג. לאָמיר באַשאַפן דאָס נייע יאָר! ניי מיט זונענשיין, ניי מיט לעבן און העלן ליכט!

סעפּטעמבער (ערב ראש השנה), 1906.

דאס פאָלק וועט זינגן

„ווען אַ הויז ברענט, ווער טראַכט וועגן צעבראָכענע שויבן?״

ווילד איז אונזער רעאַקציע שטענדיג געווען, עזות׳דיג ווי איצט איז זי נים געווען אין די סאַמע פינצטערע צייטן. עזות׳דיג, אַנטפּלעקט, אָן אַ שום מאַנטל צו פאַרדעקן דעם העסלעכן, צעפוילטן, קרעציגן גוף.

אָפן איז די שפּיל... אומקומען זאָל רוסלאַנד, אַבי די זעלבסטהערשונג זאָל לעבן און געזונט זיין!

אַ זיצונג אין מיניסטאָרן־ראַט. מען רעדט וועגן דעם, אַז אייניגע אָפיצערן האָבן איבערגעבאַפּט די מאָס, איינשטילנדיג די „גאַסן־אומרועו״. דורנאָוואָ איז מודה: די קאָמאַנדירן האָבן טאַקע אין אייניגע ערטער געטאָן מער, ווי זיי זיינען געווען באַפאָלמעכטיגט, נאָר רופן זיי צום משפּט איז איצט נים מעגלעך; ווייל עס איז צו אַ וויכטיגער מאָמענט, און אויב מען וועט זיי רופן צום משפּט, וועט דאָס דעמאָראַליזירן דאָס חיל, וואָס איז איצט באַזונדערס נויטיג.

„ווען אַ שטוב ברענט און מען דאַרף לעשן די שריפה, איז ניטאָ ווען צו טראַכטן וועגן צעבראָכענע שויבן״, — אַזוי דריקט זיך אוים דורנאָוואָ אין זיין רעדע.

אַלזאָ, מיליטער־פריהייט! שיסט אין די גאַסן אויף רעכטס און אויף לינקס, שיסט אין פאַרזאַמלונגען, שיסט אין איינצלנע מענטשן, רייסט זיך אַריין אין די הייזער, קוילעט און שמייסט, און ראַבירט און באַשענדעט! לאָזט פריי אייערע ווילדעסטע געפילן. קיינער וועט אייך נים ווערן. „די שטוב ברענט!״ ווער וועט טראַכטן וועגן אַזוינע קלייניגקייטן, ווי דעם מענטשנס לעבן, ווי דעם מענטשנס ערע? אַלעס איז דערלויבט! פון די הויכע פענצטער איז אַרוים אַן אָפיציעלע דערלויבעניש. דורנאָוואָ רעדט. וויטע זאָגט אָמן. און די מיניסטאָרן זיצן און שווייגן. „די שטוב ברענט!״

... די זעלבע זיצונג. דער יוסטיץ־מיניסטער אַקימאָוו לייענט אַ צעטל אַרעסטן, וואו נאָך זיין מיינונג נאָך זיינען די יסודות פונעם משפּט באַרירט! ער דערמאָנט דעם אַרעסט פון קאַלמאַנאָוויטש׳ן, וואָס מ׳האָט פאַרנומען אינעם בנין פון סוד. ער, — דער רוסישער ביוראָקראַט, אויסגעקאָכט אין

ווילקיר, — ער אַפילו געפינט, אַז אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין, וועט ער ניט קענען פאַרנעמען זיין שטעל.

דערויף ענטפערט ווייטער דורנאָוואָ. דער מאָמענט, זאָגט ער, איז איצט אַזוי, אַז מען קען זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַזוינע קליינינגקייטן. אמת, עס דאַרף ניט זיין אַזוינע זאַכן, נאָר אין פאַרגלייך מיט דער איצטיגער לאַגע איז דאָס גאָרניט.

צום טייוול, הייסט עס, דעם משפּט! צום טייוול דעם לעצטן שאָטן פון גערעכטיגקייט! צום טייוול אַלעס, וואָס ס׳קען שטערן דער זעלבסט־הערשנדער אדמיניסטראַציע!

האַרמאַטן און קוילן, קוילן און האַרמאַטן! אַרעסטן, טורמעס, פּאָליציי, זשאַנדאַרמען, קאָזאַקן. אַלעס מעג מען! ניטאָ קיין צוים! ניטאָ קיין שום שטערעניש. דער משפּט פון דער זעלבסטהערשונג וועט שווייגן.

עס גייט אָבער אַ נייער משפּט! עס גייט אַ ריכטער, אַ גערעכטער, אַ שטרענגער ריכטער! ער וועט רופן צום משפּט אַלע פאַרברעכער. ער וועט באַצאָלן יעדן נאָך זיינע מעשים...

יאַנואַר, 1906.

היפוכים

בילדער גרויזאַמע, בילדער שרעקלעכע, בילדער לעבערלעכע, דער־שיינונגען פול מיט אַ מורא'דיגן קאָמיזם — אַלץ איבערגעמישט אין דעם תהו־ובוהו פון דער איצטיגער וואַנזיניגער רוסישער ווירקלעכקייט. און דאָס גרויזאַמע פאַרשאַרפט זיך אַזוי שפּיציג, אַז עס ווערט אַזש לעבערלעך, און דאָס לעבערלעכע איז אַזוי אָנגעפילט מיט זאַפטן פון שרעקעניש, אַז עס ווערט אַזש גרויזאַם. און פון איין זייט די תליות, און פון דער אַנדערער זייט דאָס וואָס די דייטשן רופן „גאַלגאַן־הומאָר" — די תלינ'ישע לצנות, און די לצנות קוקט מיט אירע חוזק־אויגן פון אַלע ווינקעלעך, און דאָס גאַנצע לעבן איז געוואָרן אַ הוילע לצנות — איין גרויסע, מיט בלוט טריפענדע, אין צאָרן איינגעוויקלטע, מיט טויטשאָטנס פאַרוואָלקנטע לצנות.

אָט זיינען די רוסישע באַסטיליעס — די גרויע, פינצטערע קאַזעמאַטן. ניט פון שטיין זיינען זיי אויסגעבויט — פון די ביינער פון אונזערע דער־האַבנסטע, אויסדערווייטלטע ברידער. ניט מיט פאַרב זייגען איינגעפאַרבט זייערע גרויע ווענט, — מיטן מאַרך און די טרערן פון די לויטערסטע נפשות. און די לופט איז פול מיט אומאויסגעשפּראָכענע, אומבאַקאַנטע ליידן. הונגער־שטרייקן, מענטשן געבונדענע, אויגן גליענדע אין אוממעכטיגן כעס, אַ ברומען פון משוגע־געוואָרענע, אַ קרעכצן פון קראַנקע, בילדער פון היץ. מענטשן באַגיסן זיך מיט נאַפט און צינדן זיך אָן... פּאַפּיראָסן פאַרלאָשענע אָן מענטשנס לייבער, פרויען אינעם רשות פון ווילדע חיות...

און פלוצלונג הערט איר אין די קאַזעמאַטן (אין מאָסקווע איז דאָס געוועזן) אַ פריילעך, לעבעדיג געלעכטער. און דאָס געלעכטער איז אָנשטעקנד. עס לאַכן די פּאָליטישע, עס לאַכן די אונגלאָאָוונע, עס לאַכן די וועכטער — עס לאַכט די גאַנצע טורמע פון אויבן ביז אַראָפּ. וואָס איז געשען? מען האָט געבראַכט אין טורמע דעם ערשטן „באַפולמעכטיגטן", דעם ערשטן „פאָלקס־פאַרטרעטער", וואָס האָט געהאַט דעם אומגליק צו אויסגעווײלט ווערן אויף די וויבאָרעס און ניט צו געפעלן נאַטשאַלסטווע.

און שפּעטער אַ ביסל הערט איר אין דעם זעלבן קאַזעמאַט דאָס

ארבעטער־ליד? „מארסעליעזע״. ווער זינגט? ניט די ארבעטער, ניט די רעוואלוציאנערן. עס זינגט דער זשאנדארמסקע אפיצער. דאס נעמט ער אראפ דעם דאפראס ביי פויערים, וואס ווייסן פון גארניט צו זאגן. — „מאר־סעליעזע״ האסט געזונגען? — דער פויער פארשטייט ניט. רעוואלוציאנערישע לידער געזונגען? — דער פויער שווייגט. ער קנייטשט מיט די פלייצעס. דער זשאנדארמסקע מאכט ניט קיין שהיות און ווייזט אים פראקטיש, וואס מען מיינט דא, און צווישן די קאלטע שטיינערנע ווענט, אין דער שטיקנדער לופט פון די קאזעמאטן הויבט אן קלינגען פון זשאנדארמס מויל דאס היילינע ליד „מארסעליעזע״.

וואס איז דאס — ניט לצנות?

:: :: ::

אט האט איר די שריפות. עס ברענען שטעט, עס ברענען דערפער. אין באלטישער געגנט פילע פרעכטיגע אלטע שלעסער געמאכט צו אש. פויערשע הייזער פלאקערן אן צאל. מאסקווע זעט אוים ווי נאך א לאנגער באלאגערונג. חורבות, חורבות, וואו מען טוט זיך א קער. א ים פייער האט דא נעגאסן זיינע רויטע כוואליעס. האמעל שטייט נאך ווי לעבעדיג פאר די אויגן. האמעל ברענט, קיינער לעשט ניט. לאנגע פייער־צונגען לעקן די בנינים, ציען זיך ווייטער און ווייטער, און ס׳דוכט זיך א גרויסע פייער־צונג האט זיך אויסגעצויגן איבער גאנץ רוסלאנד און וויל אפווישן פון איר אלץ, וואס לעבט. און אין מח שוועבן נייע בילדער. פרילינג־צייט. פויערים אויסגע־הונגערטע, קריכן ארוים פון זייערע לעכער און נייען, ווי געטריבן פון עפעס א זייטיגער, אלמעכטיגער קראפט, אהין — צו די פריצישע הייזער, צום פריצ׳ס האב און גוטס, פריצישע הייזער ברענען.

און אט האט איר אן אנדער מין שריפה. עס ברענען צייטונגען. די מעשה קומט פאר אין אדעס. גאנצע פעק, צענדליגע פודן צייטונגען קומען אן מיטן צוג יעדן טאג. דער גענעראל־גובערנאטאר האט פארבאטן צו לעזן. די צייטונגען ווערן צונויפגעליינט אין הויפנס און פארברענט. און די שריפה ווערט געמאכט מיט גרוים פאראד. עס שטייען סאלדאטן מיט געווער. עס שטייען זשאנדארמען און גיבן אכטונג, עס שטייען אפיצערן און קאמאנדעווען. עס דרייען זיך שפיאנען ארום דעם פלאץ, ווי ראבן ארום א פגר. מען ברענט דעם „חמץ״.

איז דאס ניט קיין לצנות?

:: :: ::

און די וואלן! אן ערנסטע זאך, א גרויסער אלגעמיין־רוסלענדער

שווינדל, און דער שווינדל איז פול און פול מיט טראגיזם. מען נעמט א מענטשן, מען צעשמייסט אויף אים פריער א גאנצן וואגן מיט ריטער, מען צעקלאפט און צעביילט זיין ליב, אז עס בלייבט אין אים ניט קיין גאנצער אבר, מען בינדט אים הענט און פיס, אז ער זאל זיך ניט קענען רירן, און מען שטייט צו אים צו, ווי מיט א חלף צום האלז: „טאנץ!” „כאפ א פריילעכס!” איז דען גאנץ רוסלאנד ניט געגליכן צו אזא געבונדענעם טענצער? האט דען דם מענטשנס פאנטאזיע געקענט אויסטראכטן אן ערגערע באליידיגונג פאר א וועלכע ניט איז געזלשאפט, איידער אט דאס ווילן אין דעם איצטיקן אל־רוסלענדער אוטשאסטאק?

און דאך, קוקט זיך צו צו די פיגורן פון די וויילער — און איר וועט ניט ווילנדיג דערזען דעם געלעכטער, וואס קוקט ארויס פון זייער גאנצן „הילוך”, וואס ליגט ווי א שטעמפל אויף זייער שטערן, וואס מאכט צו שפאט זייער גאנצע עובדה. קוקט זיך צו צו דעם איינגעהויקערטן, דערשלאגענעם „בירגער”, וואס גייט אונטער די קלעפ פון א קאזאק, „פאד קאנוואיעם” מיט עטלעכע סאלדאטן, אונטער אן אפענעם מויל פון הארמאטן, צו פארווירקלעכן זיין „רעכט פון א בירגער און א מענטשן”. איז דאס ניט א חוזק?

אדער נעמט די וואלן פון די ארבעטער. דא קלינגט שוין אפן א פריילעכער, מונטערער געלעכטער, און עס רייסט זיך ארויין ווי א סטאדע לעבעדיגע, רירנדיגע פייגלען אין דער טונקעלער, פארוואלקנטער, געדיכטער אטמאספער. דא פון איין זייט ארעסטן, סיביר, פאליציי, פולעמיאטן און אלע אנדערע כלי־זין, און דא אין די פאבריקן קלויבט מען אויס דעם קוימען, דעם פאבריטשנעם הונט „ראזא”, אדער א חבר א זאאיקע, וואס קען קיין ווארט ניט רעדן. דא לייענט איר אין די צייטונגען א ידיעה: אין דער און דער מאסטערסקאיא האבן זיך פארזאמלט צוויי סאציאל־דעמאקראטן און איין פאבריטשנער סטאראזש. נאך א לאנגן און הייסן ויכוח האט די פארזאמלונג מיט א גרויסער מערהייט פון שטימען באשלאסן צו באיקאטירן די גאסור־דארסטעווענע דומע.

דא לאכט מען גלייך אין די אויגן. „מיר ווילן אייך ניט וויסן מיט אלע אייערע שפיצלעך.”

און קיין געלט איז ניטא. און די מיניסטארן ברעכן די קעפ און קוריערן לויפן אין אויסלאנד, און קרעדיטארן זיינען ברוגז, און די נויט ווערט טאג אויף טאג גרעסער, און פראנקרייך וויל ניט געבן, און די דייטשן קריטיקירן, און די „פלינקע יונגען” די אמעריקאנער בויען פלענער פון אייזנבאנען אויף יענער זייט סמבטיון, צו די רויטע אידעלעך — און ס'איז שלעכט — כאטש

לייג זיך און שטארב. און אין דער זעלבער צייט קומען זיך עטלעכע ווייסע־חברה׳ניקעס אין מיטן שטאָט מאָסקווע, פראַנק און פריי, און מען גייט פארביי א גאַנצע מחנה באוואָפנטע פּאָליציאַנטן, און מען קומט אריין גאַנץ געלאסן אין א באַנק, און מען לייגט אריין אין קעשענע קרוב צו א גאַנצן מיליאָן מזומנ׳ע רובל, און מען פארבויגט זיך גאַנץ העפלעך און מען ווערט פאר־שוואונדן ווי אין וואסער אריין, ווי מיטן רויך אוועק, און די גאַנצע טויזנטער סאָלדאַטן, שפּיאָנען, זשאַנדאַרמען און אנדערע מלאכי־חבלה בלייבן שטיין ווי די גולמס מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

איז דאָס ניט קיין לצנות?

:: :: ::

א גאַנצע וועלט פון לצנות! גענעראַלן פליען, גענעראַלן לויפן, גענעראַלן ארעסטירן און „בארואיגן״, און באַשטראָפן, און פארענטפערן פראַגן, און פארטרייבן דעם שונא, און רעטן רוסלאַנד פון אלע צרות. און ארעסטן זיינען אן עפּידעמיע, וואָס כאַפּט אויס צענדליגע טויזנט. און רוסלאַנד „זיצט״. ס׳זיצן אַלטע, ס׳זיצן יונגע, ס׳זיצן אויפגעקלערטע, ס׳זיצן פּראָסטע, ס׳זיצן אָרעמע און רייכע.

און די עפּידעמיע ווערט שוין פון א שרעקלעכער אלץ נעענטער צו א פּשוט׳ן חוזק. וואָרים הונדערטער טויזנטער ארעסטירטע הערן אויף צו זיין א טראַגישע דערשיינונג. הונדערטער טויזנטער אין די טורמעס האָט קיין זין ניט, אפילו אין די אויגן פון די „שמייסער״.

און א חוזק, א פּשוט׳ן פּארם האָט אָפּגעשפּילט אין ווייטן מזרח די ארעסטן־מגפה, און געמאַכט פון זיך אליין א געלעכטער. ס׳איז געקומען דערצו, אז א זשאַנדאַרמסקער ראָטמיסטער האָט געמאַכט אן אָביסק אויפן קוואַרטיר ביים גובערנאַטאָר, און א פּאָדפּאָלקאָווניק האָט ארעסטירט דעם זעלבינן גובערנאַטאָר, דעם וויצע־גובערנאַטאָר און אנדערע העכערע באַאַמטע. און דער פּראָקוראָר האָט זיי באַשולדיגט, אז זיי זיינען רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען „מורד במלכות״.

און עס קען טרעפן אזא מעשה, אז א גענעראַל, וואָס גייט פון צפון, זאָל זיך באַגעגענען מיט א גענעראַל פון דרום, אוןביידע זאָלן האָבן איין שטרעבונג — צו באַגראָבן די קראָמאָלע, און ביידע זאָלן אָנהויבן צווישן זיך א בלוטיגע מלחמה, און ביידע זאָלן העלדיש פאַלן אויפן שלאַכט־פעלד — פארן קיסר און פארן פאָטערלאַנד.

און לצנות קלינגט אין די אלע „פּריגאָוואָרן״, וואו מענטשן, וואָס טאַנצן אויף א פייער־שפּייענדן באַרג, מענטשן וואָס שטייען אויפן ברעג פון

אַן אָפּגרונט, וועלכער קען זיי פאַרשלינגען יעדע מינוט, יעדע רגע, שיקן ארויס זייערע פיינט אין די ווייטע געגנטן אויף לאַנגע יאָרן. און לצנות קלינגט אין די אַלע „געזעצן", וואָס דאַרפן זיין אַ בריק פון פּאַפּירלעך געגן אַ פרילינג־שטראָם פון לעבעדיגער פאָלקס־באַוועגונג. און לצנות איז אין די אַלע פאַרבאַרייטונגען, וואָס ווערן געמאַכט מיט גרויס „מהירות". אויטאָ־מאָבילן באַפּאַנצערטע, וואָס שיטן ארויס 20 פּוד באָמבעס אין אַ משך פון 15 סעקונדן, לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנעס צו איבערפירן דאָס חיל אין דער צייט פון אַן אייזנבאַן־שטרייק, צוגן ספּעציעלע מיט זשאַנדאַרמען צו היטן די וועגן, סאָלדאַטן מיט פּולעמיאָטן אויף אַלע וואָקזאַלן. און פאַרטיג! און זיי רעכענען שוין, אַז זיי האָבן זיך באַוואָרנט. און זיי טאַנצן זיך ווייטער אויף דעם באַרג, וואָס איז אָנגעפילט מיט קאָכיגן פייער. און זיי געניסן זיך אַלע פאַרגעניגן אויף זייער פריילעכער „סעודה". און זיי זעען ניט, ווי עס שטייט פון ווייטנס דער געלעכטער און מאַכט חוזק איבער אַלע זייערע מעשים!

— אָרימע נאַראָנים! זיי ווילן איינשפּאַרן דעם פרייעם ווינט. זיי ווילן טרעפן, פון וועלכער זייט וועט אַ קלאַפּ טאָן דער דונער און ווילן שטעלן פאַר אים אַ מחיצה. זיי ווילן אָפּהאַלטן דעם שטורעם און זיי ווילן ניט זען און ניט פילן, אַז די וואָלקן ווערן געדיכטער, אַז די לופט ווערט הייסער, אַז עס רוקט זיך אויף זיי עפּעס אַ גרויסעס, אַ שווערעס, אַן אומבאַזיגבאַרעס. און עס גייט, און עס ווערט נאָענט, און עס פילט שוין אָן די לופט מיט זיין שווערן אָטעם.

צי הערט איר דאָס דומפּע רוישן פון דעם קומענדיגן שטורעם?

מערץ, 1906.

פאַפּירענע שווערדלעך

ווען ס׳זאָל מעגלעך זיין כאָטש אויף איין קורצע ווײלע אַראָפּוואַרפן פון זיך די בלײענע משא פון די שווידערהאַפטע בילדער, ווען ס׳זאָל מעגלעך זיין כאָטש איין רגע ניט זען פאַר זיך דעם ווילדן מיש־מאַש פון גיהנום־סצענעס, וואָס רינגלען אונז אַרום פון אַלע זייטן, ווען ס׳זאָל מעגלעך זיין פאַרגעסן, פאַרשטיקן אויף אַ ווײלע דעם גליענדן צאָרן, וואָס בראָט און פאַרגיפטעט די גאַנצע נשמה, ווען ס׳זאָל מעגלעך זיין אַ קוק געבן אויף דעם איצטיקן רוסלאַנד פון דער הויך, פון דער ווייטנס, מיט די אויגן פון אַ זייטיקן רויִקן באַאָבאַכטער, — וואָלט אונזער איצטיגע אָרדענונג געגעבן אַן אומגעהויערן, אומענדלעכן שטאָף צו לאַכן, וואָלטן מיר געזען אין אונזער אויסגעמאַטערט, דערשלאָגן לאַנד, אַ ברייטע טעאַטער־סצענע, וואו עס שפּילט זיך אָפּ אַ גרויסע היסטאָרישע קאָמעדיע, אַ פאַרס.

איז דען ניט לעכערלעך, אַז דאָס הייפעלע קליינע מענטשן, וואָס רופט זיך אָן אונזער רוסישע רעגירונג, אַז די קליינינקע הייפעלע געצײלטע פאַר־עקשנ׳טע ביוראָקראַטן, וואָס הויבט אין כעס זײנע פויסטן געגן גאַנצן פאָלק? דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק. מיליאָנען, פילע צענדליגע מיליאָנען האָבן געשריען אויף איין קול: מיר ווילן אייך ניט! פאַרשווינדט! אַראָפּ! קיין זכר זאָל פון אייך נישט בלייבן! — און זיי מאַכן זיך כלא ידע, שניידן זיך אויס פאַפּירענע שווערדלעך, און מאַכן מיט די דאָזיגע שווערדלעך אינדער־לופטן, — און מיינען דערשרעקן דעם עולם.

איז דען ניט לעכערלעך אַז דאָס הייפעלע פאַרראָסטע כהנים פון דער אַלטער, אָפּגעשטאָרבענער עבודה־זרה, ווען זיי נעמען זיך היילן די זעלביגע וואונדן, וואָס זיי אַליין האָבן מיט אַזאַ התמדה, אַזוי קונציג אָנגעזעצט אין אַ משך פון יאָרן אויף דעם גאַנצן גוף פונעם לאַנד? דער הונגער גייט, ווי אַ שווערער, טונקעלער וואָלקן. ער רוקט זיך פון אַלע עקן, ער קוקט פון אַלע ווינקלען, ער ברוזט און שטורעמט אין די שטעט, ער שפּרייט זיינע פליגלען אין די דערפער, ער זייט דעם טויט מיט טויזנטער הענט. און זיי? זיי מאַכן קאָמיסיעס. טשינאָווניקעס זיצן, טשינאָווניקעס קלערן. פּאַפּיר ווערט באַ־

שריבן, „מאטעריאל ווערט געזאמלט" און די הונגעריגע זאלן זיצן און ווארטן.

איז דען ניט לעכערלעך אט די כנופיא פון אייניגע צענדליגע אלטע, אין ווילקיר אויסגעקאכטע, אין זעלבסטהערשאפט פארהארטעוועטע, פאר־שטיינערטע אדמיניסטראטארס, ווען זיי נעמען זיך שרייבן געזעצן פארן נייעם רוסלאנד? טוט א קוק אויף זייערע מעשים! איבער זייערע קעפ האבן שטורעמס געראַושט, דונערס געהילכט, מעכטיגע פאלקס־כוואליעס האבן זיך געהויבן, מעכטיגע שטימען האבן געקלונגען מיט ריזיגן כח — „פרייהייט!" און זיי מאכן זיך פונקט ווי זיי וואלטן גארניט געזען. זיי זיצן און נייען קינדער־העמדעלעך, קלייניגקע קינדער־קליידעלעך פאר דעם ריז, וואס איז אויס־געוואקסן אזוי גרויס און אייזן־פעסט, וואס האט גענומען אין זיינע הענט א גרויסן, שווערן, שארפן שווערד און מאכט ציטערן דאס גאנצע לאנד מיט יעדן ריר פון זיינע אברים.

געזעצן, ווי שימל אויף א פוילן קערפער, וואקסן און מערן זיך אין אונזערע קאנצעלאריעס. אט האט מען באשאפן א צוים פאר דער פרעסע. אט האט מען אויסגעקלערט תקנות געגן פארזאמלונגען. אט האט מען א סטראשע געטאן מיט א קולאק די שטרייקן. דא ניט לאנג האט מען ארויסגעגעבן תקנות וועגן דערשטיקן מיט מיליטער־געוועהר די גאסן־אומרוען. איצט האט מען זיך גענומען פאר פאראיינען און חברות.

זי איז שוין פארטיג — אט די נייע פרוכט פון קאנצעלארישע המצאות. מיר וועלן זי באלד זוכה זיין צו זען פאר אונזערע אויגן. עס האט דעם זעלבן טעם און דעם זעלבן ריח, וואס אלע איבעריגע אזוינע פרוכטן. „א געזעץ געגן פאראיינען"! דער גובערנאטאר אדער דער גראדאנאטשאלניק האבן דאס רעכט צו פארמאכן יעדן פאראיין און יעדע חברה, אויב זיי געפינען אין זיי א סכנה פאר דער רעגירונג. א ריכטער איבער אלע פאראיינען, אן אויבערהער און אן אויפזעער איבער אלע זייערע מעשים וועט זיין א קאמיסיע פון טשינאווניקעס, וואו דער פארזיצנדער וועט זיין דער אייגענער גובער־נאטאר... פאליטישע פארטייען זיינען פאקטיש פארבאטן.

און דאס איז אין דער זעלבער צייט, ווען אין רוסלאנד איז פארגעקומען דאס לעצטע יאר און עס קומט פאר אן אן אויפהער א מעכטיגער פראצעס פון ארגאניזירונג! דאס איז אין דער זעלבער צייט, ווען ס'זיינען אויס־געוואקסן גרויסע, פעסטע פאליטישע פארטייען, וואס פירן זייער ארבעט אין אלע ווינקעלעך פונעם לאנד, אין אלע קלאסן פון דער באפעלקערונג! דאס איז דאן, ווען דער פראלעטאריאט האט אחוץ זיין פאליטישער סאציאל־

דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אומעטום אויפגעבילדעט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען,
און זיינע אָרגאַניזאַציעס וואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף.

א נײַ פּאַפּירן שווערדל געגן זיגרייכן גאַנג פונעם לעבן.

און דאָס איז אין דער זעלבער צייט, ווען אין דער טיפעניש וואַקסט

און צייטיגט זיך אַ נייער אויפברוך, ווען דאָרט, אין די מאַסן פון די באַ־
דריקטע און באַליידיגטע זאַמלט קרעפטן אַ נייער שטורעם.

פּאַפּיר געגן פייער. שטרוי געגן שטורעם. ווי לאַנג וועט עס האַלטן?

מעריץ, 1906.

אַ קליינער פעליעטאָן

„קוקט ניט דערויף, וואָס מיר לעבן איצט איבער אַ שווערע און אומ־רואיגע צייט! קוקט ניט דערויף, וואָס אויפן הימל איז נאָך פאַראַן אייניגע וואָלקן. דאָרט, פּאַראויס, צינדט זיך שוין אָן דער ליכטיגער און פינקלענדער מאָרגנשטערן. די קראַפט פון שאַפונג איז אומעטום גובר אַלע איבעריגע קרעפטן. מיר קומען אַלע מאָל אַלץ נעענטער צו אַזאַ אָרדענונג פון דער מלוכה און געזעלשאַפט, וועלכע דאַרף באַקרוינען די הייסע וואונטשן און די שטרעבונגען פון אַלע בעסערע מענטשן אין אונזער פאַטערלאַנד."

אַזוי האָט געזאָגט אין מאָסקווע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דוואָריאַנעס דער רוצח פון מאָסקווע, דער הענקער פון טויזנטער יונגע אומשולדיגע, דער קוילער פון הונדערטער יונגע קינדער, דער מערדער פון אַלטע גרייז־גרויע זקנים, דער צעשטערער פון אַלץ, וואָס לעבט — דער אדמיראַל דובאַסאָוו.

זיי האָבן פאַרגאָסן דאָס לאַנד מיט בלוט און מאַרך, זיי האָבן עס איינ־געשמידט אין אייזערנע קייטן, זיי האָבן פאַרלאָשן די זון איבער אים, זיי האָבן אויסגעלאָשן יעדן פונק פון ליכט, און איצט טאַנצן זיי פאַר שמחה און שרייען: ס'איז אונז ליכטיג, ס'איז אונז גוט, ס'גייט פאַר אונז אַ העלער טאָג!

זיי האָבן נאָר ניט באַמערקט איין קלייניגקייט: אַז עס לעבט נאָך, אַז ס'ווערט שטאַרקער, אַז ס'קאָכט אין אַ ברענענדיגער שנאה זייער שטענדיגער פיינט — דער אַרבעטער־קלאַס.

דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיי ענטפערן מיט די זעלביגע ווערטער: קוקט ניט דערויף, וואָס מיר לעבן איצט איבער אַ שווערע אומרואיגע צייט, קוקט ניט דערויף, וואָס אויפן הימל פון אונזער פאַטערלאַנד איז נאָך פאַראַן געדיכטע וואָלקן פון גראָבן ווילקיר און ווילדע אכזריות. דאָרט פּאַראויס צינדט זיך אָן אַ נייער מאָרגנשטערן פון קאַמף — פון זודיגן קאַמף אויף לעבן און טויט. די קראַפט פון אייערע בלוטיגסטע פיינט ווערט שטאַרק און פאַרפעסטיגט. די קראַפט וועט שאַפן אַ ניי לעבן. מיר קומען אַלע מאָל נעענטער צו אַזאַ אָרדענונג, וואו איר וועט בלייבן נאָר אַ פינצטערע דערינערונג, וואו אַ קרוין פון נצחון וועט שיינען אויף די קעפּ פון די זיגער — די בעסטע מענטשן פון אונזער פאַטערלאַנד.

אַפּריל, 1906.

פייער־צונגען

ווי העלע בליצן, וואָס שניידן אויף שטיקער די שוואַרצע וואָלקנס, רייסן זיך אַריין אין דער הייסער, מיט בלוט אָנגעזאַפּטער, פון צאָרן גליענדער לופט פון רוסלאַנד די הילכיגע בשורות: סאָלדאַטן בונטעווען!

סאָלדאַטן בונטעווען! פון באַטום ביז פּעטערבורג, פון קאַזאַן ביז ראָסטאָוו, פון די „היילינגע" קדשי־קדשים קאַזאַרמעס פון גוואַרדיע ביז די פּשוט'ע צופוס־גייענדיגע, אויסגעמוטשעטע „פּראָסטע" סאָלדאַטן, אַלע מינים, אַלע „מונדירן" — אַרטילעריע, קאַוואַלעריע, פּעכאָטע, קאָזאַקן, מאַטראָסן — אַלץ וויגט זיך, אַלץ האַלט אין איין פּראָטעסטירן, אַלץ פאַרזאַמלט זיך, און באַראַט זיך, און פאָדערט, און שטרייקט, און וויל ניט פאָלגן, און וואַרפט אַראָפּ דעם כישוף פון בלינדן געהאָרכזאַם.

די דיסציפּלין פאַלט! עס פאַלן אויף שטיקער די קייטן, וואָס בינדן דעם נייעם גייסט פון אַ מענטשן און מאַכן פון אים אַ געצייג צום פּייניגן און טויטן, אָן טענות, אָן פראַגן. די „קראַמאָלע" נעמט אַרום די אַרמיי און וואו זי טוט זיך אַ קער, דאָרט דערהויבט זיך די „גרויע שטומע בהמה", און אַלץ הויבט אָן זיך צו שאָקלען, און דער פאַרוואונדערטער צושויער בלייבט שטיין פאַרגאַפט: פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען?

סאָלדאַטן בונטעווען! דער פונדאַמענט ציטערט, די לעצטע שטיצע האַלט אין פאַלן, דער אָפּגרונט איז אָפן פאַר אַלע שוואַרצע געשטאַלטן, זייער טאָג איז נאָענט, גענוג געזויגן דאָס בלוט — דאָס הייסע בלוט פון דעם עלנדן לאַנד!

זיי וועלן נאָך פּרואוון זיך ווערן. זיי וועלן נאָך איילן מיט אַ פאַלשן שמייכל אויף די בלאַסע ליפּן און מיט ציטערדיגע הענט פאַר טויטלעכן שרעק פאַררוכטן דעם פעלער, פאַרשמירן די לעכער מיט בלוט, פאַרגלעטן מיט חניפה און צביעות און מיינען — זיי האָבן באַוואָרנט. צי וועט דאָס זיי העלפן? צי קען דאָס זיי העלפן?

זיי האָבן אוועקגעשטעלט דעם סאָלדאַט פּנים אל פּנים מיט דער רעוואָ־לוציע, בייטאָג און ביינאַכט, אין שטאָט און אין דאָרף, חדשים און יאָרן האָבן זיי אים געצוואונגען זיך באַרירן מיט די קעמפנדע מאַסן, מיט זיינע

קעמפנדע ברידער, טויזנטער מאָל האָבן זיי אים צוגעפירט, אַלס אַ פּײנטלעכע קראַפט, אין יענע פּונקטן, וואו עס פלאַקערט דער פייער פון פאָלקס צאָרן, זיי האָבן פאַרוואָרפן אַלע ווירקלעכע מיליטערישע צילן, זיי האָבן זיך אָפּ־געזאָגט פון מלחמות געגן אויסערלעכע פּײנט, זיי האָבן געמאַכט דעם סאָלדאַט פאַר אַ פּאָליציסט און אַ תליון אינעווייניג אין לאַנד. זיי זיינען געווען זיכער, שטאָל און אייזן, אַז אים וועט די רעוואָלוציע „מגפה" ניט באַרירן.

דער חשבון איז געווען פאַלש. דער סאָלדאַט האָט ענדלעך געמוזט דער־זען, וואו ער איז אויף דער וועלט. ער האָט ניט געקענט ניט דערזען געגן וועמען ער פירט די מלחמה און ווער איז זיין באַפעלער. ער האָט געמוזט דערפילן אַ טיפע פאַראַכטונג צו זיינע הערשער—די אויבער־תּלינים. ער האָט געמוזט דערזען, אַז געגן אים שטייען די זעלבע אַרבעטער און פּויערים, ווי ער אַליין. און דערזעענדיג דאָס אַלץ, האָט ער געמוזט אויפהערן פאָלגן זיין „נאַטשאַלסטוואָ" און זיין אומצופרידנהייט האָט געמוזט זיך אויסגיסן אין בונטן.

דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע פלאַקערט צו שטאַרק. יעדער טייל פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס גייט צו נאָענט צו איר, מוז פאַרכאַפּט ווערן פון איר הייסן אָטעם — אַליין אײנס, צי קומט ער אַלס פריינט, צי אַלס פּײנט.

די סאָלדאַטן בונטעווען! די אַגענטן פון דער שוואַרצער רעגירונגס־באַנדע וועלן טענה'ן, אַז דאָס איז ניט קיין מאַסן־באַוועגונג, אַז דאָס זיינען שולדיג אַ הייפל אַגיטאַטאָרס. יאָ! שולדיג! די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע האָט ניט געשוויגן, מיט מסירת־נפש, אונטערן חלף פונעם תליון, זיינען די רעוואָלוציאָנערן געגאַנגען אין דער אַרמיי, געשאָטן זוימען פון באַוואוסטזיין, געוועקט פון דרעמל. יאָ! די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרס זיינען שולדיג. זיי האָבן געוועקט און זיי וועלן נאָך וועקן, זיי וועלן זיך נאָך אונטערגראָבן אונטער דעם שטאַרקסטן טורעם פון דעם שונא'ס פעסטונג. נאָר נאָך מער איז שולדיג די רעוואָלוציע, — אָט די אומגעהויערע קראַפט, וואָס האָט אויפ־גערודערט, צעטרייסלט אַלע ברייטע מאַסן, אַריינגעגעבן אין זיי אַ חשק צום לעבן, צו ווירקן און נעמען זייער מזל אין זייערע אייגענע הענט. נאָך מער שולדיג איז די פּאָליטישע אויפלעבונג אין רוסלאַנד, די אַלגעמיינע אומ־צופרידנהייט, די אַלגעמיינע שטרעבונג צו אויפהערן זיין שקלאַפן און ווערן פרייע בירגער אין אַ פרייעם לאַנד. און מער פון אַלעמען איז שולדיג דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף — דער אָפענער קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע אַרמייען. יעדער טראָפּן פאַרגאָסענע בלוט, יעדער נייער זיג פון דעם באַ־פאַנצערטן פּאָליציי־פּויסט, יעדע פאַרברענטע באַריקאַדע אין די גאַסן, יעדער

אָנפֿאַל, יעדער צוזאַמענשטויס האָט לויז געמאַכט די שטריק פֿון דיסציפּלין, אַ תּל געמאַכט פֿון דעם מיליטערישן בלינדן פֿאָלגן, צוגעגרייט דעם ברענשטאָף, וואָס האָט זיך איצט צעפֿלאַקערט מיט אַזאַ קראַפֿט.

די סאָלדאַטן בונטעווען! עס איז ניט אָרגאַניזירט, עס איז ניט אומעטום פֿאַראַן אַ קלאָרער פּאָליטישער באַוואוסטזיין, עס פֿעלן אָפֿט פֿירער, עס ווערט אָפֿט געפּאָדערט קלייניגקייטן און פֿאַרגעסן דאָס וויכטיגסטע און גרעסטע. אמת, אָבער וואָס־זשע? איז דען דעריבער קלענער די שאַרפֿע שווערד, וואָס הענגט אויף אַ האָר איבערן קאָפּ פֿון דער גאַנצער שוואַרצער חבריא? איז דען דעריבער שוואַכער די געפֿאַר?

יאָ! עס איז ניט אָרגאַניזירט, אָבער אַ באָדן פֿאַר אָרגאַניזאַציע איז פֿאַראַן. יאָ, עס איז ניט באַוואוסטזיניג. אָבער שטאָף פֿאַר באַוואוסטזיין איז דאָ: און אַז די אָרגאַניזאַציעס זאָלן ווערן פֿעסט און אַז דער באַוואוסטזיין זאָל ווערן לויטער — דערפֿאַר וועלן זאָרגן די אמת'ע פֿריינט פֿונעם פֿאָלק — די רעוואָלוציאָנערן; דערפֿאַר וועט זאָרגן דער גאַנצער גאַנג פֿון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע.

עס קען זיין, מען וועט געפֿינען אַ מיטל צו איינשטילן אויף אַ ווײַלע די גרויסע מרידה. עס קען זיין, מען וועט צוזאָגן, מען וועט טיילנווייז אַפֿילו אויספֿירן איניגע קליינע פֿאַרבעסערונגען אין דעם לעבן פֿון דער רוסישער אַרמיי. עס קען זיין — עס וועט ווייטער אַראָפּפֿאַלן די איצטיגע כוואַליע פֿון מיליטערישער רעוואָלוציע. די גרויסע באַדייטונג פֿון די איצטיגע געשעעניש וועט ניט קלענער ווערן דערפֿון אויף אַ האָר. יעדער נייער אויפֿשטאַנד פֿון דער אַרמיי איז אַ נייער בראָך אין דער פֿעסטונג פֿון דער אַלטער זעלבסטהערשאַפֿט; יעדע נייע אַרויסטרעטונג — אַ גלענצנדע האָפֿענונג אויף שפּעטער. און די האָפֿענונג וועט ניט נאַרן.

און וועט מען דען קענען באַרויִגן פֿאָלקאָם? האָט דען די אַלטע אָרדענונג גענוג מאַכט און פֿאַרשטאַנד, האָט זי דען גענוג פֿיִאיגקייט, כּדי צו איינשטילן דעם איצטיגן שטורעם? קוקט זיך צו! עס איז די אַלטע טאַקטיק פֿון בייטשן און טורמעס! אין ראָסטאָוו האָט מען געשיקט סאָלדאַטן געגן די צעבונטעוועטע קאָזאַקן; אין באַטום — קאָזאַקן געגן די סאָלדאַטן. איין טייל אַרמיי געגן אַ צווייטן! איז דאָס אַ מיטל צו שאַפֿן רו, אָדער דאָס מוז אויפֿרודערן ביזן גרונט אַלע, אַפֿילו פֿאַרגרעבטסטע שיכטן פֿון דער אַרמיי? טויזנטער סאָלדאַטן אין טורמעס, קריגס־געריכט, שמיץ און טויטשטראָף — איז דאָס דער וועג צו שאַפֿן „אָרדענונג"? קוקט זיך צו! האָט מען דען נאָך די נאָוועמבער בונטן ניט צוגעזאָגט פֿאַרבעסערן דאָס לעבן

פון די סאָלדאַטן? האָט מען דאָס דערפילט? זיינען די פאַרבעסערונגען אַליין ניט אַ צוויי־זייטיגע שווערד, — ניט אַ באַוויז פאַר די סאָלדאַטן, אַז נאָר מיט קאַמף קענען זיי עפּעס דערגרייכן? זיינען דען אַזוינע הבטחות ניט דער שאַרפסטער גיפט פאַר דער מיליטערישער דיסציפּלין?

די סאָלדאַטן בונטעווען! די ערשטע הענקער־באַנדע קען נאָר איינס: שיסן, הענגען, שמייסן; און וואָס מער דער סאָלדאַט איז אַ בייטש אין אירע הענט, וואָס מער זי לאָזט אַראָפּ די דאָזיגע בייטש אויפן לייב פונעם פאָלק און דעם אומצופרידענעם טייל פון דער אַרמיי, — דאָס גיכער וועט אויסגעפּליקט ווערן די בייטש גופא, דאָס גיכער וועט זי אָנווערן איר קראַפט.

בלוט? זאָל זיך שרעקן דער, וואָס האָט אין דעם גאַנצן גרויסן שטרייט פאַר פרייהייט ניט פאַרגאָסן קיין טראָפּן בלוט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן. ער האָט נאָס געמאַכט די ערד פון רוסלאַנד מיט זיין בלוט, ער ווייסט, אַז נאָר דער בלוטיגער שטרייט פירט דאָס לאַנד צו פרייהייט. ער האָט גענוג געזען פאַר זיינע אויגן בלוטיגע מעשים. ניין! אים וועט איר ניט דערשרעקן מיט בלוט!

דער איצטיגער אויפשטאַנד אין דער אַרמיי איז אַ פרוכט פון די בלוטיגע הריגות, אויף וועלכע די זעלבסטהערשאַפט האָט גענוצט דאָס מיליטער. וואָס זי האָט פאַרזייט, דאָס שניידט זי איצט, דאָס וועט זי שניידן שפּעטער, — רייכע פרוכט מיט פולער האַנט.

און זאָלן איצט אַרויסטרעטן די פינצטערע דינער פון דער זעלבסט־הערשאַפט, און זאָלן זיי דערקלערן שטאָלץ און זיכער: „די גאַנצע מאַכט איז אין אונזערע הענט!” וואו איז אייער מאַכט, איר גיהנום־דינער? אויף וועמען האָט איר צו שאַפן, ווען אייער איינציגע בייטש זאָגט זיך אָפּ צו שמייסן? ווער וועט אייך העלפן אין אייער נויט?

בויט פּלענער, איר תלינים אין גאָלד געשטיקט! טראַכט אויס מיטלען, ווי שטאַרקער צו פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק? העכער די תליות, טיפער די גריבער, שטאַרקער די שטראָף! וואו איז אייער כח?

איצט פּלאַקערט זיך אויף ערטערווייז. דאָ בליצט עס אויף, דאָ ווערט עס פאַרלאָשן. איצט, ווען דאָס פאָלק זאַמלט ערשט כחות. אַ ביסעלע שפּעטער, אין גיכע צייטן, ווען דאָס פאָלק וועט אַרויסטרעטן צום אַנט־שיידענעם שטרייט — צי וועלן די איינצלנע פייער־צונגען זיך ניט צונויפגיסן אין איין מעכטיגן פייער־שטראָם? צי וועט דאַן ניט קומען דער סוף?

יולי, 1906.

„פּאָטיאָמקין"

ס'איז אוועק אַ יאָר, זינט אויפֿן פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין" איז געוואָרן אויפֿגעהויבן אַ רויטע רעוואָלוציאָנערע פֿאָן און געגעבן געוואָרן אַ שרייענדער צייכן דער גאַנצער וועלט, אַז די זעלבסטהערשאַפֿט פֿאַלט אין אָפּגרונט מיט גוואַלדיגן כח. פֿון דעמאָלט אָן איז פֿאַרביי אַ גאַנץ יאָר פֿון גרויסאַרטיגע, העלדנהאַפֿטע רעוואָלוציאָנערע קאַמפֿן.

וואָס האָט זיך אומגעביטן אין דעם יאָר?

פֿון אויסנווייניג דאַכט זיך — גאָר ווייניג. פֿאַראַיאָרן האָט אין רוסלאַנד געוועלטיגט אומבאַגרענעצט די זעלבסטהערשאַפֿט. היינט הערשט ווי דעמאָלט די אייגענע זעלבסטהערשאַפֿט, מיט דער אייגזיי־ער פֿאַקטישער אומבאַגרענעצט־קייט, מיט דער אייגענער אומפֿאַרשעמטהייט, מיט דער אייגענער אכזריות און צביעות.

פֿאַראַיאָרן איז דאָס לאַנד געווען איבערגעגעבן אין די הענט פֿון אַ באַנדע טשינאָווניקעס. היינט איז אין דעם פּרט נאָר דערגרייכט געוואָרן אַ גרעסערער דערפֿאָלג. פֿון איין עק ביזן אַנדערן קרעכצט דאָס אומגליקלעכע לאַנד אונטער דעם פּוס פֿון אַן אומגעהייערער צאָל גרעסערע און קלענערע זעלבסטהערשער, וואָס פֿאַרפֿלייצן עס מיט אַ ים פֿון מיליטערישע גוואַלד־מעשים און פּאָליציייאישע רויבערייען. קריגס־צושטאַנד און אויסער־געוויינלעכע אויפֿזיכט ליגן אויפֿן לאַנד ווי אַ בליי.

פֿאַראַיאָרן אין דער צייט האָבן געשוועבט אין דער לופֿט פֿון רוסלאַנד שמועסן און האָפֿענונגען וועגן קאָנסטיטוציע. אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון מיניסטאָרישע קאַנצעלאַריעס, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון בוליגינ'ען מיט זיין חברה, האָט זיך געאַרבעט אַ פּלאַן פֿון אַזאַ מין וואונדערלעכער קאָנסטיטוציע, וואָס זאָל זיין און ניט זיין, וואָס זאָל געבן רעכט דעם פֿאָלק און ניט אָפּשוואַכן די זעלבסטהערשאַפֿט, וואָס זאָל איינשטילן די רעוואָלוציע און ניט שאַפֿן קיין נייע אָרדענונג. היינט איז אַזאַ מין קאָנסטיטוציע שוין פֿאַראַן, דאָס קינד האָט באַקומען אַ נאָמען, אָנגעשריבן פֿעסט אין די „גרונט־געזעצן" פֿון דער מלוכה. און הגם ס'איז געזאָגט געוואָרן פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, אַז „קיין שום

געזעץ קען ניט האָבן קיין קראַפט אָן דעם הסכם פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע", איז פונדעסטוועגן ביי אונז איצט מקוים געוואָרן יענער וואונדער־לעכער פּלאַן פון בוליגינ'ס קאָנסטיטוציע, וואו דאָס פאָלק האָט כלומר'שט פּאָליטישע רעכט און די זעלבסטהערשאַפט האָט ניט אָנגעוואָרן קיינע פון אירע היסטאָרישע „רעכט", וואו די פאָלקס־פאַרטרעטער קומען און רעדן אינעם נאָמען פונעם פאָלק און די באַנדע צוויבער־גראָמילעס טוט אירע בלוטיגע מעשים כלומר'שט אויך לטובת דעם פאָלק.

פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט די זעלבסטהערשנדע רעגירונג געשאַפט פּאָגראָמען צו פאַרשטאַרקן און פאַרבעסערן איר ממשלה. היינטיגס יאָר איז אויך אין דעם פּרט דערגרייכט געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג. די פּאָגראָם־טעכניק האָט זיך אויסגעבעסערט, די פּאָגראָם־אַרבעט איז געוואָרן קוואַליפי־צירט. מיר האָבן שוין געזען מיליטערישע פּאָגראָמען מיט אַלע העסלעכע סצענעס פון באַוואָפנטן מיליטערישן ווילדעווען איבער אומבאַוואָפנטע, שוצ־לאָזע בירגער. און די האַנט, וואָס מאַכט פּאָגראָמען, איז נאָך אַלץ אויס־געשטרעקט און די סכנה שוועבט נאָך איצט אויך איבער דעם גאַנצן אידישן „תחום" און אפילו אַ סך ווייטער פון דעם דאָזיגן תחום.

און ווי פאַראַיאָרן אין דער צייט נאָגט דער הונגער אין די רייען פון די אַרבעטער און די אָרעמע פּויערים, ווי פאַראַיאָרן גייען צענדליגער טויזנטער אַרבעטער אַרום אָן אַרבעט, ווי פאַראַיאָרן הערשט דער קריזיס אין דער אינ־דוסטריע און מאַכט איבעריג גאַנצע מחנות פון אַרבעטער־„הענט" און ברענגט מיט זיך אומענדלעכע נויט און גרענעצלאָזן עלנד.

און ווי פאַראַיאָרן אין דער צייט מאַכט מען מיליאָנען פון פּויערים אָן ערד און אָן ברויט. ווי פאַראַיאָרן הערט איר איין גרויסן געשריי, וואָס רייסט זיך פונעם האַרצן ביי די אַלע מיליאָנען: „ערד!" און ווי פאַראַיאָרן זוכט דער פּויער צו רעטן זיך אַליין, צו געפינען אָן אויסדרוק פאַר זיינע געפילן פון האַס און גרימצאָרן: פּריצישע נחלות פלאַקערן, פּריצישע וועלדער ווערן אויסגעהאַקט, פּריצישע פעלדער ווערן פאַרכאַפּט. און די האַנט פונעם סאָל־דאַט און דעם פּאָליציי־מאַן שטראָפט אויך איצט, ווי פריער מיט אַ יאָר, פאַר די דאָזיגע אַלע מעשים.

און ווי פריער מיט אַ יאָר איז די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד און פון אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער — אַ לאַגע פון לאַנגער, פינצטערער געפאַנגענשאַפט אין אָן ענגער און שמוציגער תפיסה. ווי פריער מיט אַ יאָר הערט איר זיין לעכצן נאָך פרייהייט און רעכט, נאָך לעבן און ליכט, און דער טאָג פון אויסלייזונג איז נאָך ניט נאָענט.

און פון אלע עקן פונעם לאנד, פון צפון און דרום, פון מזרח און מערב, פון אלע זיינע קלאסן, פון אלע זיינע פעלקער, פון שטאט און פון דארף, פון נאענט און ווייט הערט איר אויך איצט, ווי פריער מיט א יאר, א ביטערן פלוך צו דער באנדע זעלבסטהערשער, און האס און פאראכטונג זידן אומעטום צו די רעגירנדע פאלקס-פיינט. און דער האס און די פאראכטונג געפינען אן אפקלאנג אויך צווישן די דיקע, אפגעזונדערטע ווענט פון דער קאזארמע און וועקן די בלינדע קנעכט פון דער טיראניע צו מענטשן-געדאנקען און פרייהייטס-געפילן. און ווי פריער מיט א יאר שפירט זיך אן אומצופרידנהייט און אן אויפרעגונג צווישן די סאלדאטן, און מיליטערישע בונטן רייסן זיך ארויין ווי א שארפער טאן אין דעם אלגעמיינעם כאר פון פראטעסטן.

און א כוואליע פון שטרייקן גיסט זיך איצט, ווי פריער מיט א יאר, איבערן לאנד. און אויב פאראיארן איז געווען פאר אלעמען אפן זייער פאליטישער אינהאלט, אויב פאראיארן איז די געווייגלעכע פארם זייערע געווען א מאסן-שטרייק, אפטמאל אן אלגעמיינער שטרייק פון א גאנצער שטאט, דארף מען אבער איצט אויך זיך ניט לאזן פארפירן דורך דעם אויסנ-וויניגסטן עקאנאמישן שילד, מען דארף נאר קענען זיך צוהערן, ווי עס קלאפט דער פולס פון דער איצטיגער ארבעטער-באוועגונג, אז מען זאל דערשפירן אויך אין די איצטיגע שטרייקן זייער וויכטיגן פאליטישן מאמענט.

:: :: ::

פון אויסנווייניג אלץ ווי פריער. איינצלהייטן, דאכט זיך, האבן זיך נאר געביטן, דאס וויכטיגסטע און אלגעמיינע איז געבליבן ווי פריער. און דאך איז פארשוואונדן א גאנץ יאר פון רעוואלוציאנערן שטורעם, מיט גרויסע פאלקס-באוועגונגען, מיט באוואפנטע אויפשטאנדן, מיט גרויסארטיגע נצחונות, מיט שרעקלעכע אונטערדריקונגען, מיט א גאנצן גרויסן ים פון מענטשלעכן בלוט.

וואס-זשע האט געבראכט מיט זיך דאס דאזיגע יאר? וואס האט דאס אומגעביטן אין דער אלגעמיינער פאליטישער לאגע?

קוקט זיך צו גענויער, ניט צו די אויסנווייניגסטע פארמען, נאר דעם אינעווייניגסטן לעבן, הערט זיך צו צו דעם, ווי עס קלאפט דאס הארץ פון פאלק, וועט איר דערזען די גרויסע פרוכט פון דעם גרויסן רעוואלוציאנערן יאר.

פריער מיט א יאר האט די זעלבסטהערשאפט נאך ניט פארשטאנען די גרויסע געפאר, וואס הענגט איבער איר. פריער מיט א יאר האט זי נאך

געדעכנט איר לאַנגע געגוג זיכער און האָט געהאַפּט מיט קליינע אויס־בעסערונגען פאַררינכטן די „פּעלער פונעם מעכאַניזם". איצט איז די זיכערקייט פאַרשוואונדן. אַזוינע מפּלות ווי די מפּלה פון דער זעלבסטהערשאַפט דעם 17טן אָקטאָבער גייען ניט איבער אָן אַ שפּור. אַ דערינערונג, וואָס מען האָט איבערגעלעבט איינמאָל, ווערט אַזוי גיך ניט פאַרגעסן. און זאָל זיין, די זעלבסטהערשאַפט האָט ווידער אַמאָל זיך אויפגעמונטערט נאָך איר אָנמאַכט פון אָקטאָבער און נאָוועמבער, זאָל זיין זי איז זיך נוקם געוועזן און איז זיך נוקם מיט בלינדער ווילדקייט פאַר איר צייטווייליגער מפּלה, — שוין אין איר צאָרן אַליין, שוין אין אירע מערדערישע בלוט־פאַרגיסערייען שפּירט איר, ווי אָנמעכטיג זי פילט זיך, שוין אין דעם אָנפאַל, ווי אַ משוגע'נער הונט, אויף יעדן אירן געגנער, שפּירט איר, ווי זי קען ניט איינשטיין אויף אירע פיס. פאַראַיאָרן איז די רעגירונג געווען אומרואיג, איצט איז זי אין פאַר־צווייפלונג. פאַראַיאָרן איז איר די רעוואָלוציע געווען אַן אומבאַקוועמלעכ־קייט, איצט איז זי איר אַ חלף אויפן האַלז. פאַראַיאָרן איז איר אַרבעט געווען די אַרבעט פון אַ זעלבסטבאַוואוסטן טיראַן, איצט איז דאָס די קראַמפּ־האַפטע, אָפּטמאָל ציללאָזע באַוועגונגען פון אַ היציגן קראַנקן, וועלכער ראַנגלט זיך מיטן טויט.

פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט נאָך זיך געצויגן די מלחמה מיט יאַפּאַן. מען האָט געקענט האָפן, מען האָט געוואָלט זיך אַליין איינרעדן, אַז די אַלע גרויסע אומרוען אין לאַנד זיינען צוזאַמענגעבונדן מיט די מאַנדזשורישע מפּלות. מען האָט געוואָלט גלויבן, אַז ווען דער שלום וועט ווערן געשלאָסן, ווען דער שמאַך און די שאַנדע פון די געשעענישן אין ווייטן מזרח וועלן אויפהערן רייסן די אויגן, וועט פאַרשווינדן אַ גרויסער טייל פון דער אַל־געמיינער אויפרעגונג. מען האָט געגלויבט, אַז ווען די הענט וועלן זיין פריי פון אויסערלעכע געשעפטן, וועט מען קענען מיט באַזונדערער התמדה מלחמה האַלטן אינעווייניג אין לאַנד. דער שלום איז געוואָרן געשלאָסן. די הענט זיינען געוואָרן פאַנאַנדערגעבונדן. די מלחמה אין לאַנד האָט זיך געפירט מיט אַ סך גרעסערע „נצחונות", ווי געגן די יאַפּאַנער. און דאָך איז די רעוואָלוציע געוואַקסן, די „אומרוען" געוואָרן טיפער און ברייטער און די האָפענונג זיי דערשטיקן פאַרשווינדט אַלעמאָל מער.

פאַראַיאָרן האָט מען נאָר טעאָרעטיש זיך געקענט פאַרשטעלן אַ זיג פונעם פאָלק איבער די אַלטע טיראַנען. פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט געקענט זיין נאָר אַ לאָגישע אויספירונג, נאָר אַן איבערצייגונג, וואָס שטאַמט פון אַל־געמיינע באַטראַכטונגען, אַז דאָס פאָלק וועט פאַרכאַפּן אין זיינע הענט די

פּאָליטישע מאַכט. איצט האָבן מיר דאָס שוין געזען מיט אונזערע אויגן. מיר האָבן געזען, ווי גאַנצע שטעט, גאַנצע ראַיאָנען זיינען געווען פּאַקטיש אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן. מיר האָבן געזען, ווי עס פלעגן זיך גרינדן רעוואָלוציאָנערע זעלבסט־פּאַרוואַלטונגען און פלעגן מיט אַמאָל געווינען דעם צוטרוי און די איבערגעבנהייט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. עס איז געשען! עס שטייט געשריבן אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדער רעוואָ־לוציע, ווי די אַלטע מאַכט האָט אָפּגעטראָטן פאַר דער מאַכט פונעם פאָלק. מיר האָבן געזען אָקטאָבער, מיר האָבן געזען נאָוועמבער, מיר האָבן געזען באַלטישן געגנט, מיר האָבן געזען קאַווקאַז און סיביר. עס איז געווען! און וואו דאָס איז געווען, דאָרט קען שוין ניט בלייבן אַלץ ווי פריער! וואו דאָס פאָלק האָט איינמאָל אריינגענומען די ממשלה אין זיינע הענט, דאָרט קען די אַלטע מאַכט מער ניט פילן זיך זיכער, דאָרט קען דאָס פאָלק זיך ניט באַרואיגן, ביז עס וועט ניט אָפּרוימען פון וועג אַלע פינצטערע קרעפטן.

פאַראיאָרן אין דער צייט האָט די זעלבסטהערשאַפט נאָך געוועלטיגט אינעם נאָמען פון געזעץ. פון איר מאַכט האָט זי זיך ניט געפּרוואווט אָפּזאָגן אויף אַ האָר, זי האָט ניט צוגעזאָגט קיין שום רעכט און האָט זיי ניט געגעבן. איצט איז קלאָר פאַר אַלעמען, אַז זי איז באַנקראָט. זי האָט פאַרשפּראָכן פרייהייט און האָט ניט דערפילט. אירע געזעצן זיינען געגן איר אייגענעם צוזאָג. אירע מעשים זיינען געגן אירע אייגענע געזעצן. זי האָט דערוויזן דעם גאַנצן פאָלק, אַז זי הערשט ניט אינעם נאָמען פונעם פאָלק, נאָר אינעם נאָמען פון דער קויל און דעם ביקס — צוליב די אינטערעסן פון אַ הייפעלע טיראַנען. די לאַגע איז קלאָר.

פאַראיאָרן אין דער צייט האָט דער גרויסער עולם נאָך געקענט מיינען, אַז די צאָל פון די פריינט פון דעם אַלטן רעזשים איז גענוג גרויס, אַז ער האָט זיך נאָך אויף וועמען צו שטיצן. איצט איז דער דאָזיגער חלום פאַרשוואונדן אינגאַנצן. די וואַלן אין דומע (די אומריכטיגע, די געקינסטלטע וואַלן) האָבן דערוויזן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק פאַרשטייט, ווער עס איז זיין פיינט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע, פון קליין ביז גרויס, ווילן ניט וויסן פון דעם אַלטן רעזשים. די באַנדע אויבער־פּאָליציסטן איז איצט אַרויסגעטיילט, אָפּגעצאַמט פונעם גאַנצן פאָלק, זי שטייט אַליין. צווויי לאַגערן איינער געגן צווייטן, — פון איין זייט דאָס גאַנצע פאָלק, פון דער אַנדערער זייט די רעגירנדע כוליגאַנעם.

פאַראיאָרן אין דער צייט איז די מאַכט, וואָס רעגירט, נאָך געווען אַרומגעהילט מיט אַ נעבל פון געהיימנים. ערגעץ דאָרט אין דער הויך, וואו

דאָס אויג פון אַ פּראָסטן מענטשן קען גאָר ניט דערגרייכן, זיינען געזעסן די האַרן איבערן לעבן און טויט, אַרומגעוויקלט מיט אַ נעבל פון סוד. ערגעץ דאָרט ווייט, ווייט פון לעבן, ווייט פון קריטיק, ווייט פון קאָנטראָל איז געזעסן אויף זיין טראָן יעדער מיניסטער — אַ טייל פון דער גרויסער אונטער־דריקונגס־מאַשינע. איצט האָט די רעוואָלוציע אָפּגעשלעפּט די דאָזיגע „גאָטן" פון זייער טראָן. איצט מוזן זיי קומען און זיך פאַרענטפערן פאַר דער דומע, פאַר „אומקאָרעקטע" אַרבעטער און פויערים, פאַר „קראַמאָלניקעס" און בונ־טאָווטשטשיקעס, אין אַלע זייערע מעשים. אַראָפּ דער גלאַנץ! אויס געהיימנים! אין קלענסטן דערפל, אין יעדן ווינקעלע פונעם לאַנד, יעדן איינציגן פויער איז איצט קלאָר, אַז דער מיניסטער איז ניט מער ווי אַ טשינאָווניק, וואָס טוט דעם ווילן ניט פונעם פאָלק און וואָס ווערט געזידלט פון דער דומע, ווי אַ פוילער, ניט ערלעכער משרת.

און וואָס פאַראַ אַנטוויקלונג עס האָט באַקומען פאַרן לעצטן יאָר דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין! מיט וואָס פאַר אומגעהויערע טריט עס גייט דאָס גאַנצע פאָלק פאָרווערטס, צו פאַרשטיין זיינע אינטערעסן, צו קלאָר מאַכן פאַר זיך זיינע אויפגאַבן! דאָס וואָס איז פריער מיט אַ יאָר נאָך געלעגן אין טיפן דרעמל, דאָס רירט איצט מיט אַלע זיינע גלידער, און רייסט זיך צום בעסערן לעבן. דאָס וואָס האָט פריער מיט אַ יאָר נאָך געשפּירט אַן אומקלאָרע, אומ־באַשטימטע אומצופרידנהייט, האָט זיך אויסגעאַרבעט קלאָרע און דייטלעכע פּאָליטישע אידעאַלן. דאָס וואָס האָט פריער מיט אַ יאָר נאָר געוואָרפן זיך אין אויפרעגונג, זוכנדיג מיטלען זיך צו רעטן, האָט איצט אויסגעאַרבעט באַשטימטע מעטאָדן פון קאַמף, אַ באַשטימטע טאַקטיק פאַר די אָרגאַניזירטע קרעפטן.

די אָרגאַניזירטקייט פונעם פאָלק איז אויסגעוואַקסן אין אומגעווינלעכער מאָס. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך באַדעקט מיט אַ גאַנצער געדיכטער נעץ פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. אַלע, וואָס עס איז פייאיג צום לעבן און קאַמף, אײַלט זיך פאַראייניגן, איילט זיך פאַרבינדן מיט זיינס גלייכן, כדי צו אויס־בילדן אַ שטאַרקערע קראַפט. מיר האָבן געזען אַ מעכטיגע אָרגאַניזאַציע פון אייזנבאַן־באַאַמטע, וועלכע האָט באַקומען אין דעצעמבער און יאַנואַר די שרעקלעכסטע קלעפּ און וועלכע לעבט פונדסטוועגן, און זאַמלט קרעפטן און גרייט זיך צום אַנטשלאָסנעם שטרייט. מיר האָבן געזען אַן אָרגאַניזאַציע פון פּאָסט און טעלעגראַפן באַאַמטע. מיר זעען, ווי עס וואַקסן פאַר אונזערע אויגן מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פון באַוואוסטזיניגע סאָלדאַטן, מיר זעען ענדלעך נייע אויפגעקומענע אָרגאַניזאַציעס פון פויערים, וועלכע פאַראייניגן

זיך צו קעמפן מיט די פריצים און דער רעגירונג. מיר זעען, ווי עס וואקסן און פארשפרייטן זיך די דאזיגע ארגאניזאציעס, ווי זיי פאראייניגן זיך אין גרעסערע פארבאנדן, וו זיי ווירקן אויפן קאמף פון די פויערים, רעגולירנדיג די רעוואלוציאנערע באוועגונג און ריכטנדיג זי אויף דעם געהעריגן וועג.

דער פראלעטאריאט גייט בראש פון דער גאנצער באוועגונג. שווערער פון אלע האט ער געליטן, שטארקער פון אלע, ער איז גרייט צום קאמף. מער פון אלע האט ער געשטריטן, מער פון אלע וועט ער שטרייטן פאר זיין באפרייאונג, פאר דער באפרייאונג פונעם לאנד. מער פון אלע האט ער געבראכט קרבנות, מער פון אלע איז ער איבערצייגט, אז נאר מיט געוואלד וועט מען קענען דערגרייכן די פרייהייט. גרעסער ווי אומעטום איז געוועזן דער חורבן אין זיינע ארגאניזאציעס, פעסטער פון אלע איז ער פאראייניגט אין זיינע פאליטישע און פראפעסיאנעלע פאראיינען.

די שלאכט איז נאענט. דאס פאלק וועט זיגן.

יולי, 1906, צום ערשטן יארצייט פון „פאטיאמקין"-אויפשטאנד.

אין דער אַרמיי

„מיר, קאָזאַקן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט אונזערע אַלטע טאַטעס און מאַמעס, אונזערע ווייבער און קינדער, זיינען שוין באַלד אַ יאָר אָפּגעריסן פון אונזערע אייגענע און פון אונזער באַלעבאַטישקייט, וועלכעס ווערט אָן אונז רואינירט און די פעלדער אונזערע בלייבן ניט־באַאַרבעט, און מיר געפינען זיך אינם רשות פון דער פּאָליציי, און זי הייסט אונז אָנפאַלן אויף פרידלעכע איינוואוינער, וועלכע ווילן זיך דערשלאָגן פרייהייט און ערד, און אונז, קאָזאַקן, הייסט מען, מיר זאָלן אַרעסטירן און שלאָגן. מען זאָגט אונז, מיר האָבן שטענדיג מוטיג געקעמפט געגן אויסנווייניגסטן שונא צוזאַמען מיט אונזערע ברידער די פּויערים, און אויב גאָט וועט הייסן, זיינען מיר גרייט מיט זיי צוזאַמען לייגן אונזער קאָפּ געגן אויסנווייניגסטן שונא... נאָר מיר בעטן אונז באַפרייען פון פּאָליצייאישע דינסט, וועלכע איז געגן אונזער געוויסן און וועלכע באַליידיגט די ערע פון אונזר גערימטן דאָנישן חיל."

אָט אין דער טעלעגראַם, וועלכע די דאָנישע קאָזאַקן האָבן דאָ ניט לאַנג געשיקט אַ מיטגליד פון גאָסודאַרסטווענע דומע („מיסל", 11), איז אויסגע־דריקט, קען מען זאָגן, דאָס אַלגעמיינע געפיל, וואָס באַוועגט די סאָלדאַטן אין זייערע אַלע „אומרועז" פון דער לעצטער צייט.

„עס באַליידיגט אונז צו טראָגן די שענדלעכע פּאָליצייאישע דינסט, וואָס איבער איר באַציט זיך צו אונז די באַפעלקערונג מיט פאַראַכטונג און שנאה" („עכאָ", 3) — מיט דעם מאָטיוו באַגעגענען מיר זיך אין פילע פּראָטעסטן פון די סאָלדאַטן. „דאָס חיל דאַרף ניט געברויכט ווערן צו פּאָליצייאישער דינסט און צו קעמפן מיט דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פונעם פאָלק; די קאָזאַקן דאַרפן באַלד אָפּגערופן ווערן אין די ערטער, וואו זיי וואוינען שטענדיג." (פאָדערונגען פון אָסאָוועצקער גאַרניזאָן: „סאָווריעמענאַיאַ זשיזן", 136.)

די לאַנגע חדשים פון מיליטערישן טעראָר, שטראָף־עקספּעדיציעס, בלוט־פאַרגיסערייען האָבן געבראַכט זייער פרוכט. דאָרט וואו עס זיינען פריער געווען צווישן די סאָלדאַטן אומבאַשטימטע, אומקלאָרע פּראָטעסט־געפילן,

וועלכע האָבן זיך אויסגעגאָסן אין שטורעמדיגע, אָבער מערסטנטיילס פּרוכט־לאָזע אַרויסטרעטונגען, דאָרט זיינען איצט פאַראַן קלאָרע און דייטלעכע פאָדערונגען, וועלכע זיינען נאָענט און פאַרשטענדלעך יעדן איינציגן סאָלדאַט. דאָרט וואו פריער איז די נאָענטסטע סיבה פון פּראָטעסטן געווען עקאָנאָמישע באַדינגונגען, דאָרט געפינען מיר איצט אויך פּאָליטישע פּאָדערונגען. דער סאָלדאַט איז אויסגעוואַקסן. זיין געדאַנק איז געוואָרן קלערער. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין זיין לאַגע. און דאָס איז די בעסטע ערבות, אַז די באַוועגונג וועט ניט איינגעשטילט ווערן, אַז מיט פּראָוואָקאַטאָרישע מיטלען און מיט איניגע עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען וועט זיך דער נאַטשאַלסטוואָ ניט איינגעבן צו באַרואיגן די סאָלדאַטן.

די באַוועגונג איז אַרויף אויף אַ צווייטער, אַ העכערער שטופע פון איר אַנטוויקלונג. דער סאָלדאַט האָט אויפגעהערט זיין אַ געהאָרזאַמעס געצייג אין די הענט פון זיינע הערשער. ער האָט דערפילט אין זיך אַ מענטשן און אַ בירגער.

אין אַ גאַנצער ריי פּאָלקן האָט די באַוועגונג זיך אָנגעהויבן אויס מיט־געפיל צו די חברים. אין גוואַרדייסקן פּאַוולאָווסקן פּאָלק האָבן די סאָלדאַטן זיך אָנגענומען פאַר אַ יעפרייטער, וואָס האָט באַקומען פון אַן אָפיצער אַ פּאַטש אין פּנים. די סאָלדאַטן האָבן זיך געווענדעט צום קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק מיט אַ פאָדערונג, ער זאָל אויספאָרשן די זאַך, און ווען דער קאָמאַנדיר האָט אָנגעהויבן מאַכן שהיות, ווי געוויינלעך, האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַ־וועגונג אין פּאָלק („מיסל", נומער 3). אין אַסכאַבאַד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד פונעם גאַנצן גאַרניזאָן איבער דעם, וואָס דריי סאָלדאַטן זיינען געווען אומגערעכט פאַראורטיילט צו דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן. דער אור־טייל האָט צוערשט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט אין דער ראָטע, וואו די פאַראורטיילטע האָבן געדינט. צו דעם פּראָטעסט איז צוגעשטאַנען דער גאַנצער באַטאַליאָן און שפּעטער האָט די באַוועגונג אַרומגעכאַפּט אַלע איבעריגע מיליטערישע אָפּטיילונגען אין שטאָט. די סאָלדאַטן האָבן געוואָרפן די דינסט, האָבן אַרויסגעשטעלט אַ ריי פאָדערונגען, האָבן פאַרטריבן די אָפיצערן און אויסגעקליבן אַ קאָמאַנדיר און אַנדערע באַאַמטע פון די סאָל־דאַטן גופא. („סאָוורעמענאיאַ זשיזן", נומער 131, דער באַריכט פון אַסכאַ־באַדער גענעראַל־גובערנאַטאָר.) אין דער זעקסטער סאַפּיאָרנער בריגאַדע האָט די באַוועגונג זיך אָנגעהויבן איבער דעם, וואָס ס'זיינען געוואָרן אַרעסטירט איניגע סאָלדאַטן. עס איז געקומען דערצו, אַז די איבעריגע סאָלדאַטן זיינען אָנגעפאַלן אויף אַן אָפיצער און אים געשלאָגן. מען האָט אַרויסגערופן

פעכאָטע, וועלכע האָט אַרומגערינגלט די סאַפּיאָרן („נאַשאַ זשיזן", נומער 487).

און אין אַלע פאָדערונגען, אין אַלע דערקלערונגען פון די סאָלדאַטן מערקט איר דייטלעך, ווי עס וואַקסט און ווערט שטאַרקער די אויפקלערונג פון די מיליטערישע מאַסן. די סאָלדאַטן קעמפן פאַר זייער מענטשלעכער און בירגערלעכער ערע. „צו וואָס אייגנטלעך זיינען מיר פאַרזאַמלט?" — פרעגן די קאָזאַקן פונעם 14טן אָרענבורגסקן פּאָלק זייער נאַקאַזנאַי אַטאַמאַן („דוואַדצאַטי וועק", 90). „צו היטן אין לאַנד דעם געזעץ און די אָרדענונג, אָדער צו פאַרהיטן די פּערזענלעכע אינטערעסן פון די פּריצים און די קאַפּי־טאַליסטן? אונזער דינסט איז זייער געפערלעך, ווייל די באַפעלקערונג איז צו אונז פיינטלעך געשטימט, און קיינער פון אונז קען ניט זיין זיכער, אַז ער וועט ניט ווערן גע'הרג'עט. מיט וואָס זשע זיינען גאַראַנטירט אונזערע געזינדן, ווען עמיצער פון אונז וועט שטאַרבן? ווען וועט מען שוין אויפהערן איבערגעבן די סאָלדאַטן צום געריכט און זעצן זיי אין געפענגעניש פאַר נישטיגע חטאים?" די אייגענע קאָזאַקן האָבן דערקלערט זייער אַטאַמאַן, אַז זיי וועלן גערן טראָגן אַ שווערע דינסט וואו ניט איז ביי דער גרענעץ נעגן אויסנווייניגסטן שונא, נאָר ניט נעגן זייער פאָלק... זיי ווייסן ניט פון קיין אינעווייניגסטע שונאים. דער אַרבעטער, וואָס קעמפט פאַר רעכט, איז זיי ניט קיין פיינט.

צוזאַמען מיט דער הויפּט־פאָדערונג — באַפרייען פון הענקער־דינסט — טרעטן אַרויס זייער פילע אַנדערע פאָדערונגען, וואָס באַווייזן, אַז דער סאָלדאַט קען שוין ניט לעבן ווי ביז אַהער, אַז ער שטרייט פאַר מענטשלעכער באַ־האַנדלונג און אַ מענטשלעכעם לעבן. סאָלדאַטן פאָדערן דאָס רעכט צו טראָגן ציווילע קליידער ניט אין דער צייט פון דינסט, דאָס רעכט צו אויסשרייבן ביכער און צייטונגען, וועלכע איינער וויל (זע, צום ביישפּיל, די פאָדערונגען פון סאָבאָלסקן סיבירער פּאָלק אין „מיסל", נומער 11), דאָס רעכט צו פאַר־זאַמלען זיך אָן אַ שום דערלויבעניש, כדי צו אַרומרעדן זייערע אינטערעסן, דאָס רעכט צו גרינדן סאָלדאַטסקע פאַראיינען פון בילדונג א. אז. וו., דאָס רעכט צו ווערן גע'משפּט ניט אין מיליטערישע געריכטן, נאָר אין אַלגעמיינע (זע די פאָדערונגען פון אָסאָוועצקער פעסטונג אין „סאָווּרעמענאַיאַ זשיזן", נומער 136); סאָלדאַטן פאָדערן, די אָפיצערן זאָלן זיך ווענדן צו זיי אויף „איר" און אָפּגעבן „טשעסט" זאָל ניט זיין קיין פליכט א. אז. וו., א. אז. וו., און אין די מער באַוואוסטזיניגע טיילן פון דער אַרמיי, ווי צום ביישפּיל אין ערשטן באַטאַליאָן פון פּרעאָבראַזשענסקי פּאָלק, הערט איר אַזוינע אַלגעמיין־

דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, ווי צוזאַמענרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, איבערגעבן די גאַנצע ערד אין די הענט פון די פּויערים; עס ווערט אויסגעדריקט אַ מיטגעפיל צו די קעמפּפענדע רעוואָלוציאָנערן און אַ גרייטקייט צו אָנווענדן דאָס געווער ניט געגן פאָלק, נאָר געגן זיינע באַדריקער. אין פּילע מיליטער־אָפּטיילונגען האָט מען אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס געגן איבערגעבן צום געריכט די 27 סאָלדאַטן־רעוואָלוציאָנערן פון מינגרעלסקן פּאָלק אין טיפליס. „מיר דערקלערן פאַרן גאַנצן פאָלק״—לייענען מיר אין איינער פון אַזוינע רעזאָלוציעס (זע „עכאָ״ נומער 3, „גאָלאָס טרודאַ״ נומער 9), — „אַז מיר זיינען סאָלידאַריש מיט די 27 חברים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דערפילן די פאַרברעכערישע באַפעלן פון זייער נאַטשאַלסטוואָ און זיינען איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פונעם פאָלק. אויב די 27 חברים וועלן ווערן געטויט, זאָל וויסן די רעגירונג, אַז דאָס פאָלק און מיר וועלן איר ניט מוחל זיין פאַר דער רציחה. אומשולדיג פאַרגאָסענע בלוט שרייט און פאָדערט נקמה.״

עס רופן זיך אָפּ די סאָלדאַטן אויך אויף דער פּאָגראָם־אַגיטאַציע פון דער רעגירונג. ווען אין וואָראָנעזש האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אַ קלאַנג, אַז עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם, האָבן די באַוואוסטזיניגע סאָלדאַטן פון איניגע אָרטיגע פּאָלקן אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער זיי שרייבן, אַז זיי וועלן מיט אַלע כוחות שטערן צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיגן נידערטרעכטיגן, פאַרברעכערישן פּלאַן. „מיר וויסן״, — שרייבן זיי, — „ווער איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון די העסלעכע מעשים און מיר וועלן האָבן ביד צו עפענען די אויגן אונזערע חברים די סאָלדאַטן, כדי אונזערע קוילן זאָלן פליען ניט צו די אומגליקלעכע אידן און צו די בירגער, וואָס שיצן זייער לעבן, נאָר זיי זאָלן געפינען די שולדיגע אין די רייען פון פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און פון די העכערע אַדמיניסטראַטאָרס.״

און ניט נאָר מיט ווערטער, — מיט מעשים דערוויזן די סאָלדאַטן, אַז די ראָלע פון הענקער איז פאַר זיי געוואָרן אומדערטרעגלעך. עס פאַרגייט ניט קיין טאָג, אַז די צייטונגען זאָלן ניט ברענגען נייע ידיעות, אַז די סאָלדאַטן און קאָזאַקן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן. ווען מען שיקט אַרויס סאָלדאַטן געגן סאָלדאַטן, איז דאָס זאַגאַר, קען מען זאָגן, אַן אַלגעמיינער כלל. האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אין אַן אָפּטיילונג פון מיליטער, קען מען זיך שוין ניט פאַרלאָזן, אַז די אַנדערע אָפּטיילונג וועט אָנווענדן געגן איר געווער און וועט וועלן פאַרגיסן איר בלוט. און דערמיט דערקלערט זיך, אייגנטלעך, דער פאַקט, וואָס די איצטיגע מיליטער־בונטן ברענגען מיט זיך, לפי ערך, ניט קיין גרויסע בלוט־פאַרגיסערייען. די נאַטשאַלסטוואָ האָט פּשוט מורא צו

ארויסשטעלן סאָלדאַטן געגן סאָלדאַטן. און דאָ, וואו זי פּרואווט דאָס יאָ טאָן ווערן די „באַשטראָפער" אויך אָנגעשטעקט מיטן פרייהייט־גייסט פון די „באַשטראָפטע". אַזוי איז געווען אין טאַמבאָוו („רעטש", נומער 114), וואו די סאָלדאַטן האָבן ניט געוואָלט פירן אין טורמע די אַרעסטירטע קאַוואַלע־ריסטן פונעם 7טן זאַפּאַסנעם פּאָלק און די סאָלדאַטן פונעם פּעכאָטנעם באַריסאָגלעבסקן פּאָלק האָבן אָפן ניט געוואָלט פאָלגן זייערע אָפיצערן, וועלכע האָבן זיי געוואָלט פירן געגן די קאַוואַלעריסטן. אַזוי איז געווען אין אָסכאַ־באַד, וואו די „בונטאָווטשיקעס" און זייערע „באַרואיגער" האָבן זיך ברודערלעך פאַראייניגט פאַר די אויגן פון זייערע אָפיצערן, וועלכע האָבן גאָרניט געקענט מאַכן; אַזוי איז געווען אין באַטום („מיסל", 7), וואו כמעט דער גאַנצער גאַרניזאָן איז אויפגעשטאַנען צו באַשיצן די סאָלדטאַן פון דעם צווייטן פּאָרט, פון דער פעסטונג־אַרטילעריע, וועלכע מ'האָט ארומגערינגלט מיט קאָזאַקן, און וואו די ספּעציעל־אַרויסגערופענע סאָלדאַטן פון טיפליס האָבן, תיכף ווי זיי זיינען אָנגעקומען, געשיקט דעפּוטאַטן צום אָרטיגן גאַרניזאָן און באַשלאָסן נעמען אַן אָנטייל אין דעם ראַט פון די סאָלדאַטן און צושטיין צום „ברודערשאַפט". אַזוי איז דאָס געווען אויך אין פילע אַנדערע שטעט.

דאָס זעלביגע איז אויך בנוגע צו דער איבעריגער באַפעלקערונג. די צייטונגען ברענגען פילע ידיעות, אַז די סאָלדאַטן און קאָזאַקן זאָגן זיך אָפּ צו שיסן אין די אַרבעטער און אין די פּויערים. „זיי זיינען אונזערע ברידער. זיי קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן", — דאָס איז די תשובה, וואָס די אָפיצערן קומט אויס אין אַזוינע פאַלן צו הערן פון זייערע סאָלדאַטן. אין יוזאָווקאַ האָט די „ברודערשאַפט" צווישן די קאָזאַקן און די אַרבעטער זיך אויס־געדריקט אין גאַנץ שאַרפע רעוואָלוציאָנערע פאָרמען („גאָלאָס טרודאַ", 5). צען קאָזאַקן רעוואָלוציאָנערן זיינען געוואָרן אַרעסטירט. 500 אַרבעטער האָבן זיך דאַן פאַרזאַמלט ארום קאַזאַרמע און האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי באַפרייען; ס'איז געקומען צו אַ געשלעג און אַ שיסעריי. נאָכדעם האָבן שוין 3,000 אַרבעטער זיך אַ לאָז געטאָן צו באַפרייען זיי מיט געוואַלד. אין דער אייגענער יוזאָווקאַ האָט אַ סאָטניע קאָזאַקן, לויט דער מעלדונג פון דער פּעטערבורגער טעלעגראַפן־אַגענטור, זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין די מאַניפעסטאַנטן אויף די מיטינגען, און דערפאַר איז זי איבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט.

צווישן דעם סאָלדאַט און דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער און טוער האָבן זיך שוין דורכגעצויגן פעדימער פון סימפּאַטיע. מען הויבט אָן פאַרשטיין

איינער דעם צווייטן, מען הויבט אָן פילן, אַז מ׳איז אַלע פאַראייניגט אין אַ גיפטיגער פיינטשאַפט צו די הענקער און מערדער, וואָס זיצן אויפן קאַרק פונעם פאָלק. די קאַזאַרמע איז געוואָרן אַ נעסט פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. די גאַס איז געוואָרן אַן אָרט, וואו ניט נאָר דער אַרבעטער, נאָר אויך דער סאָלדאַט באַקומט זיין רעוואָלוציאָנערע דערציאונג. עס בילדן זיך רעוואָלוציאָנערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס („נאַשאַ זשיזן“, 497), די באַוועגונג וואַקסט און ווערט ברייטער, דער טויט פון דער אַלטער אָרדענונג — אַלץ נעענטער.

און די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט אַ ברייטן ראַיאָן. דאָס זיינען שוין ניט קיין איינצלנע אַרויסטרעטונגען — דאָס איז אַ גרויסאַרטיגע מאַסן־באַוועגונג. ווי יעדע באַוועגונג, קען זי האָבן צייטן פון גרויסער אויפלעבונג, פון אָפענע אַרויסטרעטונגען און צייטן פון באַהאַלטענער, אונטערערדישער אַרבעט. אָפּשטעלן וועט זי זיך אָבער שוין ניט. אַפילו אין די טעמפּע, בלינדע און טויבע רייען פון די העכערע באַאַמטע קומט מען שוין אויך צו דעם זעלביגן געדאַנק. אין הויפּט־שטאַב פון דער אַרמיי איז געגרינדעט אַ קאָמיסיע פון העכערע מיליטער־באַאַמטע צו אויספאָרשן די אורזאַכן פון די אומרועןן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער אַרמיי. ווי די צייטונגען גיבן איבער, איז די קאָמיסיע געקומען צום באַשלוס, אַז שולדיג אין די אומרוען איז ניט די „פאַרברעכערישע אַגיטאַציע“, ווי מען פלעגט ביז אַהער מיינען אין הויכע פענצטער, און אַז די אומרוען זיינען כלל ניט קיין איינצלנע אָפּגעזונדערטע פאַקטן.

די סיבה ליגט טיף אין אַלע באַדינגונגען פונעם לעבן פונעם פאָלק בכלל און פון דער אַרמיי בפרט.

יולי, 1906.

פון טאָג צו טאָג

(אַ קורצער צעטל פון איין טאָג)

אין מאָסקווע האָט דאָס פעלד־געריכט אויפגעהאַנגען פיר יונגע לייט פאַר אוועקרויבן 400 רובל; אין מאַריומפּאָל האָט דאָס פעלד־געריכט פאַר־משפּט איינעם צו שיסן פאַר אַן אָנפאַל אויף אַ מאָנאָפּאָל; אין וולאַדיוואָסטאָק גיט מען איבער צום פעלד־געריכט 11 מאַן פאַר אָנפאַלן אויף אַ באַנק; אין מעליטאָפּאָלער אויעזד קלייבט מען זיך דערקלערן קריג־צושטאַנד און איינפירן אַ פעלד־געריכט; אין אוראַלסק האָט מען איינגעפירט פאַרשטאַרקטע אויפזיכט; איבערן גאַנצן לאַנד זיצן מיליטערישע און געוויינלעכע „געריכטן” און מען משפּט פאַר שטרייקן, פאַר אַגראַר־אומרוען, פאַר באַוואָפנטע אויפשטאַנדן, פאַר מיליטערישע בונטן, פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע און מען פאַר׳משפּט צו קאַטאָרגע, צו אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, צו פעסטונג און טורמע, און איבערן גאַנצן לאַנד אַרעסטירט מען און מען וואַרפט אין די טורמעס יונג און אַלט, אַרבעטער און פּויערים, אינטעליגענטן און אומגעבילדעטע, אָפּאָזיציאָנערן און טעראָריסטן.

אַ קורצער צעטל פון דעם זעלבן טאָג

(וואָס דאָס לאַנד ענטפערט)

אין וואַרשע האָט מען גע׳הרג׳עט אַ פּאָלקאָווניק אין גאַס. אין ריגע האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע אין גענעראַל־גובערנאַטאָר סאָלאָגוב; אין נאָוואָמינסק האָט מען געפונען באָמבעס מיט רעוואָלווערן און פּאַטראָנעס, און דערביי האָט פּאָליציי באַגעגנט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד; אין מאָהילעווער גובערניע איז אַ מענגע מענטשן אָנגעפאַלן אויף דער קוואַרטיר פונעם פּריסטאַוו, די סטראַזשניקעס האָבן געשאָסן און געטויט; אין מיטאַווע האָט מען געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די דראַגונער; אין באַכמוט איז אַרעסטירט איינער, וואָס האָט געוואָרפן אַ באָמבע אין דירעקטאָר פון זאַוואָד; אין סאַראַטאָוו האָט מען געפונען 3 באָמבעס; אין כערסאָן האָט מען געפונען באָמבעס.

און די אָנפאַלן און רויבערייען גייען זיך, ווי דער שטייגער איז. אין סעדלעצער גובערניע באַרויבט אַ פּאָלוואַרק; אין ווערכניעדנעפּראָווסקן אויעזד — אַ מאָנאָפּאָל; אין באָריסאָגלעבסקן אויעזד — אַ וואָלאָסטנאָיע

פּראָווינציע; לעבן ריגע — אַן אייזנבאַן־וואַגאָן; אין טיפליס, אין ווארשע און אין ריגע רויבט מען אויף די גאַסן, און ווען פּאָליציי און מיליטער מישן זיך אריין, הויבט מען אָן שיסן, מען פאַרוואונדעט און מען טויט; אין קאַזאַנער גובערניע איז בארויבט א פּריצישער הויף; אין כארקאָוו — א מאַגאַזין, אין יאַלטע — א מאַגאַזין, אין יעליסאַוועטגראַד — א פּריקאַז־שטשיק, — און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, א לאַנגער צעטל אַלע פון איין איינציגן טאָג.

די קראַפט פון די מערדער און די קראַפט פון דעם פאָלק

וואָס־זשע וועט זיין דער סוף? וואוהין גייען מיר מיט אַזוינע האַסטיגע און מורא'דיגע טריט? מען דאַרף נאָר קענען זען מיט אָפענע אויגן דעם גאַנצן אומגעהויערן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין לאַנד, אַז דאָס מינדעסטע געפיל פון פאַרצווייפלונג זאָל זיך ניט קענען אריינ'גנב'ענען אין הארצן אויף קיין איינציגער מינוט. די רעוואָלוציע גייט זיך איר וועג, און קיין שום אויסערלעכע קראַפט האָט ניט בכח צו אָפּשטעלן איר זיגרייכן גאַנג. די אַלע הונדערטער, וואָס גייען אַרויף אויפן עשאַפאָט, די אַלע הונדערטער וואָס וואַרפן זיך בלינדערהייט אויפן ערשטן בעסטן דינער פון דער זעלבסט־הערשונג, כדי אויף אַזאַ אופן צו געפינען אַן אויסגאַנג פאַר זייער צאָרן, אָדער אויף אַזאַ אופן צו דינען דער רעוואָלוציע, — די אַלע הונדערטער און אַפילו טויזנטער זיינען ניט מער ווי שוים אויף דעם ברייטן שטראָם פון דער רעוואָלוציע. אין איצטיגן מאָמענט איז דער גאַנצער שטראָם אַראָפּ אונטן — טיף אין דער ערד, טיף אין דעם הארץ און אין דעם מח פון די מאַסן. לאַנג אָבער אַזוי דויערן קען דאָס ניט. דאָרט, וואו דאָס גאַנצע לאַנד פון אויבן ביז אַראָפּ איז געגן דער הערשנדער באַנדע; דאָרט, וואו דאָס לאַנד האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון פרייהייט און קען זיך ניט באַרואיגן אָן איר, דאָרט וואו ס'איז דאָ גרויסע און מעכטיגע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וואָס האָבן גענוג כח און באַקומען פון טאָג אויף טאָג מער באַוואוסטזיין, אַז זייער הילף איז אין זייערע אייגענע הענט, דאָרט וואו די אַלטע האַפענונג האַלט זיך נאָר אויף דעם כח פון דער ביקס, — דאָרט איז דער רעזולטאַט פונעם שטרייט באַשטימט געוואָרן פון אָנפאַנג אָן... דער שטראָם פון דער רעוואָלוציע וועט אַרויס פון אונטער דער ערד, ער וועט פאַרפלייצן דאָס לאַנד. וויי וועט דאַן זיין צו די מערדער!

סעפּטעמבער, 1906.

„הערשער‟ און „אונטערטעניגע‟

קיינמאָל איז אין רוסלאַנד אַזוי שאַרף ניט געווען דער אונטערשייד צווישן אַ הייפל „רעגירער‟ פון אויבן און מיליאָנען איינוואוינער פון אונטן; קיינמאָל איז דאָס לאַנד ניט געווען אַזוי דייטלעך צעשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן: פון איין זייט די עטלעכע זאַטע, אין בלוט אויסגעבאָדענע „מאַכט־האָבער‟, וואָס ווילן גאָרניט וויסן אַחוץ זייער ממשלה, זייערע הכנסות, זייערע מאַיאָנטקעס, זייערע קאַפּיטאַלן, זייער אייגענעם לעבן; פון דער אַנדער זייט — דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס ס'קען שוין מער ניט טראָגן, דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס ס'ליגט אַריינגעוואָרפן אין אַ תהום פון נויט און שקלאַפעריי און רייסט זיך צום ליכטיגן טאָג.

אין ביידע לאַגערן קאָכט די שנאה איינער צום צווייטן. „טיף איז זי — ווי דער אָפּגרונט, שווער ווי דער טויט.‟ מיט די אויגן פון צוויי בלוטיגע פיינט, וואָס לויערן איינער נאָך דעם צווייטן, באַטראַכטן זיי יעדער דעם אַנדערנס טריט, גרייט אַ וואָרף צו טאָן זיך און צו דערשטיקן אין דעם ריכטיגן מאָמענט.

היינטיגן טאָג האָבן זיי די אויבערהאַנט. זיי — די פיינט פונעם פאָלק, זיי — די העסלעכע וואונד אויפן קערפּער פונעם פאָלק. זיי הערשן. זייער ווילן — איז אַ געזעץ. און מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם קוקט דאָס פאָלק נאָך זייער יעדע באַוועגונג: וואָס נאָך פאַרא וואַנזיניגע געדאַנקען וועלן זיי אַרויפקומען אויף זייער פאַר'שיכור'טן קאָפּ? וואָס נאָך פאַרא נייעם אומגליק וועלן זיי ברענגען דעם אומגליקלעכן פאָלק?

זיי הערשן! היינטיגן טאָג וועט זיך פאַרזאַמלען אַ נייע „געהיימע‟ באַראַטונג — מאָרגן וועלן איבערן לאַנד פליסן נייע הייסע שטראָמען בלוט; היינטיגן טאָג וועט איינער פון די „הערשער‟ אָנשרייבן אַ נייע שטיקל פּאַפּיר, — מאָרגן וועלן איבערן גאַנצן לאַנד אויסוואַקסן נייע צענדליגע תליות מיט נייע אומשולדיגע קרבנות; היינטיגן טאָג וועט דורנאָוואָ איבערשמועסן מיט סטאָליפּינ'ען בסוד סודות, — מאָרגן וועט דאָס לאַנד דאָס דערפילן דורך נייע ווייטאָגן, דורך נייע שמערצלעכע וואונדן.

זיי הערשן! זייער הערשאפט איז די הערשאפט פון א פיינט אין אן איינגענומענעם לאנד. זיי האבן אפילו שוין פארגעסן רעדן וועגן דעם גליק פונעם פאלק. עס גייט א קאמף אויף לעבן און טויט.

דאס פאלק קוקט אויף יעדן זייער טריט. יעדער טריט זייט א טיפן האס; יעדע באוועגונג — פלאנצט די ביטערסטע פאראכטונג. דאס פאלק ווארט. די פריינט פונעם פאלק דארפן אויסנוצן די איצטיגע שטילערע צייט, כדי טיפער צו מאכן די שנאה, ליכטיגער די אויגן, קלארער דעם פארשטאנד.

די צייט וועט קומען. די כחות וועלן ווערן אנגעזאמלט. דאס פאלק וועט אויפשטיין. עס וועט דעמאלט דערמאנען די „הערשער" די טעג פון זייער ממשלה. עס וועט דעמאלט באצאלן פאר די טעג פון זיין געצוואונגענעם שטיל־שווייגן...

דער טאג איז ניט ווייט.

פון אויבן און פון אונטן

פון אויבן — מיליטערישע פעלד־געריכטן. אפגעשאפט יעדן שאטן פון משפט. איבערגעגעבן דאס לעבן פון אלע בירגער אין די הענט פונעם ערשטן בעסטן אקאלאדאטשניק. פון איין עק לאנד ביזן צווייטן הערט איר בייטאג און ביינאכט ווי עס קנאלן ביקסן און עס ווערן תליות געבויט.

פון אונטן — גייט א גרויסע און שווערע און וויכטיגע ארבעט. אונטער דער ערד, פארבארגן פון אלעמענס אויגן, וואקסט די קראפט פונעם ארבעטער־קלאס, וואקסט די קראפט פונעם פאלק. עס שטארקן זיך די כחות, עס ווערט פעסטער די איינינקייט, לויטערער דער באוואוסטזיין.

פון אונטן — לעבט דאס דארף איבער אומגעהויער וויכטיגע טעג. דער געדאנק האט זיך אויפגעכאפט פונעם שלאף. דער פויער האט אנגעהויבן דערקענען זיין אמת'ן שונא. דאס פאלק האט אנגעהויבן פארשטיין, וואו איז דער ריכטיגער וועג צו פרייהייט און ערד. דאס ארעמע פויערטום טראכט זיין טיפן געדאנק. און נאר פון צייט צו צייט קומט ארויף פון אויבן אזא דערשיינונג, וואס וויזט אייך דייטלעך, וואוהין עס ווענדט זיך דער דאזיגער געדאנק. דא א מיטינג פון טויזנטער מענטשן, דא אפגעשלאגן אן ארעסטירטן אגיטאטאר, דא א גאנצע מענגע פון עטלעכע טויזנט מאן געקומען שיצן דעם געוועזענעם מיטגליד פון דער דומע, דא אן אפן געפעכט מיט די סטראזש־ניקעס, דא — מיט די קאזאקן. דאס דארף לעבט אויף צום טעטיגן לעבן.

און אויבן — מיליטער־דיקטאטור. סאלדאטן אין די גאסן, סאלדאטן

אין די טורמעס, סאָלדאַטן אין די הייזער, סאָלדאַטן אין אַלע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, סאָלדאַטן אין די דערפער, אויף די אייזנבאַנען, אויף די שיפן. סאָלדאַטן — אומעטום. סאָלדאַטן שיסן און שטעכן און אַרעסטירן.

פון אונטן—פון אונטן אין קאַזאַרמע גייט דער זעלביגער פּראָצעס, וואָס האָט געבראַכט צו קראָנשטאַט און סעוואַסטאָפּאָל, צו „פּאָטיאָמקין" און „פּאַמיאַט אַזאָוואַ", צו סוויאַבאָרג און העליסנגפאָרס, צו אָדעס און רעוול. זיי די פאַרבלענדעטע, זיי זעען אים ניט, און נאָר דאַן, ווען זיי וועלן דערפילן די אויפרייסונג, וועלן זיי פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געווען.

פון אויבן — די געגן־רעוואָלוציע, פון אונטן — די רעוואָלוציע. און „דער מיקראָב פון דער רעוואָלוציע" — דער אַגיטאַטאָר טוט זיך זיין אַרבעט אי אין שטאָט, אי אין דאָרף, אי אין קאַזאַרמע, און לאַכט זיך אויס פון אַלע מיליטער־געריכטן און שטראָף־עקספּעדיציעס, וואָרים פאַר אים איז דאָס לעבן. ער איז זיכער אין דעם זיג פון זיין זאַך.

העוקער-קאַטאָוועס

סעדלעץ. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „אַזוי ווי ס'איז אין שטאָט שוין געוואָרן רואיג, מעג מען האַלטן אָפן די קראָמען ביז 10 אַזייגער אין אָוונט." אין איין שיינעם אָוונט האָט מען אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן אַ שטאָט, אויסגעה'רג'עט אין איר און צעקאַליעטשעט הונדערטער מענטשן, פאַרברענט צענדליגע הייזער, צעראַבירט דאָס גאַנצע פאַרמעגן, זיך אָנגעטרונקען צוזאַט מיט אידיש בלוט, און נאָכדעם, אַז דריי פערטל אידן זיינען זיך צעלאָפן, אַז די העוקער האָבן זיך שוין אָנגעזעטיגט מיט מענטשן־מאַרך, אַז דאָס גוטס האָט מען שוין באַהאַלטן, ווי עס קערט צו זיין, האָט מען מודיע געווען, אַז „אין שטאָט איז שוין רואיג"!

ווער איז רואיג? די דערשלאָגענע אידן, וואָס זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען שטיל און רואיג, אָדער די העוקער־באַנדע, אָט פּונקט ווי עס ווערט רואיג אַ ווילדע חיה, ווען זי עסט זיך אָן מיט פרישן פלייש?

סעפּטעמבער, 1906.

מיין פאָן

איך האָב אַ פאָן געוועבט, איך האָב אַ פאָן גענייט...

אין דער שטילער און טונקעלער נאַכט, ווען די ערד איז געלעגן פאַר־שטומט, ווען דער נעבל, דער גרויער און אייז־קאַלטער נעבל האָט געדריקט ווי אַ שטיין איר די ברוסט, — אין דער טונקעלער נאַכט האָב איך גענייט מיין פאָן.

אין דער טונקעלער נאַכט, ווען דער שמערץ האָט געלויערט אויף יעטווידן טריט, ווען דער יאָמער, אין פינצטערע שאָטנס געהילט, האָט געוואַנדערט אין שטומע און איינזאַמע גאַסן, — אין דער פינצטערער נאַכט האָב איך געוועבט מיין פאָן.

כ'האָב געוועבט און געוועבט...

מיינע גאָלדענע טרוימען, מיין האָפענונג, — מיין ליכטיגע פרײַנדין אין פינצטערע טעג, און דאָס בלוט פון מיין האַרץ, און די פונקען פון פלאַמענדן, הייסן געדאַנק, און די טרערן, — די קלאָרע, קרישטאַל־קלאָרע, זילבערנע טרערן, — האָב איך איינגעוועבט אין מיין פאָן אין דער טונקעלער נאַכט.

כ'האָב געוועבט און גענייט אין דער פינצטערער נאַכט...

און מיין פאָן איז שוין גרייט. כ'וועל זי אויפהויבן הויך, כ'וועל ארוים אין די פינצטערע גאַסן. און די ערד וועט דערוואַכן פון אייז־קאַלטן שלאָף, און דער נעבל דער פוילער, — ער לויפט און פאַרשווינדט. און דער שמערץ און דער יאָמער צעגייען ווי אַ רויך.

און עס פלאַטערט מיין פאָן, און זי גיסט פון זיך ליכטיגע שטראַלן...

יאַנואַר 1906, אונטערגעשריבן: יוסף.

גלאָסאַר

רוסישע ווערטער און פּאָליטישע טערמינען

פאַרטייטשונג פון רוסישע ווערטער און פּאָליטישע טערמינען
פון פּעריאָד פון 1905, וואָס ווערן גענוצט אין דעם בוך

אוגאָלאָווניע — קרימינעלע פאַרברעכער.

אַלעקסעיעוו, יעווגעני (דער „מאַנדזשוריער") — „אומגעזעצלעכער" זון פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס האָט געהערשט אין ווייטן מזרח און מיט זיינע אַוואַנטורעס, קאָרופּציע און אימפּעריאַליסטישע אָנגריף-מעטאָדן געהאָלפן דערפירן צו דער מלחמה מיט יאַפּאַן. נאָך אַ ריי מפּלות אָפּגערופן געוואָרן פון דאָרטן.

אימעניעס — מאַיאָנטקעס, עסטעיטס.

אוטשאַסטאָק — פּאָליציי-צירקל, לאָקאַלע פּאָליציי-העדקוואָדערס.

אָקטאָבער סטרייק — דער אַלגעמיינער סטרייק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד אין אָקטאָבער 1905, אויסגעבראָכן אין פּעטערבורג (איצט לענינגראַד) דעם 3טן אָקטאָבער, האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין מאָסקווע, טולאַ, סאַראַטאָוו, ניזשני, כאַרקאָוו, קיעוו און אַנדערע שטעט ביז עס האָבן זיך דעם 12טן און 13טן אָקטאָבער אויך אָפּגעשטעלט די אייזנבאַנען. דעם 14טן און 15טן האָבן אין מאָסקווע אויך אויפגעהערט אַרבעטן די וואַסער-לייטונג, די עלעקטראָ-סטאַנציע, עס זיינען צוגעשלאָסן געוואָרן די געשעפטן. דעם 17טן אָקטאָבער האָט דער צאַר אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, צוגעזאָגט דעם פאָלק פרייהייט. באַר אויף מאָרגן האָבן די באַנדעס פונעם צאַר געמאַכט איבערן לאַנד העכער הונדערט פּאָגראָמען אין וועלכע עס זיינען דער'הרג'עט געוואָרן העכער פיר טויזנט מענטשן, העכער 10 טויזנט פאַרוואונדעט. אין אָדעסער פּאָגראָם אַליין זיינען געפאַלן דער'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע העכער 2 טויזנט מענטשן.

אָסאַדי — טרעט אָפּ! צוריק! אַ „פּאָפּולערער" אויסדרוק פון דעם צאַרישן פּאָליציאַנט.

אָטריאַד — אַן אָפּטייל (מיליטער).

אָקאָלאָדאָטשניק — פּאָליציי-סערדזשאַנט.

אַלאַדין, אַניקין — דעפּוטאַטן פון דער ערשטער גאָסודאַרסטווענער דומע (זע), מיטגלידער פון דער טרודאָוואַיאַ גרופּע (זע).

בעזאָבראַזאָוו, אַלעקסאַנדער — צוזאַמען מיט דעם „מאַנדזשוריער" אַלעקסיעוו אָנגעפירט די אַוואַנטוריסטישע פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג אויפן ווייטן מזרח.

גאַפּאָן, געאָרגע — אַ גלח, וואָס איז דעם 9טן יאַנואַר 1903 געגאַנגען בראש פון אַן אַרבעטער-דעמאָנסטראַציע מיט אַ פּעטיציע צום צאַר אין ווינטער-פּאַלאַץ אין פּעטערבורג. האָט שוין פון פריער מיטגעאַרבעט מיטן באַאַמטן פון דער צאַרישער געהיים-פּאָליציי זובאַטאָוו (זע) און

האָט שפּעטער געזוכט אַרויסצוקריגן
פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַני-
זאַציע אינפאָרמאַציע פאַר דער געהיים-
פּאָליציי. דעם 28טן מערץ 1906 האָט
אים דער דעמאָלטיגער סאָציאַליסט-
רעוואָלוציאָנער פּנחס רוטענבערג דער-
מאָרדעט אין אַ פאָרשטעטל לעבן פּעטער-
בורג. (זע: ניינטער יאַנואַר.)

גאָסודאַרסטווענע ד ו מ ע — מלוכה׳שע
באַראַטונג, אָדער באַטראַכטונג (דומאַ —
טראַכטן, טראַכטעניש), איז צונויפגע-
רופן געוואָרן לויטן וואַל-געזעץ פון
דעצעמבער 1905, ווי אַ קאָנצעסיע מצד
דער צאַרישער רעגירונג צו דער רע-
וואָלוציע. די ערשטע דומע, וועגן וועל-
כער עס רעדט זיך אין דעם בוך, האָט
עקזיסטירט פון 27טן אַפּריל ביזן 9טן
יולי 1906, ווען זי איז פאַנאַנדער-
געלאָזט געוואָרן. די ערשטע דומע איז
באָיקאָטירט געוואָרן פון די באָלשע-
וויקעס און אויך פון אַ ריי נאַציאָנאַלע
סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, איינגע-
שלאָסן דעם בונד. זי האָט פאַרמאָגט:
44 רעכטע מאָנאַרכיסטן, 179 קאַ-דע׳טן
(זע), 94 טרודאָוויקעס (זע), 18 סאָ-
ציאַל-דעמאָקראַטן — מענשעוויקעס, 44
פאָרשטייער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַ-
ליטעטן — אויטאָנאָמיסטן, 100 ניט-
פּאַרטייאישע, א. אַ. לויט איר סאָציאַלן
צוזאַמענשטעל האָט זי פאַרמאָגט העכער
14 פּראָצענט פּריצים, קאַרגע 20 פּראָ-
צענט בורזשואַזע פּראָפעסאָרן און אַד-
וואָקאַטן, 25 פּראָצענט ניט-פּאַרטייאישע
פּויערים.

גאָראָדאָוואָי, גאָראָדאָוויק — אַ פּאָליסמאַן.

גראַדאָנאַטשאַלניק (שטאָט-הויפּט) — אַ
ספּעציעלער סאָרט הויכער באַאַמטער אין
צאַרישן רוסלאַנד אין פּעטערבורג,
מאָסקווע, אָדעס, סעוואַסטאָפּאָל, ניקאָ-
לאַיעוו, ראָסטאָוו און קערטש. דער ג.
האָט פאַרמאָגט דאָס רעכט פון אַ גובער-
נאַטאָר און איז פאַר דער שטאָט און די
געגנט אַרום געווען דירעקט פאַראַנט-
וואָרטלעך צום אינערן-מיניסטער אָדער
(אין פּעטערבורג און מאָסקווע) דירעקט
צום צאַר.

גאָסודאַרסטווענוי ס אָ ו ו ע ט (מלוכה׳שער
ראַט) — ביז 1906 — אַ געזעצגעבע-
ריש-באַראַטנדיגע קערפּערשאַפט פון
צאַר. די מיטגלידער, קיינמאָל ניט העכ-
כער פון הונדערט, זיינען באַשטימט
געוואָרן פונעם צאַר, וועלכער האָט זיך
אָפיציעל גערעכנט פאַרן פאָרזיצער.
פּאַקטיש האָט דעם פּאָסטן פאַרנומען אַ
פּערזאָן, וועמען ער האָט באַשטימט. דער
ג. ס. פלעגט באַטראַכטן ניט די וויכטיגע
געזעצן, — זיי פלעגן באַטראַכט און
באַשלאָסן ווערן פונעם צאַר מיט די
מיניסטאָרן. נאָכן 27טן אַפּריל, 1906,
ווען די דומע איז צונויפגערופן גע-
וואָרן, איז דער ג. ס. פאַרוואַנדלט גע-
וואָרן אין דעם העכערן געזעצגעבנדיגן
הויז און אַ העלפט מיטגלידער פלעגן
אויסגעקליבן ווערן דורך די גלחים,
זעמסטוועס (זע), לאַנד-אייגנטימער
„אַדעליגע", רייכע סוחרים און די
אַקאַדעמיעס און אוניווערזיטעטן.

דומע — זע גאָסודאַרסטווענע דומע.

דובאַסאָוו, פיאָדאָר — אַדמיראַל, גענעראַל-
גובערנאַטאָר פון מאָסקווע און מאָסק-
ווער געגנט, האָט אויף אַ בלוטיגן אופן
דערשטיקט דעם מאָסקווער אויפשטאַנד
אין 1905.

דורנאָוואָ, פּיאָטער — אייגער פון די רע-
אַקציאָנערסטע צאַרישע ביוראָקראַטן,
אין אָקטאָבער 1905 געוואָרן מיניסטער
פון אינערן, האָט אָנגענומען גרויזאַמע
מיטלען צו דערשטיקן די רעוואָלוציע,
געווען דער שטיצער פון די שוואַרץ-
מאה׳דיגע באַנדעס. איז אַוועק פון אַמט
ווען די גאָס. דומע האָט זיך געעפנט.

דוואָריאַנעס — פּריצים, אַדעליגע.

דעקאַבער (דעצעמבער) אויפשטאַנד —
העלדישער אויפשטאַנד פון מאָסקווער

אַרבעטער אין דעצעמבער 1905, העכס-טער פונקט פון דער 1905 רעוואָלוציע, אָנגעפירט פון דעם שטאָטישן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן (באָלשעוויסטישן) קאָ-מיטעט, אָנגעהויבן זיך דעם 5טן מיט אַן אַלגעמיינעם סטרייק, וואָס דער סאָ-וועט האָט דערקלערט. דער אויפשטאַנד איז ניט אויפגעכאַפּט געוואָרן פון פּע-טערבורג און אַנדערע שטעט, וואו די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז שוין גע-גאַנגען אויף צוריק, האָט געליטן פון אַנדערע שוואַכקייטן (זע פאַררערדע). מאָסקווער אַרבעטער, באַזונדערס אין דעם ראַיאָן פון פּרעסניע — „רויטע פּרעסניע" — האָבן אונטער דער פירער-שאַפט פון די באָלשעוויקעס ביז דעם 17טן אָנגעהאַלטן אַ העלדישן באַריקאַדן-קאַמף. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן פון דובאַסאָוו'ן מיט דער הילף פון מיליטער פון אַנדערע שטעט. אין די שפּיטאָלן זיינען אָנגעציילט געוואָרן קאַרגע 900 פאַרוואונדעטע און 174 וואָס זיינען געשטאָרבן פון וואונדן. די צאָל דער'הרג'עטע איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. אין משך פון די טעג פון אויפשטאַנד זיינען אין די בית עולמס באַערדיגט געוואָרן קאַרגע 500 אומגעקומענע.

דאָס פּרעדוואַריטעלנאָיאַ זאַקלוטשעניאַ — צייטווייליגער אַרעסט-הויז (פאַרן פאַר-משפּט'ן צו טורמע).

וויבאָרעס — וואַלן.

וויטע, סערגעי — איינער פון די „ליבע-ראַלערע" צאַרישע מיניסטאָרן, פינאַנץ-מיניסטער, אין 1905 — פּרעמיער, גע-זוכט צו ליקווידירן רעוואָלוציע דורך שאַפן די גאָס. דומע, פאַרפאַסער פון מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער (זע: אָקטאָבער-סטרייק). אָוועק פון אַמט אין אַפּריל 1906.

ווזוואָד (סאָלדאַטן) — אַן אָפּטייל.

זובאַטאָוו, סערגעי — זשאַנדאַרם-פּאָלקאָוו-ניק, וויכטיגער אָרגאַניזאַטאָר פון דער צאַרישער געהיים-פּאָליציי, אין דער יוגנט אָנטייל גענומען אין אומלעגאַלע קרייזלעך, אין 1884 אָנגעהויבן פּראָ-וואָקאַטאָרישע אַרבעט. האָט פּרובירט דורך לעגאַלע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן זיך נאָר אָפּגעבן מיט עקאָ-נאָמישע פראַגן, באַקעמפן די רעוואָלו-ציאָנערע באַוועגונג (זובאַטאָווּשטשינע). צווישן אידן האָט זיך אים אין 1901 איינגעגעבן באַשאַפן די „אומאָפּהענגיגע אַרבעטער פּאַרטיי" (ניעזאַוויסימצעס— אומאָפּהענגיגע). אין פּעטערבורג האָט ער געאַרבעט אין 1902 מיט גאַפּאָנ'ען (זע). די אַלע פאַרזוכן האָבן נאָר צייטווייליג געשעדיגט די אַרבעטער-באַוועגונג.

זעמסטוואָ, זעמסקע אָרגאַניזאַציעס — אַ מין לאָקאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג, גע-שאַפן אין דער צייט פון די ערד-רעפאָר-מען אין 60-ער יאָרן און האָט מייסטנס געהאַט צו טאָן מיט דאָרף-באַפעלקערונג. אָבער אין דער זעמסטווע זיינען אויך אַריין שטאָטישע פאָרשטייער, פון די פאַרמעגלעכע פאַבריקאַנטן און סוחרים. די וואַלן זיינען געווען אַזוי צוגע-שניטן, אַז די פּריצים האָבן געהאַט אַ מערהייט. די גאַנצע אינסטיטוציע איז געווען אַ מיטל צו באַפעסטיגן דעם צאַריזם.

זשאַנדאַרמסקע אופּראַווליעניע — זשאַנ-דאַרן-פאַרוואַלטונג.

טאַווריטשער פּאַלאַץ — געביידע פון דער גאָס. דומע.

טשינאָווניקעס — באַאַמטע, צאַרישע ביוראָקראַטן.

טרודאָוואַיאַ גרופּע (אַרבעט-גרופּע) — פראַקציע דעפּוטאַטן אין דער ערשטער און ווייטערדיגע גאָס. דומעס (זע), קליינבירגער, מייסטנס פּויערים, גע-פירט פון אינטעליגענטן מיט שטימונ-

גען פון די אַלטע רוסישע קליינבירגערלעכע רעוואָלוציאָנערן, די נאַראָדניקעס. די 107 דעפּוטאַטן פון דער ערשטער דומע האָבן פאַרמאָגט פאָרשטייער פון פויערים-פאַראיין, סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן, ראַדיקאַלע אינטעליגענטן און אַנדערע, וואָס זיינען געווען „לינקער פון קאַ-דע'טן". די גרופּע האָט זיך געוואַקלט צווישן קאַ-דע'טן און סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט נאָכן פאַנאַנדערטרייבן די ערשטע דומע אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די פויערים, אַרמיי און פלאָט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד. בשעת דער וועלט-מלחמה געווען צאַריש-פּאַטריאָטיש. האָט קיינמאָל ניט געקאָנט שאַפן קיין באַוועגונג הינטער זיך.

לעקערט, הירש — העלדישער אידישער שוסטער אין ווילנע, וואָס האָט אין מאַי 1902 געשאָסן אויפן דעמאָלטיגן ווילנער גובערנאַטאָר פאָן-וואַל, לויט וועמעס באַפעל מען האָט אין טורמע געשמיסן אַרבעטער וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן פאַר דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי. לעקערט איז אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר זיין טאַט, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג צווישן די אידישע פאָלקס-מאַסן.

מאָסקווער אויפשטאַנד — זע „דעקאַבער-אויפשטאַנד".

מיליוקאָוו, מוראָמצעוו — פירער ביי די קאַ-דע'טן.

מיראָוואָי סודיאַ — פרידנס-ריכטער.

„נאָוואָיע וורעמיאַ" — טעגלעכע צייטונג אין פּעטערבורג, איינער פון די וויכטיגסטע אָרגאַנען פונעם צאַריזם, ווי פון אַנטיסעמיטיזם אין אַלטן רוסלאַנד.

ניינטער יאַנואַר — איינע פון די וויכטיגסטע דאַטעס אין דער רעוואָלוציע פון 1905 (22טער יאַנואַר לויטן אויסלענדישן קאַלענדאַר). דעם 3טן (16טן) יאַנואַר 1905 האָט זיך אין פּעטערבורג אָנגעהויבן אַ סטרייק אויפן פּוטילאָווער (איצט — קיראָווער) זאַוואָד און זיך גענומען אויסשפּרייטן אויף אַנדערע פאַבריקן. דער פּראָוואָקאַטאָר גאַפּאָן (זע) האָט געהאַט זיינע אַ לעגאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אָפּטיילונגען אין פילע פאַבריקן און האָט פאָרגעלייגט מען זאָל זונטאָג, דעם 9טן יאַנואַר, גיין מיט אַ פּראָצעסיע צום ווינטער-פּאַלאַץ, מיט קלויסטער-פאָנען און דעם צאַר'ס פּאָרטרעטן, איבערגעבן דעם צאַר אַ פּעטיציע. די באָלשעוויקעס האָבן ניט געקאָנט אָפּהאַלטן דערפון, געוואָרנט געגן אַ שחיטה. זיי איז געלונגען צו העלפן אַריינשרייבן אין דער פּעטיציע פאָדערונגען, וואָס זיינען געגאַנגען אַ סך ווייטער פון גאַפּאָנ'ס נוסח. דער צאַר האָט באַגעגנט דעם עולם פון 140 טויזנט אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער — מיט אַ שיסעריי. העכער טויזנט זיינען געפאַלן טויט, העכער צוויי טויזנט פאַרוואונדעט. צווישן די געליטענע — פיל רעוואָלוציאָנערן-באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען מיטגעגאַנגען מיטן פאָלק. די בלוט-באָד, וואָס האָט באַצוועקט צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין גאַנצן לאַנד. עס זיינען אויסגעבראָכן כוואַליעס סטרייקס איבער גאַנץ רוסלאַנד, ס'איז געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל פאַר דער רעוואָלוציע אַראָפּצוואַרפן די זעלבסט-הערשונג.

נאַטשאַלסטוואָ — די הערשנדיגע מאַכט, די ביוראָקראַטיע, באַאַמטע.

ניעזאַוויסימצעס — זע „זובאַטאָוו".

ניעווסקע — הויפּט-גאַס פון פּעטערבורג (לענינגראַד), איצט: „פּראָספּעקט פון 25טן אָקטאָבער".

נאַבאָקאָוו — פירער ביי די קאַ-דע'טן.

סטאָליפּין, פּיאָטער — אין 1906 געוואָרן אינערן-מיניסטער (אויף דורנאָוואָ'ס אָרט), אין יולי געוואָרן פּרעמיער, האָט ליקווידירט די דערגרייכונגען פון דער

רעוואָלוציע דורך אַ וואַקכאַנאַליע פון פעלד-געריכטן, תליות, האָט צעטריבן די צווייטע דומע, איז געווען די פאַרקערפערונג פון בלוטיגער צאַרישער הערשאַפט. מיט זיין נאָמען איז פאַרבונדן די עפּאָכע פון בורזשואַז-„אַדעליגער" רעאַקציע („סטאָליפינשטשינע"). אין אויגוסט 1906 איז אויף זיין זומערוואוינונג געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע. דעם 14טן סעפטעמבער, 1911, איז ער געשאָסן געוואָרן פון מ. באַגראָוו אין קיעווער טעאַטער פאַר די אויגן פונעם צאַר, מיט צוויי טעג שפּעטער געשטאָרבן.

סאָטניאַ—אַ הונדערט (סאָלדאַטן, קאָזאַקן).

סאַטראַפּ — אַ הערשער.

פּריסטאַוו — העכערער פּאָליציי-באַאַמטער, פּאָליציי-ליטענאַנט.

פּאָמאָטשניק-פּריסטאַוו — געהילף-פּריסטאַוו.

פּיקעס — שפּיזן.

פּאָטיאָמקין-אויפשטאַנד — אויפשטאַנד אויף דער קריגס-שיף „פירשט פּאָטיאָמקין דער טאַוורישער" פון 13טן ביזן 24טן יוני 1905, איינע פון די וויכטיגסטע געשעענישן אין דער רעוואָלוציע פון 1905. אָנגעהויבן פון אַן אויסברוך צווישן די מאַטראָסן צוליב פוילע פלייש, ווען דער רעוואָלוציאָנער-מאַטראָס וואַקולינטשוק איז דערשאָסן געוואָרן. מאַטראָסן האָבן פאַרכאַפּט דאָס געווער, אויפגעהויבן שיסעריי אויף די אָפיצערן, טייל דערשאָסן, אַנדערע אַרויסגעזעצט אויפן ברעג. (איינציגע זיינען צוגעשטאַנען צו די מאַטראָסן). אָנפירער פון אויפשטאַנד — מאַטראָס מאַטיושענקאָ. דעם 14טן איז די קריגס-שיף צוגעקומען צו אָדעס, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אַרבעטער-אומרוען און וואו די לויה פון וואַקולינטשוק'ן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיגער דעמאָנסטראַציע. אַראָפּזעצן אַ באַוואַפנטן אָפּטייל אין שטאָט אָנצופירן מיט דער רעוואָלוציע האָט זיך „פּ." אָפּגעזאָגט. פון אַן עסקאַדרע קריגס-שיפן, וואָס דער צאַרישער שטאַב האָט געשיקט געגן „פּאָטיאָמקין", איז איינע, „געאָרגי פּאָביעדאָנאָסעץ" צוגעשטאַנען צום „פּאָטיאָמקין", אָבער שפּעטער פאַרראַטן. „פּאָטיאָמקין" איז אַוועק אין רומענישן האַפן קאָנסטאַנצאַ, וואו די מאַטראָסן זיינען אַראָפּ. טייל זיינען געבליבן אין רומעניע, אַנדערע זיינען אַוועק אין אויסלאַנד, טייל צוריק אין רוסלאַנד, וואו עס זיינען אַרום און אַרום גע'משפּט געוואָרן 185 פון „פּ." און „געאָרגי", 7 הינגעריכטעט. כאָטש דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן, האָט אָבער די געשיכטע „פּאָטיאָמקין" געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער רעוואָלוציע.

צירקל — לאָקאַלע פּאָליציי-הײדקוואָדערס.

קוראָפּאַטקין, אַלעקסעי — גענעראַל, געווען הויפּט פון דער אַרמיי אין מאַנדזשוריע און הויפּט-קאָמאַנדיר, אונטער אַלעקסעיעוו'ן, אין דער מלחמה געגן יאַפּאַן ביז דער מפּלה ביי מוקדען, ווען גענעראַל ליניעוויטש איז געוואָרן הויפּט-קאָמאַנדיר.

קאַנצעלאַריע — קאָנטאָר, אָפיס.

קאָנקע — פערד-טראַמוואַי.

קאַ-דע'טן — איניציאַלן (ק.ד.) פון די ווערטער קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן, אָדער „פּאַרטיי פון פאָלקס-פרייהייט", פּאַרטיי פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, געגרינדעט אין סוף 1905. איז געווען די הויפּט-פּאַרטיי אין דער ערשטער דומע, די בורזשואַזע אָפּאָזיציע צום צאַר, געזוכט צו באַהערשן דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם און אַריינפירן אים אין די ראַמען פון „געזעצמעסיגע" פּאָליטישע רעפאָרמען. די פירער פון די קאַדעטן האָבן גענוצט שאַרפע ווערטער, ווען די רעוואָלוציאָ-

נערע כוואַליעס זיינען נאָך געווען הויך, אָבער האָבן פון אָנהויב געזוכט זיך צונויפצוגיין מיטן צאַר, קיינמאָל ניט געפאָדערט קיין גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, זיינען ניט געווען פאַר אָפּשאַפן די מאָנאַרכיע. אין די שפּעטערע יאָרן זיי-נען די ק. ד. געוואָרן אַן אָפענער טייל פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע און רע-אַקציע, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן איני-גאַנצן אין די אָרעמס פון צאַריזם און דער שוואַרצער מאה בשעת דער וועלט-מלחמה. נאָך אָקטאָבער 1917 — איני-ציאַטאָרן פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע און אינטערווענציע געגן דער סאָוועטן-רעגירונג.

קאָוואַלעווסקי — פירער ביי די קאַ-דע׳טן.

„ריעטש" — אָרגאַן פון די קאַ-דע׳טן.

רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה — אָנגעהאַלטן פון יאַנואַר 1904 ביז יוני 1905, ווען דער פרידנס-אָפּמאַך איז געשלאָסן גע-וואָרן אין פּאָרטסמוט, ניו העמשאַיר, פאַראייניגטע שטאַטן. די מלחמה איז געווען אַ פאָרזעצונג פון דער באַרויבונג פון כינע מצד צאַרישן רוסלאַנד, יאַפּאַן און אַנדערע מלוכות, שטרעבונג פון יאַפּאַן צו אַן איבער-פאַרטיילונג פון די איינגענומענע טעריטאָריעס און אויך אַ רעזולטאַט פון די אַוואַנטיורעס פון דעם צאַרישן הויפט אויפן ווייטן מזרח, אַלעקסיעיעוו (צוזאַמען מיט בעזאָבראַ-זאָוו׳ן). צוליב אומפייאיגקייט, קאָ-רופּציע און ניט-דערשאַצונג פון די יאַפּאַנישע מיליטערישע כוחות האָט די צאַרישע אָנפירונג געליטן אַ גאַנצע רייע שענדלעכע מפּלות. יאַפּאַן האָט אַלס רע-זולטאַט פון פּאָרטסמוטער אָפּמאַך גע-קראָגן די דרומ׳דיגע העלפט פון אינזל סאַכאַלין, רוסלאַנד האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער אָקופּאַציע פון דרום-מאַנדזשוריע און קאָרייע. די מלחמה, די מפּלות און די גאַנצע אויפגעדעקטע קאָרופּציע האָט געהאָלפן אונטערגראָבן דעם צאַריזם.

רענענקאַמף, פּאַוועל — גענעראַל, איינער פון די צאַרישע תלינים וואָס האָט אָנ-געפירט מיט די בלוטיגע שטראָף-עקס-פּעדיציעס אין סיביר, האָט איינגע-אָרדנט עפנטלעכע תליה-עקזעקוציעס, האָט אַריבערגעשטיגן אַפילו אַנדערע צאַרישע הענקער מיט זיינע מעטאָדן.

ראָדיטשעוו, שטשעפּקין — פירער ביי די קאַ-דע׳טן.

שמידט, פּיאָטער — לייטענאַנט פון פלאָט פון שוואַרצן ים, רעוואָלוציאָנער, ניט באַלאַנגט צו קיין פּאַרטיי. אין אָקטאָ-בער 1905 אַרויסגעטראָטן אויף מיטינ-גען, דעמאָנסטראַציעס, אַרעסטירט גע-וואָרן און דערנאָך באַפרייט, געווען פּאָפּולער צווישן די מאַטראָסן. אין נאָ-וועמבער 1905 אָרגאַניזירט אויפשטאַנד אויף דער קרייצער-שיף „אָטשאַקאָוו". צוזאַמען מיט אַ גרופּע מאַטראָסן גע-משפּט און דערשאָסן געוואָרן פאַרן אויפשטאַנד.